3 1761 04562786 6

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

*by*

**FRIENDS OF THE YIDDISH COLLECTION**

בלויז וועגען די הוצאות וואָס דאָס קינד דארף קאָסטען, צו עס האָדעוועט זיך ביי דיא עלטערען צו ניט. אָט דאָס וועט דיא גע־זעלשאפט נעהמען אויף זיך, פונקט וויא זיא וועט נעהמען אויף זיך דיא קאָסטען פון אַלטע, קראַנקע און שוואכע. ווייטער איז א פראגע פון איינצעלהייטען, און אין איינצעלהייטען, וויא איך האָב שוין געזאָגט, קען מען זיך ניט אריינלאָזען.

פעננר איז געבליבען שטעהן און געקוקט אויף דער ערד; עס איז געווען קענטיג, אז זיא וויל עפּעס פרעגען און האָט ניט קיין מוטה.

— פרעגט ווייטער, שעהמט זיך ניט, — האָב איך איהר צו־געגעבען קוראזש.

— גאָר נישט.... איך האָב נור געוואָלט פרעגען.... איך האָב געוואָלט פרעגען ווען איהר קלייבט זיך צו דרוקען וואָס איך האָב אויפגעשריבען....

**ע נ ד ע.**

איהר זיי פאַרליערען ניך זייער געדולד און קריגענען זיך. ווען אַ מאַן מיט אַ פרוי הייראַטהען אָהן פערליעבטקייט און דערנאָך לעבען זיי גוט און געוואוינען זיך צו אייגער צום אַנדערען, ווערען זיי צוזאַמענגעוואַקסען, און אַמאָל קומט דאַן צו זיי דיא אמת'ע ליעבע. אָבער געוועהגליכער איז דאַס אָהן ליעבע. זיי זייגען זיך טריי, גינציג און צוגעוואוינט אייגער צום אַנדערען וויא חברים.

— און וויא וואָלט געווען אין אַ סאָציאַליסטישע לאַנד?

— וויא זאָל זיין? וואַהרשיינליך וועט מען זיך דאָס רוב צוזאַמענגעהן ווייל מען איז פערליעבט. אָבער קיין כלל דאַרף דאָס נאָר ניט זיין. ווען אַ פּאָאַר ווילען ליעבען צו שטיצען איהרע פאַרבריינגען צוזאַמען, און זיי ווילען זיך נעמעלען מיט זייערע כאַראַקטערען, וועלען זיי אפשר אמאָל זיך צוזאַמענקומען אָהן פאַר־ליעבטקייט. ווער קען וועהרען זאָגען אַ דעה? און ווער קען היינט פאָראויסזאָגען אַלע איינצעלהייטען וועגען דעם וויא עס וועט זיין. אַלץ וואָס מען קען און מען דאַרף, איז פאַרשטיין דעם עיקר; און דער עיקר איז, אַז אַלע ווילען זיין גלייך, אַלע שותפים איבער אַלעם; אַז קיינער וועט ניט זיין אָבהענגיג אָן אַן אַנדערען, אַז יעדער וועט זיין פריי מיט זיין קערפּער און מיט זיין גייסט.

זיא האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן, האָט זיא זיך דערמאָנט אָן נאָך אַ זאַך.

— יאָ, נאָך איין פראַגע! זיא האָט זיך מיר געפּלאָנטערט דיא גאַנצע צייט וואָס איהר האָט גערעדט. איהר זאָגט, אַז קינדער וועלען זיין בעזאָרגט פון דער געזעלשאַפט. וואָס מיינט איהר מיט דעם? וועלען זיי זיך ניט האָדעווען ביי זייערע עלטערען?

— וואָס עפּעס גראַד אַזוי? וועגען קינדער־גערטנער און שוהלען איז ניטאָ וואָס צו ריידען. וועגען בייביס ווייטער, — צו מען זאָל זיי האָדעווען אין געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען, — וועט זיך וועגדען: איבּ אַ פּאָאַר באַלד וועט זייער קינד ווילען אַליין האָדע־ווען און מען וועט וויסען, אַז זיי קענען דאָס טהאָן וויא עס בעדאַרף צו זיין, וועט מען זיי געוויס ניט שטערען. דיא אמת'ע פראַגע איז

מיר זיינען צוזאמען ארויסגעגאנגען פון פארק און זיך געזע־גענט. א פאאר מינוטען שפּעטער האָט זיא מיר אָנגעזאָגט, א פארסאָפּעטע.

— ענטשולדיגט מיר! נאָך איין פראגע! — האָט זיא נע־זאָגט, קוים אָבציהענדיג דעם אָטהעם פון איהר האסטיגען געהן. — איהר ווערט מיר האלטען פאר א משוגענע.... אָבער מיר מאכט ניט אויס. איהר קלערט זיך שוין סיי־וויא סיי: „וואָס פאר א מאָדנע אַלטע מויד דאָס איז! אן אַלטע מויד וואָס איז פארקאָכט נור אין ליעבע....

איך האָב איהר געפּרופט געבען קאָמפּלימענטען, אָבער זיא האָט זיי אוועקגעמאכט מיט'ן האנט אזוי וויא פליעגען אין זומער.

— וויא מיינט איהר, איז ליעבע טאקי נויטיג צו גליק? — האָט זיא געפרעגט, — קען מען טאקי אָהן ליעבע ניט לעבען גליקליך צוזאמען? א פערהייראטהע פּאָאר פאָלק מיין איך!...

איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער זיא האָט ניט געלאָזען. זיא איז געווען פולל מיט געדאנקען וועגען איהר פראגע און זיי האָבען זיך פון איהרע ליפּען אריבערגעגאָסען וויא וואסער פון אן איבערגעפילטע כלי.

— מיר מאכט ניט אויס וואָס איהר ווערט וועגען מיר דיינקען. מיר דוכט, אז ליעבע איז דער גרעסטער גליק וואָס א מענש קען נור האָבען. אפשר האָב איך א טעות. וויא איך פארשטעה, אזוי רייד איך. אָבער איין זאך קומט מיר אויס מאָדנע. פאר וואָס זעהט מען אָפט, אז מען האָט חתונה אָהן ליעבע און דערנאָך לעבט מען גליקליכער וויא א פערליעבטע פּאָאר?

— איך גלויב, אז עס האָט ניט איינס צו דאָס אנדערע, — האָב איך געענטפערט. — פערליעבטקייט איז איין זאך און האָבען א גוט לעבען איז א גאנץ אנדערע זאך. איהר שרייבט דאָך אליין וועגען דעם. דיא ליעבע קען זאָגאר נעהן צוזאמען מיט האס. אָפט טרעפט אז א פערליעבטע פּאָאר שטימען גראָד ניט מיט זייערע כאראקטערען; ביידע זיינען כעסן'ס למשל. זיי ווערען גיך ברוגז,

געוואונטע קינדער. און אויב מען וועט זיך אויסהערען צו געסעלען, וואס מען זיך צוגעהן. איבער ניוואלט וועט קיינער ניט האלטען.

— און וויא וואס זיין, אז „ער" וועט ליעבען און „זיא" ניט, אדער פארקעהרט?

— וועס מאכי זיין שלעכט. אבצושאפען דיא שמערצען פון א האפנונגסלאזע ליעבע אדער פון איפערזוכט נעהמט זיך דער כאציאליזמוס ניט אונטער. קען ער זיך אונטערנעהמען אבצושאפען צאהן-וועהטאג? אפשר וועט דיא מעדיצין אויפקלערען א מיטעל דערצו און אפשר ניט. אבער יעדענפאלס וועלען אימער זיין זאכען, נעגען וועלכע דער מענש איז מאכטלאז. קען מען אבשאפען שניי אדער האגעל אדער שטורם-ווינטען? און דעם כאטש נעגען דיא פיינדליכע קרעפטען פון דער נאטור כאטש מען גרויסע פארטשריטע און א כאציאליסטישע מענשהייט וועט כאבען נאך גרעסערע. אבער און נאנצען בעפרייען זיך פון אלע וועהטאגען וועט דער מענש מכתמא ניט קענען. איפערזוכט איז אפשר איינע פון דיעזען זארט וועהטאגען. אבער וואס קען מען העלפען?... דער כאציאליזמוס נעהמט זיך אונטער אבצושאפען דיא צרות, וואס שטאמען פון מענשען און בלויז פון מענשען, אבער אלע צרות, וואס שטאמען פון דער נאטור — ניט....

דא איז פארביי אונז פארביינעגאנגען א פרוי מיט א בייבי־קעדירוס. זיא האט אויף אונז ניט געקוקט. ווען זיא איז אוועק א היבשע שטיקעל ווייטער, האט פעננע א שמייכעל געטהאן.

— דאס איז מיין שוועסטער, — האט זיא נעזאגט שפילערהייט.

— בעללא? — האב איך געפרעגט.

זיא האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אויף יא.

— זיא איז דאס אומישנע פארביינעגאנגען, אום נייגיעריג קייט. זיא מיינט אז איהר זייט.... א נייער קאנדידאט אויף א חתן ביי מיר....

און זיא האט א שמייכעל לאך געטהאן.

צום ביישפיעל, אז זעלטען וועלכער מאן עס איז טריי זיין פרוי; און דאך מאכט מען זיך אזוי וויא יעדער וואלט נעבעך געווען א צדיק. דער היינטיגער שטענדיגער קאמפף איבער דיא שטיקעל ברויט ענטוויקעלט פאלשקייט, אונעהרליכקייט און צבועצסטווא. אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט וועט ניט זיין קיין ברויט־קאמפף צווישען מענש און מענש און אלע וועלען בעקומען א גוטע ערציהונג; אלזא וועט צבועצסטווא זיין א זעהר זעלטענע קראנק־הייט. דאן וועט מען קיין מאסקע ניט דארפען טראגען, און ניט קענען טראגען.

— וויא זשע וועט זיין? וועט יעדער טהאן וואס ער וועט וועלען?

— הולטייסטווא וועט זיין א זעלטענהייט; מענשען וועלען פיהרען א געזונטען, נאטירליכען לעבען, און איבערטריבענע ליידענ־שאפט וועט ניט זיין קיין אפטע חלאת.

— היינט לעבט מען אין א שטענדיגען קאמפף — האב איך פארטגעזעצט, — אין א קאמפף צו ווערען רייכער, און אין הוילע ציטערניס טאמער ווערט מען ארימער אדער מען שטארבט גאר פון הונגער. מען כאפט איינער ביי דעם אנדערען; מען יאגט זיך, מען רייסט זיך. פון דעם זיינען דיא נערווען צומרייסעלט, צו־ריסען. און דערפון קומען ארוים אלערליי אוננאטירליכע גע־שמאקען, אלערליי ווילדע פיהרונגען. ווען אלע מענשען וועלען זיין שותפים, וועלען זיי זיך ניט רייסען, ניט דורשטען ארייננצוכאפען וואס מעהר און ניט ציטערען צו שטארבען פון הונגער. לאנגווייליג וועט ניט זיין, ווארים מען וועט זיין פארטאן אין אלערליי אינטערעסאנטע זאכען — אין קונסט און וויסענ־שאפט, אין געזונטע „ספארטס", אין אמת'ע פערגעניגענס. עס וועט זיין גוט ענטוויקעלט אי דער קערפער אי דער גייסט. דיא נערווען וועלען זיין געזונטע, דיא בלוט וועט זיין א ריינע, דיא ליעבע וועט זיין א ריינע און א שעהנע. מען וועט זיך צוזאמענ־קומען מיט ריינע ליעבענדע הערצער און עס וועלען געבארען ווערען

תכתים, האבען ווי דאם איינגעפיהרט דעם כלל, אז זיי מעגען אלץ אין א פרוי מאר קיין ואך נים.

איך האב איהר אנגעוויזען אויף דעם, וואס אין איהר ערצעהלונג איז געשריבען וועגען דיעזען פונקט.

— א ביסעל בין איך מיט אייך איינפערשטאנען, אבער נים פיעל. דער עיקר איז דא דיא ברוים־פראגע, אין דיא פראגע פון הערשאפט, — האב איך ערקלעהרט, — אין דיא פריצישע צייטען איז דיא מאראל געוועזען א פריצישע. פאר וואס? דיא פריצים זיינען געוועזען דיא הערשער, איז דיא מאראל געוועזען אין זייערע אינטערעסען. נו, אין אלגעמיין ריידענדיג וועגען דיא ישיבות ציווי־שען דיא מענער אין פרויען, זיינען דיא מענער דיא הערשער. דעריבער איז דיא מאראל אין זייערע אינטערעסען; מיר האבען, אלזא, מ ע נ ע ר ־ מ א ר א ל. דיא מענער זיינען דיא געזעצ־געבער און דיא ריכטער. אזוי איז דאס אין דעם פאליטישען לעבען אין אזוי איז דאס אויך וועגען מאראל. היינט האט דיא פרוי קיין פאליטישע רעכטע, און היינט דאס זיא אויך נים קיין מאראלישע רעכטע, איב מען קען דאס אזוי אגרופען. און פון וואנען שטאמט דאס אלץ? פון דעם וואס דער מאן איז דער ברוים־געבער. אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט ווערט דיא פרוי זיין פונקט אזא מענש וויא דער מאן. זיא וועט זיין א גלייכער שותף אין אלץ. פרויען וועלען דיענען דער געזעלשאפט פונקט וויא מענער, און זיי וועלען זיין פונקט אזוי ענטוויקעלט וויא זיי. אלזא וועלען זיי אין אלעס האבען פונקט דיא זעלבע רעכטע וויא זיי. דיא מאראל וועט ד א ן זיין א גלייכע פאר ביידע געשלעכטען, פונקט וויא דיא פאליטישע רעכטע וועלען זיין גלייך פאר ביידען.

— פיעלעס, וואס היינט ווערט גערעדט וועגען מאראל, איז איבערהויפט נים מעהר וויא צביעצבטיוא, — בין איך זיך אליין אריינגעפאלען אין דיא רייד, — אלע ווייסען אז מען מיינט דאס נים. מען גלאצט מיט דיא אויגען און מען רעדט וויא היילינע, און אין הארצען וויים יעדער אז עס איז אן אנשטעל. מען וויים,

פיעל זיא טראגט אויפ'ן קאפ וועגען דיעזע ענינים און וויא גוט זיא געדיינקט דאס אליז.

— גלויבט איהר טאקי, אז קינסטלערשע נשמות פאדערען מעהר ליעבע וויא געוועהנליכע נשמות? — האט זיא געפרעגט.

— וואס הייסט, „מעהר ליעבע"? — האב איך איבערגע־פרעגט. — ווען מען רעדט וועגען ליידענשאפטליכע ליעבעס־דורשטיגע נאטורען, קען מען מיינען צוויי פערשיעדענע זארטען מענשען. מען קען מיינען אזעלכע, וואס ליעבען ליידענשאפטליך דיא זעלבע פערזאן. זיי זיינען איהר טריי אויף אימער און ליעבען איהר מיט אן אונגעוועהנליכען פייער און איבערגעבענהייט.

אלס ביישפיעל האב איך געבראכט דעם רוסישען שריפט־שטעלער, טורגענעוו, וועלכער האט רואינירט זיין גאנצען לעבען, ליעבענדיג וויא א שקלאף דיא פראנצויזישע אקטריסע, מאדאם וויארדא, וועלכע איז געווען פערהייראטה צו אן אנדערען און האט טורגענעוו'ן שלעכט בעהאנדעלט.

— ווידער איז פאראן א זארט מענשען, וועלכע ליעבען זיך ניך איין, אבער מיט א פייער וואס געדויערט ניט לאנג; באלד ליעבען זיי זיך איין אין אן אנדערע; דער פלאם צינדט זיך גיך אן און ווערט גיך פערלאשען. נו, וועמען ארט דאס? דיא הויפט זאך איז אז אליץ זאל געהן פון הארצען און ניט צוליעב עפעס אן אנדער אינטערעס. ווען דיא ליעבע איז אן אמת'ע, און דערביי ווערט ניט בעגאנגען קיין לומפעריי, קיין עולה, האבען מיר קיין רעכט ניט זיך צו מישען. היינט איז דיא פרוי ביי דעם מאן אין דיא הענט. ער גיט איהר עסען, איהר מיט דיא קינדער. אט אויף דעם איז געגרינדעט דיא גאנצע היינטיגע מאראל. היינט איז דאס רוב טאקי דיא פפליכט פון א מאן צו דערשטיקען אין זיך ליעבע צו אן אנדער פרוי, אום ניט צו צוברעכען דעם פאמיליען־נעסט. וואס אנבעטרעפט דיא פרוי, איז דאך אבגערעדט. אזוי וויא דיא מענער זיינען דיא ברויט־געבער, דיא הערשער, דיא בעל

— דאס וואס זיין איהר עסק, און ווייטער קיינעם'ס ניט. וועמען נעהט דאס אן אויסער איהר? אפילו היינט מישט זיך דאך דאס געזעץ אויך ניט אין אזעלכע זאכען. מעהר ניט, היינט באטראכט מען אזא פרוי. און אפילו דאס ווענדט זיך אויך אן דעם וועה די פרוי איז: אויב זיא איז א געוועהנליכע פרוי, בעקומט זיא א מיאוסען נאמען. אויב, ווידער, זיא איז א רייכע און גע־הערט צו דיא „הויכע פענסטער”, איז דאס פאר איהר נאך שעהן. נעהמט אמעריקא למשל: דא הערשט דער „פוריטאנישער” גייסט, דאס הייסט, מען איז דא העכסט „פרום” און „שעהמעדיג”. טהע־אטער־שטיק, וואס ווערען געשפיעלט איבער גאנץ איירפא, ווערען דא אפט פערבאטען אלס „איינגעלאסענע”; דאס זעלבע איז מיט געוויסע ראמאנען. פון דעסטוועגען פיהרען דיא היגע געלד־זעק און זייערע דאמען אלערליי ליבע ראמאנען, און דאס רעכענט זיך נאך מעשה אריסטאקראט.

— אקטיארען און אקטריסעס זיינען אויך אזוי, — האט פענני בעמערקט. — זיי מעגען אויך אלץ.

איך האב זיא געלעזען וועגען גרויסע פאעטען און פאעטעסען, וואס האבען געפיהרט א פרייען לעבען. זיא האט געוואוסט פון דיא בעריהמטע ענגלישע שרייבערין דזשארדזש עליאט, וועלכע האט געלעבט מיט דעם ענגלישען דיינקער און שרייבער דזשארדזש הענרי לואיס, כאטש זיי זיינען ניט געווען געזעצליך פערהייראטה; זיא האט גוט פערשטאנען, אז ביידע זיינען זיי געווען הויך־מאראַ־לישע מענשען, און אז ענגלאנד, וואו זיי האבען געוואוינט, איז פונקט אזא פרומע לאנד וויא אמעריקא. איך איז זיא בעקאנט געווען מיט דער ליעבעס־געשיכטע פון דעם גרויסען מוזיקער שאפען און דער שריפטשטעלערין זשארזש זאנד, וויא אויך מיט זשארזש זאנד'ס אנדערע ראמאנען. וועגען אלע דיעזע זאכען האט פענני געלעזען אין פערשיעדענע אידישע צייטונגען, זשורנאלען, ביכער, און זיא האט אלץ געוואוסט מיט יעדען נאמען און מיט יעדער איינצעלהייט. עס איז פראקטיש געווען נשתומם צו ווערען, וויא

יעדע פאמיליע איז א בעזונדערע וועלטעלע). אין א סאָציאַליס־טישער וועלט אָבער וועט ניט דיא פרוי ניט דיא קינדער אָן דעם מאַן־און־פאָטער אבהענגיג ניט זיין. יעדע פרוי וועט האָבען א בעשעפטיגונג, צו וועלכע זיא וועט זיין פעהיג און וועלכע וועט איהר זיין אנגענעהם. זיא וועט אליין פארדיענען איהר חיונה אזוי גוט וויא איהר מאַן. און דיא קינדער וועט אויפהאלטען דיא גאנצע געזעלשאפט. און קיין ירושה וועט גאָר ניט זיין. עס וועט זיין א וועלט ניט פון פריוואַט אייגענטהום און אונזיכערהייט, נור פון בשותפות'דיגע אייגענטהום און זיכערהייט. קיינער וועט ניט קענען איבערלאָזען א ירושה און קיינער וועט כמעט ניט האָבען וואָס איבערצולאָזען בירושה (איך זאָג „כמעט", וואָרים זאכען וואָס דער מענש אליין געברויכט פאר זיין אייגענעם גענוס, וויא צום ביישפיעל, א בילד, אָדער א פידעל, אָדער א שטוהל, וועלען בע־לאנגען צו איהם. פארקויפען דאָס אָבער, אָדער מאכען געשעפט דערמיט וועט ער ניט קענען. ציהען חיונה פון זיין אייגענטהום וועט ער ניט דארפען און ניט טאָרען). קיין ברויט־פראַגע וועט שוין מעהר ניט זיין; דעריבער וועט מען מעהר ניט דארפען בעוואָרענען דיא אינטערעסען פון א פרוי און פון קינדער. אלזאָ, פאלען אראָפּ אלע שטערונגען זיך צו שיידען מיט דיא אלע גט־צערעמאָניעס אָדער גט פראָצעסען. דער מאַן וועט זיין פריי און דיא פרוי וועט זיין פריי. עס וועלען ניט זיין קיין געצוואונגענע התונות און קיין געצוואונגענער לעבען צוזאמען. מען וועט זיין פריי צו ליעבען און פריי אויפצוהערען צו ליעבען. אָט דאָס איז אייגענטליך דער עיקר פון אמת'ע פרייע ליעבע.

דיא אויגען האָבען ביי פעגני'ן געפינקעלט און דער פנים האָט ביי איהר געברענט, אזוי וויא זיא וואָלט לאנג געשטאנען ביי אַן אויווען.

— און וויא וועט זיין, אז איינע וועט וועלען לעבען א פרייען לעבען, — היינט מיט דעם און מאָרגען מיט יענעם? — האָט זיא געפרעגט, ניט קוקענדיג מיר גלייך אין פנים.

כליין הירש'ן געווען אדער ואגער אין דעם אויך. פיעל וויכטיגער איז דיא פראגע וועגען א גט. שיידען זיך איז היינט שווער. ווארום? ווייל דאס איז דיא וויכטיגע פראגע. א פאר מאלה הען, צום ביישפיעל, ניט רייזען. זייער לעבען איז א גיהנם. דאכט זיך, דאס בעסטע וואלט פאר זיי געווען זיך צו צוגעהן. איז דאס אבער זעהר שווער. דאס געזעץ שטעלט זיי דערביי דיא גרעסטע שטער־רונגען. און ניט נור דאס געזעץ; זייערע בעקאנטע, און דיא וועלט אין אלגעמיין לאזט זיי אויך זיך ניט פאנאנדערגעהן. צו שיידען זיך איז ניט שעהן, אדער ואגאר „ניט מאראליש". אזוי, צום ביישפיעל, איז ביי דיא ענגלענדער אדער דיא אמעריקאנער. אלזא טרעפט איך כריט אין שרייט, אז א פאאר פאלק פלאגט זיך צום דעם גאנצען לעבען אין שנאה און קריגעריי און ביידע האבען ניט קיין מוטה אדער קיין מעגליכקייט איינער פון דעם אנדערען זיך צו בעפרייען. זעהר אפט האלט מען זיך צוליעב דיא קינדער. צו דורך דאס, צו דורך דעם, אבי מען האלט זיך איבער־געוואלט. ניט איין זעלבסטמארד איז דורך דעם שוין ארויסגעקומען. פאר וואס זשע איז דאס אזוי? פאר וואס איז אזוי שווער צו שיידען זיך? פרעגט ביי דיא גלחים, וועלען זיי אייך זאגען, אז צו גט'ען זיך איז א גרויסע עבירה. און אמת'ן אבער שטאמט דאס אלץ פון דער ברויט־פראגע. דיא פרוי מיט דיא קינדער איז היינט אבהענגיג פון דעם מאן־און־פאטער. ער איז זייער שפייזער כל זמן ער לעבט און ווען ער שטארבט לאזט ער זיי איבער בירושה דאס וואס ער פארמאגט. דעריבער פאדערען דיא אינטערעסען פון דער פאמיליע, אז ער זאל זיך ניט קענען אפטשעפען. און דעריבער זיינען דיא געזעצע און דיא אלגעמיינע מיינונגען וועגען גט'ען זיך זעהר שטרייגג. דיא געזעצמאכער זיינען אפילו דיא מענער (זיי זיינען היינט דיא הערשער; נו, וואלטען זיי געקענט מאכען געזעצע וואס זאלען זיי ערלויבען זיך צו בעפרייען. אבער געוועהנליך זיינען דיא אינטערעסען פון יעדען מאן פארבונדען מיט דיא אינטערעסען פון זיין פאמיליע. עס איז א וועלט פון פריוואט אייגענטהום, און

אזוי פיעל, און יעדע פערדאמט אלע אנדערע. אט זיינען פאראן מענשען, וואס האבען גאר א רעליגיאן אהן א גאט. זיי גלויבען נור אין נאטור־קרעפטען, אין ענטוויקלונג, און אין דער מענשהייט. דיא מענשהייט פארנעהמט ביי זיי דעם פלאץ פון א גאט און דיא וויסענשאפט מיט דער קונסט זיינען זייער תורה. און זיי רופען דאס אן רעליגיאן! איין זאך קענען מיר אייך זאגען: ווען אויף דער וועלט וועלען ניט זיין קיין ארימע און קיין אונטערדריקטע, וועלען אלע זיין אמת געבילדעט און דיא אלגעמיינע בילדונג וועט שטעהן זעהר הויך. פון אבערגלויבערישע נארישקייטען וועט דאן קיין רייד ניט קענען זיין. דיא רעליגיאנען, וויא מען פערשטעהט דעם ווארט געוועהנליך, וועלען דאן קיין פלאץ ניט האבען. א חוץ אלעם: ביז היינט איז געוועזען א ספעציעלער אינטערעס דיא רעליגיאנען אויפצוהאלטען: דיא הערשער, דיא דריקער, דיא רויבער לוינט זיך אז זייערע אונטערטהעניגע זאלען זיין בהמות און ציטערען פאר׳ן הימעל — פאר אזא הימעל, וועלכער זאגט, אז עס מוזען זיין ארימע און רייכע, און אז אלץ איז א מזל זאך. אין א סאציאליסטישער וועלט וועלען קיין הערשער ניט זיין; אלע וועלען זיין גלייך. דעריבער וועט קיינער ניט האבען דעם דאזיגען אינטערעס אויפצוהאלטען דיא רעליגיאנען. אדער נעהמט דיא גלחים. רעליגיאן איז זייער געשעפט. פיעלע פון זיי לאכען זיך אליין אועם פון דעם. זיי ציהען אבער זייער חיונה פון אבער־גלויבען. דעריבער פארשפרייטען זיי דאס. אין א סאציאליסטישע געזעלשאפט וועט יעדער זיך געפינען אן עהרליכע בעשעפטיגונג. פון צבועצסטווא וועט מען קיין לעבען ניט קענען מאכען און ניט דארפען מאכען.

— וועט מען חתונה האבען אהן א רעליגיעזע צערעמאניע, הייסט עס, — האט זיא געזאגט מיט א פערטראכטע, טיעף־פער־אינטערעסירטע מינע.

— ניט דאס איז דער עיקר, — האב איך איהר איבערגעשלא־גען דיא רייד. היינט האבען דאך אויך פיעלע פאאר פאלק חתונה

וואָלט נאָך געהאַט א האַלבע צרה. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס מיין ערקלערונג האָט איהר ווייניג איגטערעסירט. זיא האָט זיך אַנגעשטרענגט צו הערען און האָט געהערט בלויז מיט איין אויער. כל זמן איך האָב גערעדט דירעקט איבער דער פראגע וועגען מיינער און פּעני'ן, האָט זיא זיך צוגעהערט מיט דער טיעפסטער אויפמערקזאַמקייט. ווייל איך בין אָבער אריבערגעגאַנגען צו אַנדערע פּונקטען פון דעם כאַציאַליזמוס, איז דאָס איהר אין איין אויער אריין און פון דעם אַנדערען ארויס. אָבער וויא אַזוי קען מען ערקלערען וויא אין א כאַציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט זיך פיהרען מכּת ליעבע און היראַטה, ווען מען פּאַרשטייט ניט פריהער וואָס א כאַציאַליסטישע געזעלשאַפט איז אייגענטליך, — און וואָס עס באַשטעהט איהר עיקר? דאָך מיט איהר גוטען קאָפּ האָט זיא פּאַרט געכאַפּט דעם סך הכּל פון מיינע רייד, און האָט געוואוסט וויא צו שטעלען ווייטערע פראַגען. אַזוי פרעגענדיג און אליין ריידענדיג, האָט זיא מיר ווייטער ארויסגעקערעוועט אויף דעם ענין, און וועלכען זיא איז געווען פּאַרטייאיש.

— ווען אַלע וועלען זיין גלייך, וועט א מיידעל ניט דאַרפען היראַטהען א מאַן, וואָס זיא ליעבט ניט; זיא וועט ניט דאַרפען איהם היראַטהען נור דערפאַר וואָס ער קען איהר געבען עסען. דאָס פּאַרשטעה איך שוין, — האָט זיא געזאָגט — דאָס איז אייגס. דאָס איז שוין גוט. וואָלט דאָס נור אַזוי געקענט מקיים ווערען, וויא גוט דאָס איז.... קיין פּראָסטיטוטקעס וואָלטען דאַן ניט זיין, ווייל קיין פרוי וואָלט ניט זיין אָרים אָדער עלענד. דאָס פאַרשטעה איך אויך. אויך וואָלט קיין מאַן פאַר גדן זיך ניט מוזען פאַרקויפען צו א פרוי וואָס אין איהם ניט ליעב. דאָס איז מיר אויך קלאָר. וויא איז אָבער מיט חופּה וקדושין? און רעליגיאָן גלויבט איהר דאָך מסתּמא ניט....

אין דיא כאַציאַליסטישע פּראָגראַמען ווערט וועגען רעליגיאָן ניט דערמאָנט. דאָס איז א פּריוואַטע זאַך. פיעלע פון דיא טרייעסטע כאַציאַליסטען זיינען רעליגיעז. אָבער רעליגיאָנען זיינען פאַראַן

זיך דיא הערשאפט פון דיא פריצים. דאן וועלען זיי, דיא ארביי־טער, זיין אי ארבייטער אי בעל־הבתים.

אלע צוזאמען וועלען זיי דאס זיין — האב איך ווייטער געזאגט. — אלע בשותפות! ווארים אין זייער שותפות׳דיגער ארבייט בעשטעהט זייער מאכט. א וועלט פון שותפים און קיינע געדונגענע, קיינע אונטערטעניגע. פארגעסט ניט דעם ווארט שותפים! דיא סאציאליסטען ווילען האבען אז אלע זאלען זיין שותפים איבער אלע פאבריקען, איבער אלע באהנען, מינען, פארמס, טעלעגראפען, שיפען, איבער דיא סקלאדען פון אלערליי זאכען א. ז. וו. דער פארצייטיגער פויער וואלט זיך לייכט גע־קענט זיין שטעדטעל בעשטעהן אהן א פריץ. ער וואלט זיך אליין געקענט בעארבייטען דיא ערד און זיין פאר זיך א בעל הבית. דער אונגליק איז אבער געווען, וואס דיא ערד האט בעלאנגט ניט צו איהם, נור צום פריץ און ער אליין איז אויך ניט געווען קיין בעל הבית איבער זיך. ער האט אויך בעלאנגט צום פריץ. דער היינטיגער ארבייטער ווידער איז יא א בעל הבית איבער זיך אליין. אבער וואס איז דיא פעולה? אז ער האט ניט ביי וואס צו אר־בייטען און מיט וואס צו ארבייטען.... פארצייטען פלעגען אויף אליין זיין קליינע בעל מלאכות, און א קליינער בעל מלאכה ארבייט ביי א ביסעל וואארע און מיט א פאאר ביליגע שטיקלעך געצייג, און יעדער קען גרינג ווערען פאר זיך א בעל הבית. היינט אבער פאא־דערט זיך א גרויסע פאבריק מיט מאשינען, מיט א סך וואארע. דאס האט דער ארבייטער ניט. דעריבער מוז ער זיך פארדינגען צו דעם קאפיטאליסט, מאכען איהם רייכער און אליין זיך פלאגען אין דלות. דעריבער פאדערען דיא סאציאליסטען, אז אלץ וואס איז נויטיג צו דער ארבייט זאל בעלאנגען בשותפות צו אלעמען. דאן וועלען מעהר ניט זיין קיין ארימע.

זיא האט מיר אי יא פערשטאנען אי ניט פערשטאנען. מיינע סאציאליסטישע געדאנקען זיינען צו איהר געקומען צו פלוצלינג. זיא האט ניט געהאט קיין צייט זיי צו פערדייהען. אבער דאס

וואָס קיינער ניט זיין געצוואונגען צו הייראַטהען אָהן ליעבע אָדער צו לאָזען זיך שײדען.

ווי האָט מיר געמײנט די געוועהנליכע קשיא: וויא קען דאָס זיין, אַז עס וועלען ניט זיין קיין אָרימע לייט? וויא קען מען איבערמאַכען די וועלט?

און איך האָב איהר געגעבען דעם אַנטוואָרט, וואָס איך האָב פון געגעבען פיעלע אַנדערע אויף די דאָזיגע פראַגע: עס איז אַ מעות, אַז מען קען די וועלט ניט ענדערען. אדרבא, זיא האַלט שטענדיג אין ענדערען זיך. אַט זיינען אַמאָל די פריצים געווען די הערשער און היינט זיינען קאַפּיטאַליסטען די הערשער. ווען מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק, למשל, וואָלט איטיצער געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען בעל הבתים פון וואָרשטאַטען, כוהרים און פּראָצענטניקעס וועלען פיהרען די הויפּט „גרענדע" אויף דער וועלט, וואָלט מען געענטפערט, אַז דאָס איז אונמעגליך; מען וואָלט אויך געטענה׳עט, אַז די וועלט קען מען ניט איבערמאַכען. יאָ, די וועלט ענדערט זיך, בייט זיך שטענדיג. עס קומען צו מאַשינען, עס ווערען איינגעפיהרט נייע פיהרונגען, עס קומען ארויס נייע אומשטענדען. דאָס וואָס נעכטען וואָלט געווען אונגלויבליך, איז היינט אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך.

איך האָב איהר ערקלעהרט אַז דורך די מאַשינען פאַרליערט דער קאַפּיטאַליסט זיין אמת׳ע ווערדע, וואָרים עס פּאָדערט זיך אַז פיעל מענשען זאָלען ארבייטען צוזאַמען, און וואָס פאַר אַ ווערטה האָט איין מענש, (דער עהליכע פּאַרטנערס)? איך האָב אָנגעוויזען אַז דאָס ניט די ארבייטער — אַלעמען צוזאַמען — די מאַכט איבער דער וועלט. זיי זיינען אייגענטליך שותפים ביי דער ארבייט, — דאָב איך גע׳טענה׳ט, — אַלין מאַכען זיי צוזאַמען מיט זייער שותפות׳ע ארבייט. נו, מוז קומען אַ צייט, ווען זיי וועלען בין זיך אראָפּוואַרפען די קאַפּיטאַליסטען, פונקט וויא אַמאָל האָבען די קאַפּיטאַליסטען אראָבגעוואָרפען פון

וועלט, איז געווען א פ ר י צ י ש ע מ אָ ר א ל, איצט זיינען קאפיטאליסטען דיא הערשער, האָבען מיר א ק א פ י ט א ל י ס־ ט י ש ע מ אָ ר א ל. דער קאפיטאליסט נעהמט זיך אויך צו דיא שעהנסטע פרויען. ער שענדט אויך אָרימע מיידלעך און ווייבלעך; מעהר ניט וואָס היינט געהט עס צו אויף אַן אנדער שטייגער. ביי דעם פריץ זיינען דיא פויערטעס איינפאך געווען שקלאפינען, וועה־ רענד דיא היינטיגע אָרימע פרויען זיינען בלומר'שט פריי. אין אמת'ן אָבער זיינען זיי פונקט אזוי פערשקלאפט וויא פארצייטען א פויערטע. דער הונגער טרייבט זיא צו שקלאפעריי אויף'ן פאב־ ריק; דער הונגער טרייבט פיעלע פרויען צו האנדלען מיט זייערע קערפערס; דער הונגער, דיא אָרימקייט, טרייבט א שעהנע מיידעל חתונה צו האָבען מיט א מיאוס'ען מאן, ביי וועמען זיא ריכט זיך צו האָבען א רייכען לעבען. עס איז פונקט דאָס זעלבע וויא דאָס, וואָס דער פריץ פלעגט שענדען „זיינע" דאָרף שיקסעס. דער קא־ פיטאליסט הייראטה וועמען ער וויל, שענדעט וועמען ער וויל. ער איז רייך, אלזאָ איז ער דער פריץ. ניט דוקא וועגען געלט האנדעלט זיך דאָ, נור סתם וועגען רייכטום. אין אייער ערצעהלונג רעדט איהר וועגען נדן. אָבער נדן איז דאָך אויך ניט דוקא געלט. פאר־ צייטען פלעגט מען א כלה קויפען פאר א פאָאָר שעפסען, למשל, אָדער פאר א שטיק לייוועגט, אָדער פאר א קעסיל. און היינט קויפט מען איהר פאר א הויז, א פאבריק אָדער א קלייט.

— וויא זשע וועלען טהאָן אייערע סאָציאליסטען? וויא וועט איהר מאבען, אז אלץ זאָל זיין ריכטיג ראיעל און אמת מאָראליש?

— אמת מאָראליש? איך האָב אייך שוין געזאָגט, אז אמאָל פלעגט זיין א פריץ'שע מאָראל און אז איצט האָבען מיר א קאפיטא־ ליסטישע מאָראל. ווען דער סאָציאליזמוס וועט מקוים ווערען, וועט זיין א ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע מ אָ ר א ל. דאַן וועט איין מענש ניט הערשען איבער'ן אנדערען; קיינער וועט ניט דארפען אָנקומען צו קיין אנדערן'ס לאסקע, ניט זיין ביי קיינעם אין דיא הענט. עס וועלען ניט זיין קיין אָרימע לייט. דעריבער

— און דאָס אַלץ האָט דאָן געהייסען „מאַראַליש" — האָב איך פאַרשטאַנען — און לויט דיא בעגריפע פון יענע צייטען איז דאָס באַמת געווען מאַראַליש.

— וואָס הייסט עס איז געווען מאַראַליש? עס איז דאָך אַבער אונמאַראַליש! דאָס קען דאָך יעדער פאַרשטיין.

בשעת זיא דאָס דאָס געפרעגט, האָט זיא זיך אַנגעשטריינגט מיר צו קוקען גלייך אין דיא אויגען, אזוי וויא מיר וואָלטען גערעדט וועגען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך. אַבער דיא איבערטריבענע ערנסט־קייט, מיט וועלכע זיא האָט גערעדט, האָט אויסגעזאָגט, אַז זיא שעהמט זיך צו ריידען וועגען דעם ענין, הגם זיא ברענט מיט אינטערעס.

— ווען אַ מאַן נעהמט שפּאַצירען מיט זיין אייגענע פרוי, איז דאָס מאַראַליש? — האָב איך געפרעגט.

— געוויס. פאַר וואָס ניט? — האָט זיא געזאָגט מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס ערוואַרט עפּעס אונערוואַרטעטעס.

— נו, און דאָך זיינען עד היום פאַראַן הונדערטע חסידישע שטעטלאך וואו דאָס רעכענט זיך פאַר אונמאַראַליש. ביי אונזערע זיידעס האָט געהייסען אונמאַראַליש ווען דער חתן האָט גערעדט צו דער כלה פאַר דער חתונה. היינט קוקט זיך אַ חתן מיט אַ כלה פאַר אַלעמען אין דיא אויגען און עס איז פאָלשטענדיג מאַראַליש. אין מעקסיקאָ, צום ביישפּיעל, מעג יעדער האָבען וויא פיעל ווייבער ער קען נור שפּייזען (און אזוי איז דאָך אַ מאָל געווען ביי אידען אויך) און דאָס הייסט דאָרט מאַראַליש. ביי אַנדערע נאַציאָנען, ווידער, ווען מען האָט מעהר וויא איין ווייב, הייסט עס העכסט אונמאַראַליש. איהר זעהט, אַלזאָ, אַז דיא מאָראַל איז ניט קיין איבּיגע זאַך, און ניט אומעטום דיא זעלבע. פערשיעדענע צייטען און ערטער האָבען פערשיעדענע זאַרטען מאָראַל. אַלץ ווענדעט זיך אָן דיא אומשטענדען.

ווען דיא פריצים זיינען געווען דיא הערשער איבער דער

געראַנקען, צו וועלבע זיא האָט מיט איהר אייגענעם שכל ניט גע־קענט צוקומען. איך האָב פאָרטגעזעצט:

— אָהן געלט קען אויך זיין „אָרעם און רייך“. דאָס איז דיא הויפּט־זאַך. איהר האָט א טעות ווען איהר גלויבט, אז א וועלט קען זיך ניט פיהרען אָהן געלט; א וועלט קען זיך יאָ פיהרען אָהן געלט! דער אונגליק איז אָבער וואָס אָהן געלט קענען אויך זיין אונגערעכ־טיגקייטען און מיאוס׳ע פיהרונגען. אָט נעהמט, למשל, א פּאַרציי־טיגען דאָרף. צו וויט דאַרפען מיר גאָר ניט געהן. מיט א יאָהר 50 צוריק, למשל, איז נאָך אין רוסלאַנד געווען דיא „פּאַנסטשינע“, דאָס הייסט דער פּויער איז געווען אזוי וויא א קנעכט ביי׳ן פּריץ. דאַן האָט מען אויף׳ן מאַיאָנטעק קיין געלט ניט נעברויכט. דער פּריץ האָט דאָרטען געהאַט פון אַלעם פאַרטיגען. דער פּויער האָט געמוזט ארבייטען פאַר איהם אומזיסט. האָט איהר, אלזאָ, א ביי־שפּיעל פון „אָרים און רייך“ אָהן געלט. דער פּריץ איז געווען רייך און דער פּויער — אָרים. דעם פּריץ׳ס רייכטום איז בעשטאַנען אין קאָרן, ווייץ, גערשטען, האָבער, וואָס דער פּויער פלעגט פאַר איהם ארויסציהען פון דער ערד, אין די העלץ, וואָס ער האָט פאַר איהם געהאַקט, אין דיא בהמות וואָס ער האָט פאַר איהם געפיטערט, אין דיא האָניג, וואָס ער האָט פאַר איהם פון ביהנשטאָקען געשאַפען. וויא־זשע איז דאָרטען געווען מכח ליעבע? ווען דעם פּריץ איז גע־פעלען געוואָרען א דאָרף־שיקסע, אָדער א פערהייראַטהע פּויערטע, פלעגט ער איהר שענדען און קיינער האָט ניט געטאָרט איהם זאָגען א וואָרט. דיא פרויען פון דאָרף זיינען געווען דעם פּריץ׳ס אייגענ־טום אזוי וויא קיה, אָדער ציעגען; ער האָט געמעגט טהאָן מיט זיי וואָס ער האָט געוועלט. אזוי איז דאַן געווען דיא מאָדאַל. נאָך פריהער איז אין אַלע לענדער געווען א געזעץ, אז צו דער נאַכט פון דער חתונה האָט יעדע כלה פון דאָרף, איידער זיא האָט בעלאַנגט צו איהר חתן, בעלאַנגט צום פּריץ.

פעני איז רויט געוואָרען, אָבער זיא האָט זיך געסטאַרעט ניט אראָפּצולאָזען דיא אויגען.

ריפֿען נור איין זאַך: מען זאָל אָבּצאַהלען געלט.) איז דאָס איהר שטאַרק געפֿעלען געוואָרען; אָבּער וויא איז דאָס מעגליך? וויא קען מען דאָס אויסקויפֿען אָהן געלט?

— מיינט איהר, הייסט עס, אַז אָהן געלט וואָלט דיא וועלט אונטערגעגאַנגען? — האָב איך געפֿרעגט מיט א שמייכעל.

אין מיין שמייכעל האָט מסתּמא זיך געפֿיהלט אן אָנצוהערע־ניס, אַז זיא איז זעהר אַן אונוויסענדע, נאַרישע אידענע, וואָרים איבּער איהר פּנים איז דורכגעלאָפֿען א וואָלקען פֿון פֿערדרוס. זיא האָט זיך אָבּער גלייך בערוהיגט און געזאָגט:

— איך מיין גאָר ניט. איך וויל וויסען וואָס א י ה ר מיינט. דעריבּער בין איך דאָך געקומען ריידען מיט אייך.

—וויא לאַנג, גלויבּט איהר, עקזיסטירט גאָר געלט אויף דער וועלט? — האָב איך אָנגעהויבען, און איך האָב איהר גענומען ער־קלעהרען וויא א מאָל, פֿאַרצייטען, פֿלעגט מען זיך בייטען מיט איין זאַך אויף אן אַנדער זאַך: א שעפּס אויף קאָרן, למשל, א פֿעל אויף א האָלץ, א. ז. וו.

ווען מען האָט שוין געהאַט א סך זאַכען צו בייטען און פֿיעלע מענשען האָבען זיך געביטען, איז ביסלעכוויז געוואָרען א מאָדע, אַז אַלערליי זאַכען זאָלען איבּערגעביטען ווערען אויף איין זאַך, אויף פֿיה, למשל, אָדער אויף תּבואות, אָדער אויף דיא פֿעדערען פֿון גע־וויסע שעהנע פֿייגעל. אַזוי איז א סך בעקוועמער. דאַן איז דיא פֿיה אָדער דיא תּבואה אָדער דיא פֿעדערען געוועזען געלט. ערשט שפּעטער האָט מען איינגעזעהן, אַז ווען מען זאָל גאָלד מאַכען פֿאַר געלט, וועט זיין נאָך בעקוועמער.

נאָך דעם וויא איך האָב דאָס אַלץ ערקלעהרט, האָב איך איהר ווייטער א פֿראַגע געשטעלט:

— נו, מיינט איהר נאָך אַלץ, אַז געלט איז דער עיקר?

זיא האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערען. עס איז קענטיג געווען, אַז פֿאַר איהר עפֿענט זיך דאָ א טיר צו א נייע וועלט מיט

ניט געפונען. איך בין אן אונוויסענדע און א רויהע, אבער דאס וואס איך פארשטעה, פארשטעה איך מיט מיין אייגענעם שכל.

זיא איז געבליבען ביי דאס איהריגע, כאטש ברענט איהר און בראט איהר!

דיא איינציגע פראגע, וואס האט איהר שטארק אינטערעסירט און וואס האט, דאכט זיך, ניט געהאט קיין שייכות צו דיא פראגען וועגען מענער און פרויען, איז געוועזען:

וויא אזוי קען זיך א וועלט פיהרען אהן געלט?

איך זאג „דאכט זיך", ווארים אין אמת'ן האט דיעזע פראגע ביי איהר יא געהאט א שייכות צו דעם ענין פון מענער און פרויען — א גרויסע שייכות, א וויכטיגע, א טיעפע. געלט האט ביי איהר געהייסען נדן אדער איבערהויפט דער פערמעגען צוליעב וועלכען א שעהנע מיידעל נעהמט א מאנסביללל, וואס זיא האט ניט ליעב אדער א מאנסביללל נעהמט א פרוי, וואס ער האט ניט ליעב.

מען זאגט א ווערטיל: „אויף געלט שטעהט דיא וועלט". פעני'ס וועלט איז געשטאנען אויף ליעבע און הייראטה. אבער זיא האט פערשטאנען, אז דיעזע זאכען ווענדען זיך אן דער געלט־פראגע. האט עס, אלזא, ביי איהר געשטימט מיט'ן ווערטיל, אז „אויף געלט שטעהט דיא וועלט". זיא איז געקומען צום שלום, אז געלט איז דער קוואל פון אלע צרות און פון אלע מיאוס'ע זאכען וואס קומען פאר מכח פרויען און מענער, חתנים און כלות און מכח דער גאנצער מאראל. זיא האט איינגעזעהן, אז דער אונגליק שטעקט אין דעם, וואס עס איז פאראן „רייך און ארים" אויף דער וועלט. אבער דאס, האט זיא געמיינט, קומט נור פון געלט. דער וואס האט געלט, איז רייך; דער וואס האט ניט קיין געלט — איז ארים. פאר געלט קויפט מען ליעבע; צוליעב געלט ווערט געשאפען פאלשע ליעבע; צוליעב געלט ווערט צושטערט אמת'ע ליעבע; קורץ, געלט איז א טייוועל, וועלכער טהוט אפ אלערליי לומפיגע שפיצלעך מיט דער ליעבע. נו, דיא סאציאליסטען ווילען דעם דאזיגען טייוועל דערשטיקען (זיא האט געמיינט, אז דיא סאציאליסטען פא־

ותנינג... איך מיין דאָ אָבער נור אַזעלכע אַרטיקלען, בעריכטען אָדער ביכער, וואָס בעציהען זיך אויף געוויסע ענינים. זיא איז געווען פאַראינטערעסירט נור אין ליעבעס־געשיכטען, אין דער פראַגע וועגען היירא‌טה, וועגען מענער און פרויען, חתנים און כלות. טראַגעדיעס אָדער קאָמעדיעס וואָס שפּאָטען ארויס פון פערהעלטניסע צווישען דיא געשלעכטען א. ז. וו. אַלץ וואָס איז שייך צו דיעזע זאַכען האָט איהר אינטערעסירט אָהן א ברעג. זיא האָט געקענט געהן צופוס צעהנדליגע בלאָק זוכענדיג ביי דיא סטענדים אָדער אין ביבליאָטהעקען אַן אַלטען נומער פון א צייטונג, וואו עס איז געווען געדרוקט עפּעס א בעריכט אָדער אַן אַרטיקעל וועגען א כלה אָדער וועגען א גט, צום ביישפּיעל.

ווייטער האָט איהר קיין זאַך כמעט ניט אינטערעסירט. זיא האָט קיין געוואלד ניט געהאט ניט צו לעזען און ניט צו הערען אפילו. לייענענדיג אַזוי פיעל וועגען איהרע בעליעבטע ענינים, האָט זיא זיך אַזוי פיעל אָנגעלעזען, אַז איהר מאָרך איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט, הגם זעהר איינזייטיג ענטוויקעלט. פאַרגעסט ניט, אַז זיא האָט איבערגעלעזען א גאַנצען באַרג פון ליטעראַרישע ווערק און דאָס אַליין האָט שוין איהר אויסגעלערענט א סך וועגען מענשען מיט זייערע כאַראַקטערען און נשמות.

קורץ, זי איז געווען א מאָדנער געמיש פון אונגעוועהנליכע ענטוויקלונג און פון דיא גרעבסטע אונוויסענהייט.

ריידענדיג מיט איהר האָב איך באַמערקט, אַז ווען זיא וואָלט ניט געווען אַזוי באַלעזען, וואָלט זיא ניט געקענט אַזוי פאַרשטיין איהרע חתנים און זיך אַליין.

— אַנקעגען וואָס זאָגט איהר דאָס? — האָט זיא זיך אָבגערופען. — איהר ווילט מיט דעם בעווייזען, אַז ווען מען ווייס ניט וואָס אַנדערע קאָפּ־מענשען זיינען געוואָהר־געוואָרען קען מען גאָר ניט פאַרשטיין? איך האָב אַלץ אַליין פאַרשטאַנען! און דיא ביכלעך און צייטונגען וואָס איך האָב געלעזען האָב איך קיין נייעס

וואו מען וויים ניט וואָס פריהער איז געווען. פונקט אזוי וואָלט געווען, ווען מען וואָלט ניט געוואוסט דאָס,וואָס דיא פריהערדיגע קאָפּ־מענשען האָבען שוין אויפגעטהאָן. מען וואָלט אימער געשטאַנען ביי דער ערשטער שורה פון פאָרטשריט. דאָס הייסט — עס וואָלט קיין פאָרטשריט ניט געווען. עס וואָלט געווען אונוויסענהייט, ווילד־קייט — האָב איך געענדיגט מיט גיפט.

זיא האָט דאָס אָבער ניט געפיהלט. וועניגסטענס, האָט זיא ניט ארויסגעוויזען אז זיא פיהלט מיין שטאָבוואָרט. און ווען איך האָב זיך אָבגעשטעלט האָט זיא וויעדער גענומען בעדויערען איהר אונגעבילדעטקייט און אונוויסענהייט, אזוי וויא ניט איהר מיינט מען דאָס. און — מערקווירדיג — איך האָב וויעדער דייטליך גע־זעהן, אז זיא מיינט ניט וואָס זיא זאָגט און אז זיא האלט זיך פאר א געבילדעטע. מיינע רייד האָבען אויף איהר קיין שום ווירקונג ניט געהאט.

זיא איז געווען פאר'עקשן'ט, הארט וויא אן אלטער ביינעל. עס איז איהר געווען ניט איינ־צו־בייסען. איבערהויפּט האָט זיא זיך ארויסגעצייגט גאַנץ אנדערש וויא איך האָב זיך איהר פאָרגעשטעלט לעזענדיג איהר לעבענס־בעשרייבונג. איך מיין ניט, אז זיא איז ערגער, וויא איך האָב געמיינט. ניין, ניט דאָס! ווען איהר לעזט אימיצען'ס בריעף, למשל, מאָלט זיך אין אייער געדאַנק יענעם'ס גייסטיגער געשטאַלט. נו, האָב איך פענני'ס גייסטיגען געשטאַלט, איהר פערזענליכקייט, זיך פאָרגעשטעלט בשעת איך האָב געלעזען איהר ערצעהלונג, און איצט, ווען איך בין מיט איהר אליין בע־קאַנט געוואָרען, האָב איך געפונען א גאַנץ אנדערען גייסטיגען אָנבליק.

פערשטאַנען האָט זיא ווירקליך א סך, און געדאַנקען זיינען איהר אָנגעקומען זעהר גרינג. אָבער מערקווירדיגער פון אלץ איז איהר זכרון. זיא האָט געלעזען כמעט אלץ, וואָס עס איז נור ווען עס איז געשריעבען געוואָרען אויף אידיש, אין צייטונגען, זשורנא־לען, ביכער אָדער ביכלעך, און אלץ געדרינקט זיא כמעט אויף אויס־

זיך אין הארצען האָט זיא געגלויבט, אַז זיא פאַרשטעהט אַלץ אַזוי גוט וויא דער גרויל־רעטטעלסטער.

אין פּערלויף פון אונזער געשפּרעך האָט זיא איין מאָל א זאָג געטהאָן:

— פון הימעל שיקט מען דאָך דיא וויסענשאַפט ניט ארונטער. ווער שרייבט אָט דיא אַלע ביכער? דאָך ניט קיין מלאכים, — מענשען שרייבען דאָך דאָס...

זיא האָט ניט דערהערט. איך האָב אָבער געקענט זעהן, אַז ביי זיך אין הארצען זאָגט זיא: „נו, בין איך פּונקט אַזאַ מענש וויא זיי".

איהר פּערביפלונג גרויסקייט ביי זיך אין איהר ניט־גלויבען אין קיין ביכער האָט אין מיר אָנגעצונדען א מאָרנעם להכעיס־געפיהל. עס האָט אין מיר זיך צוברענט א באַגעהר איהר אָפּצושלאָגען דיא פליגלען, איהר צו בעווייזען, אַז זיא איז טאַקי אַן אונוויסענדע. איך האָב אָבער אָנגעפאַנגען פריינדליך:

—איהר האָט א טעות. אָהן ביכער קען מען דאָך ניט וויסען צו וואָס אָנדערע האָבען זיך דערטראַכט. בילדונג, וויסענשאַפט איז אַן אוצר, וועלכער זאַמעלט זיך פון דור צו דור. טויזענדע יאָהרען וויא ער זאַמעלט זיך. פערשיעדענע קאָפּ־מענשען פון פערשיעדענע לענדער אין ציישען פאָרשען, קוקען נאָך, בעטראַכטען, און דאָס וואָס זיי מהיען אויס, ווערט פערשריעבען. דיא שפּעטערע דיינקער לעזען דאָס, וואָס די פריהערע זיינען דערגאַנגען און זיי דערגעהען נאָך עפּעס. זיי הייבען זיך אויף א טרעפּעל העכער. דיא נאָך שפּעטערע הייבען זיך אויף נאָך העכער. און אַזוי געהט דיא וויסענשאַפט ארויף אַלץ העכער און העכער. ווען אָבער מען זאָל ניט לערנען, לעזען און פאָרשטין וואָס פריהער איז מען געוואָהר געוואָרען, וואָלט יעדער דאָך געמוזט אָנהייבען פון אָנפאַנג, און וואָס וואָלט ער געקענט אויפטהאָן? שטעלט אייך פאָר אַז איהר לעזט א בוך, און אַזוי ניך וויא איהר לעזט אָפּ א שורה פאַרגעסט איהר זיא. הייסט וויא קענט איהר לעזען דיא צווייטע שורה? מען קען ניט לעזען ווייטער

בלאָק... האָב איך אייך עטליכע מאָל אָבגעהיט, ווען איהר קומט אריין אין פּארק. דאָס בין איך מיט א כיון איצט פּארביינעגאנגען. איךָ האָב געוועלט צוגעהן און קיין העזה ניט געהאט.

— אזאַ שעהמערינגע זייט איהר דאָס? — האָב איךְ נעטריעבען קאַטאָוועס.

— כ׳וויים!... איך בין א פּראָסטע אונוויסענדע מיידעל... פּרויענצימער... רופט מיר וויא איהר ווילט... נו, האָב איך מורא געהאט, אז איהר וועט מאכען חוזק פון מיר מיט מיין שרייבען. אָבער אז איהר לאכט ניט און ווילט דאָס נאָךְ דרוקען, איז דאָך אודאי גוט. . . .

מיר האָבען זיך צורעדט וועגען דעם אינהאלט פון איהר שריפט. באלד האָט זיך אימיצער צוגעזעצט צו אונז, און צו ריידען וועגען אזעלכע זאכען איז געוואָרען אונמעגליךְ, — זיינען מיר אויפגע־שטאנען, געשפּאצירט דורכ׳ן פּארק, געזעצט זיך אויף אַן אנדער ליידיגע באנק, ביז דאָרטען האָט זיך אויךָ אימיצער צוגעזעצט; און אזוי בייטענדיג דיא ביינק און ארומשפּאצירענדיג, האָבען מיר פער־בראכט אין געשפּרעך איבער דריי שטונדען, ביז דיננער־צייט. זעהר אָפט האָט זיא דערמאָנט, אז זיא איז ניט קיין געבילדעטע, אַן אונ־וויסענדע. ווען זיא האָט געמאכט עפּעס א בעמערקונג, פלעגט זיא צולייגען: „אזוי קומט אוים נאָךְ מיין נארישען שכל״; אָדער: „אויב עס איז א גרויסע נארישקייט, דארפט איהר ניט פּארגעסען, אז איך בין ניט מעהר וויא אַן אונגוויסענדע, ניט קיין געלעהרענטע; א מיידעל פון א גאנץ יאָהר״.

אָבער כאָטש זיא האָט אזוי געזאָגט, האָב איך פון דעסטוועגען געקענט זעהן, אז זיא האלט פון איהרע מיינונגען זעהר שטארק, און אז איהרע בעמערקונגען האָבען ביי איהר אפשר נאָךְ מעהר ווערטה וויא ביי מיר. עפּעס האָט זיא מיר גערעדט וועגען איהר אונווי־סענהייט צו אָפט!.. און וואָס עפּטער זיא האָט וועגען דעם גע־רעדט, אלץ דייטליכער האָב איך געזעהן, אז זיא האלט פון זיךְ. בילדונג האָט ביי איהר אייגענטליך א קנאפּע ווערדע געהאט. ביי

# עפילאג.

עס זיינען איצט פיער וואכען, עטוואס ווייניגער. איך האב שוין לאנג געהאט איבערגעלעזען פאנני'ס מאנוסקריפט. איך בין געווען זעהר נייגעריג איהר צו זעהן און צו רעדען מיט איהר. אבער זיא האט זיך אלץ ניט בעוויזען. און איך האב קיין בעגריף ניט געהאט וואו זיא וואוינט.

איינמאל א זונטאג אין-דער-פריה, ווען איך בין געזעסען אין פארק אויף א באנק, ניט ווייט פון מיין וואוינונג, איז זיא אנגעקומען. איך האב איהר גלייך דערקענט. זיא איז געגאנגען פארביי מיר. אבער איך האב איהר בעגריסט און אבגעשטעלט. איך האב איהר געבעטען זיצען לעבען מיר און זיא האט מיין איינלאדונג אנגענומען.

איך האב איהר געזאגט, אז איך וועל איהר ערצעהלונג לאזען דרוקען. זיא איז רויט געווארען, און איהרע אויגען האבען גענומען בלאנדזשען פון פרייד און פארשעמטקייט. זיא האט זיך אבער באלד בערוהיגט.

— אימזיסט מאכט איהר אייך א בלבול, אז אייער געזיכט קען מען ניט דערקענען — האב איך געזאגט, שמייכלענדיג. אט האב איך אייך גלייך דערקענט; און איך האב דאך אייך געזעהן נור איין מאל.

— וואס זאל איך דא לייקענען? איך בין זעהר צופריעדען, וואס מיין שרייבען וועט געדרוקט זיין. איך בין ניט קיין געבילדעטע. איך האב זיך גאר ניט געריכט. איך'ל אייך זאגען דעם אמת: איך האב אייך אלץ געוואלט זעהן און פרעגען; איך האב אבער קיין קוראזש ניט געהאט. איך וואוין אט דא דערביי. א פאאר

טויטע קללות. און אזוי האָט זיא איהר נעבראָנדעוועט יעדען טאָג, ביז איין מאָל האָט זיא זיך מיט איהר געטראָפען אין שוהל. זיי האָבען זיך אָנגעקוקט א מינוט, און — אז דיא מאמע ניט דאָס אַ פאַלל צו איהר מיט א געשריי:

— מלכה!

זיא האָט זיך צו־וויינט אויף׳ן קול, און זיי האָבען זיך גענומען קושען. ווען זיי האָבען זיך פונאנדערגענומען, האָט דיא מאמע וויי־טער געכליפּעט און מלכה האָט געלאכט פריינדליך. זיי זיינען גע־וואָרען דיא בעסטע פריינד. זיי זעהען זיך זעהר אָפט עד היום, און גאַנצע שעה׳ן־וויז ריידען זיי וועגען דער היים און בערײדען אמעריקא.

כען אין זיין צואה! עס דאס איז געווען דיא אמת'ע אורזאכע פון זייער מלחמה געגען מיר! זיי האבען געוואוסט, אז זייער פאטער איז עלענד, און אז מיט מיר וואלט ער זיינע אלטע יאהרען פער־בראכט אין רוהע און גליק. ער האט זיי דאס הונדערט מאל געגעבען צו פערשטיין, זיך געבעטען ביי זיי, אז זיי זאלען אויף איהם רחמנות האבען; אבער זיי האבען קיין רחמנות נ י ט געהאט. דיא עטליכע דאללאר, וואס זיי האבען זיך געריכט צו בעקומען נאך זיין טויט איז זיי געווען טהייערער וויא זיין רוהע און גליק. ווען ער וואלט ניט געהאט קיין פעני וואלטען זיי איהם געלאזט הייראטהען מיט מיר. זיי וואלטען זיך נאך געפרעהט, וואס ער וועט ניט „דורען זיי א מת"..... זיי האבען איהם פארמוטשעט, דיא טערדערקעס. ער איז נאך דער געשיכטע געווארען ווייס וויא שנעע. ער האט אויסגע־זעהן מיט צוואנציג יאהר עלטער וויא פריהער.

שרים זיינען דאס. ניט קיין מענשען, און אלץ איבער דיא פאר דאללאר! אלץ ווייל עס זיינען פאראן רייכע און ארימע אויף דער וועלט, און יעדער שפרינגט פון הויט צו זיין רייך. מען טרעט אויף דעם אנדערען. מען צורייסט דיא הארץ פון אן אייגענעם מאמען, אבי נור ארייגצוקריגען א פאאר דאללאר.

מיין שוועסטער האט זיך גענומען צום הארצען במעט אזוי פיעל וויא איך. דיא מאמע האט אויך געוויינט. אבער איהרע טרעהרען זיינען ניט געגאנגען פון הארצען. א קונץ איז אז א אידענע זאל וויינען? אידער דער שידוך איז אבגעלאזען געווארען האב איך איהר געגעבען אנצוהערעניס, אז ווען איך וועל חתונה האבען וועט זיא וואוינען ביי מיר, אז מיין מאן וועט געווים זיין גוט צו איהר. חיבט עס. אז זיא וואלט צו מיין הייראטה נאר ניט צוגעליינט. אבער זיא איז שוין גלאט געווען אלט און גרינדליך פיהלען א זאך האט זיא שוין ניט געקענט, דאכט זיך. נור איין מאל האט זיא ארויסגעוויזען מערקווירדיגע געפיהל. עס איז געווען א מאדנע סצענע.

זיא האט געהערט, אז מלכה, איהר היימישער דבישנא, איז געקומען אין אמעריקא — דאס זיא איהר גענומען שילטען מיט

דאָס האָט איהם שרעקליך געקרייגקט. ער איז אומגעגאנגען א צוטומעלטער, א פאר׳צרה׳טער. ער איז אראָפּגעפאלען פון געזיכט. עס איז געווען א רחמנות אויף איהם צו קוקען.

קיין שטארקען, קעמפפענדען כאראקטער האָט ער ניט געהאט. זיין ליעבע צו מיר האָט איהם געריסען פון איין זייט, און זייערע פערפאָלגונגען האָבען איהם געריסען פון דער אנדער זייט.

און איך בין אויך ניט קיין כוואט צום קעמפפען. איך בין געוואָרען שרעקליך אראָפּגעפאלען ביי זיך, און מיין רחמנות צו איהם האָט מיר גאָר מיין לעבען פארפינסטערט.

קורץ, דער סוף איז געווען אז מיר האָבען זיך געזעגענט און אויפגעהערט זיך צו זעהן.

אָה, וויא מיין הארץ האָט געבלוטעט! איך האָב געביינקט נאָך איהם אָהן א שיעור. איך האָב קיין נעכט ניט געשלאָפען, קיין אפּעטיט צום עסען ניט געהאט. איך האָב געביינקט נאָך דיא גליקליכע עטליכע מאָנאט, וואָס איך האָב מיט איהם געהאט, נאָך דיא גליקליכע יאָהרען און יאָהרען, אויף וועלכע איך האָב געהאָפט. וויא א צופּאטשטע האָב איך זיך געפיהלט — עפּעס אזוי וויא א גנב, וועלכען מען האָט געכאפּט מיט זיין גנבה. דיא גנבה האָט מען איהם פון דיא הענט ארויסגעריסען, און איהם געשלאָגען אָהן רחמנות, פון אלע טרעפּ אראָפּגעבריקעט און אויף׳ן גאס א צובלוטיגטען ארויסגעשליידערט. אָט אזוי האָב איך זיך געפיהלט.

און פאר וואָס האָט מען דאָס מיר אלץ געטהאָן? זיינען דיא מעכטער געווען אייפערזיכטיג צוליעב דעם אָנדיינקען פון זייער געשטאָרבענע מוטער? זיי האָבען איהר גאָר זעלטען דערמאָנט. זיא איז שוין לאנג געווען טוידט, און זיי זיינען געווען צו שטארק פארטהאָן אין זייערע פערגניגענס, דרעססעס און ווייבערשע פּלאָטקעס אום צו דיינקען וועגען אזעלכע זאכען.

ער האָט געהאט א היבשע ביסעל ריעל עסטייט און לויט דעם געזעץ ידשן׳ט א פרוי א דריטעל פון דעם. דאָס איז ניט ריי־ענדיג וועגען א צואה. היינט טעה זוים וויפיעל ער וואָלט מיר אָפּגעשריע־

— בערוהיגט אייך; ניט דא איז דער פלאץ צו ריידען וועגען אזעלכע זאכען — האב איך זיך ביי איהר געבעטען — איך וועל אייך אלץ ערקלעהרען. אפשר וועט איהר בייטען אייער מיינונג.

דאס וואס איך האב זיך געשעהמט און געשראקען זיך האט צוזעגאכען גיכט אין איהר. זיא האט נאך העכער געשריהען, מיט נאך מעהר צו־להכעיס און סם. אבער ביסלעכווייז האב איך אויף איהר געווירקט. מיר האבען אבגעמאכט זיך צו זעהן ביי איהר אין שטוב.

דארטען האב איך אהויז איהר געפינען איהר איינציגע שוועסטער — א געלאסענערע, א קליגערע און מיט אן ערנסטערען כאראקטער ווי זיא. דער געשפרעך איז בעשטאנען פון דיא שרעקליכסטע בעליידיגונגען פאר מיר. אח, וויא זיי האבען מיר געצאפט מיין בלוט! מיינע רייד האבען ניט געהאלפען. זיי האבען מיר איינגעלאבט, געגעבען „קאפולער" אנצוהערעניכען, אז איך בין א מיאוס׳ע אלטע מויד און האב זייער רייכען בחור אריינגעכאפט אין א נעץ פון אינטריגען. איך בין אוועק אהיים מיט א צובראכענע, צובלוטיגטע הארץ.

איהם האבען זיי געמוטשעט אויף אן אנדער שטייגער. זיי האבען איהם פראבירט ניט געלאזט לעבען. זיי האבען איהם ניט אויפגעהערט צו געבען אנצוהערעניסען אויף מיר, צו בעליידיגען מיר, לאכען פון מיר. זיי האבען געוואוסט, אז דאס שניידט איהם וויא מיט מעסערס, — האבען זיי דאס געטהאן אהן אן אויפהער. קיין פריינדליכע מינע האט ער פון זיי ניט געזעהן. זייערע קינדער, צו וועלכע ער איז צוגעבונדען, האבען זיי אויפגעהעצט געגען איהם. איין מאל, צום ביישפיעל, ווען ער איז אריינגעקומען צו זיין איינגערע סאכטער אין הויז, און איהר דריי־יעהריגער אינגעלע, סידני, זיין ליעבלינג ,איז צוגעלאפען צום „גרענדפא". וויא איבער, האט זיא געזאגט:

— גרענדפא וויל דיך מעהר ניט קענען, סידני. ער וויל אונז קיינעם מעהר ניט קענען. ער האט א בעסערע ליידי.

גען צו מענשען זיינען געוואָרען גאָר אַנדערע. קורץ, ס'איז געוואָרען א גאַנץ נייע וועלט פאר מיר.

מיר האָבען אָבגעמאַכט, ווען אונזער חתונה זאָל זיין, דיא איינ־צעלהייטען, וויא אַזוי דאָס אַלץ צו־צוריכטען; וואו זיך צו באַזעצען, וויא פיעל צימערען, וואָסערע פוירניטשור. אַלץ זאָל זיין איינפאַך און גוט, ליכטיג, ריין, היימיש. איך האָב אימער געטרוימט וויא אַזוי איך וועל זיך זאָרגען וועגען זיינע ווינאָדעס, וועגען זיי געזונד, וועגען זיין גוטען געמיטה; און דאָס האָט מיר פאַרשאַפט דעם גרעסטען פערגניגען.

זיינע צוויי טעכטער — ביידע פערהייראַטהע — האָבען נאָך פון קיין זאַך ניט געוואוסט. ער האָט זיך געקליבען זיי צו זאָגען, און ער האָט אַלץ קיין מוטה ניט געהאַט. מיר האָט דיא האַרץ גע־זאָגט, אז עס וועט זיין צרות; אָבער איך האָב זיך געקלעהרט: זיי וועלען צוערשט זיין אין כעס אָבער זיי וועלען בעסער ווערען.

איך האָב א טעות געהאַט.

זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז זייער פאָטער באַגעגענט זיך אָפט עפּעס מיט א פּרויענצימער (אַז איך בין א מיידעל, האָבען זיי צוערשט ניט געוואוסט), און זיי האָבען גענומען שפּיאָנעווען און היטען. איין מאָל איז דיא עלטערע געקומען צו מיר אין שאַפּ, און מיר געזאָגט אָהן קונצען, איך זאָל „זיך אָפּטשעפּען פון איהר פאָטער".

זיא איז א נאַרישע, בייזע פרוי, הגם אַזוי איז זיא ניט קיין שלעכטע. זיא איז געקומען אויסגעפּוצט, רייך און איהר געשפּרעך מיט מיר האָט אויפגערודערט דעם גאַנצען שאַפּ. אַלע האָבען גע־קוקט, און ביי מיר האָט געפלאַמט דער פּנים. זיא האָט געפּרופט ריידען שטילל, און זאָגאַר פריינדליך, אָבער איהר האַס צו מיר איז געוועזן אַזוי גרויס, אַז ניט ווילענדיג האָט זיא גערעדט מיט גיפט, און ביסלעך־ווייז איז איהר קול געוואָרען העכער און בייזער.

— מיין פאָטער וועט מיט אייך ניט חתונה האָבען — האָט זיא געזאָגט — עס איז אַן עברה אייער אַרבּייט.

איך. זעהר אָפט בעשטעהט דיא גאַנצע ליעבע אין קערפּער. א מאַן האַלט, צו בײַשפּיעל, זיין ווייב וויא פון אונז איין קאַץ, אָבער קיין חבר איז זיא איהם ניט. ער קען מיט איהר זיך קישען און האַלזען, אָבער פיהרען א לאַנגען געשפּרעך — ניט. זיא איז ביי איהם „ניט מעהר וויא א אידענע", דאָס הייסט א ווייב, אָבער ניט קיין מענש. און זיא איז צופריעדען. זיא בעטראַכט זיך אויך פאַר „ניט מעהר וויא א אידענע". דאָס רוב פאָאַרלײַד לעבען אזוי. און אמאָל איז פאַרקעהרט: דיא ווייב איז פיעל קלוגער און זיא האַלט דעם מאַן ניט פאַר קיין מענשען.

עס זיינען אָבער אויך פאַראַן א סך מענער, וואָס קוקען אויף זייערע ווייבער יאָ ווי אויף הבר׳טעס, און דיא פרויען אויף זיי — וויא אויף חברים. זיי ליעבען זיך אי מיט׳ן גוף אי מיט דער נשמה. אזא וואָרט ליעבע איז געווען צווישען מיר און דעם לענדלאָרד. און אָנגעפאַנגען האָט זיא זיך ניט פון גוף, נור פון גייסט. דורך דעם וואָס מיר האָבען זיך פאַראינטערעסירט אין דיא געשפּרעכען, וועלכע מיר האָבען געפיהרט, זיינען מיר געוואָרען צוגעבונדען קערפּערליך אויך.

איך בין געווען גליקליך, אמת גליקליך; און׳ער אויך. ער האָט נאָר גענומען אויסזעהן איינגער, מונטערער, שענער, לעבעדיגער, פלינקער. זיינע גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען געשיינט מיט גליק. דיא וועלט האָט ביי אונז בעקומען נאָר א נייע בעדייטונג.

אמאָל, ווען איך פלעג ליגען אין א דאַמאַן, צ. ב., אז דיא וועלט האָט פאַר דעם העלד אָדער העלדין בעקומען א נייע בעדייטונג, האָב איך ניט געוואוסט וואָס דאָס הייסט. איך פלעג מיינען, אז דאָס איז גראָד ווערטער. כאַלע, וועלכע ווערטער עס ווערען געברויכט בלויז פון פיינע ווענען! איצט אָבער האָב איך פאַרשטאַנען, אז דאָס זיינען ניט קיין פוסטע ווערטער: די וועלט האָט טאַקע אין אמת׳ן א גאַנץ נייעם טעם בעקומען ביי מיר. אַלין האָט נאָר אַנדערש אויסגעזעהן. איך האָב זיך נאָר אַנדערש געפיהלט. מיינע בעציהונ־

זיינען געפעלען געוואָרען מיינע רייד. מיר האָבען זיך אזוי גוט פערשטאַנען איינע דיא אנדערע! ער איז א מענש מיט שכל, ניט מיט קיין ביטרען שכל, נור מיט אן איידעלען, א פיינעם. ער האָט אויך א טבע צו בעטראַכטען מענשען און וואָס מיט זיי קומט פאָר, אזוי וויא איך. קורץ, אונז האָט געצויגען ווייטער צו האָבען גע־שפּרעכען.

צוערשט האָב איך וועגען איהם געקלעהרט וויא וועגען אן אַלטען מאַן, א זיידען, אן אָנקעל, מיט וועמען עס איז א פערגניגען צו ריידען. עס זיינען דאָך פאַראַן אזוי ווייניג מענשען אזעלכע! אָבער נאָך דעם צווייטען אָדער דריטען געשפּרעך האָב איך גענומען פיהלען אנדערש צו איהם. אונזערע רייד האָבען אָנגעפאַנגען צו האָבען א מעהר פּערזענליכען כאַראַקטער. ער האָט שוין גערעדט א ביסעל וועגען זיך און א ביסעל וועגען מיר פּערזענליך און איך אויך אזוי. דורך דעם האָב איך עפּעס אזוי וויא פּלוצלונג אויף איהם גענומען קוקען גאָר מיט אנדערע אויגען.

„ער איז נאָך גאָר ניט אזוי אַלט“ — האָב איך א מאָל צו זיך א זאָג געטהאָן, און בין עפּעס אזוי וויא אינערליך רויט געוואָרען, פאַר זיך אליין זיך פאַרשעהמט. „ער איז שעהנער וויא פּיעלע יונגע. וואָלסטו איהם געקענט הייראַטהען?“

וואָס א טאָג ווייטער האָב איך מעהר געפיהלט, אז יאָ...

מיר זיינען געוואָרען זעהר נאָהענטע פריינד, און פיעל מעהר וויא פריינד... מיט דייטליכע ווערטער האָט ער מיר קיין ערקלעה־רונג ניט געמאַכט; אזוי וויא אליין ניט בעמערקענדיג, האָבען מיר ביסלעך־ווייז אָנגעהויבען צו ריידען און האַלטען זיך וויא פער־ליעבטע. מיר פלעגען אָפּמאַכען וואו זיך צו טרעפען. ער פלעגט מיר נעהמען אין גוטע רעסטאַראַנען; מיר פלעגען געהן שפּאַצירען, אוים־פאָהרען.

דאָס רוב ליעבעס פאַנגען זיך אָן פון דעם גוף; מען פאַר־אינטערעסירט זיך אין א פּאָאָר אויגלעך, בעקלעך, אין א געזונטען קערפּער; דורך דעם ווערט מען שוין צוגעבונדען צו יענעם׳ס רייד

געווען נור ליעבע; מיר ווינען געווען אמת'ע גוטע פריינד, אמת געטריי איינער דעם אנדערען. איך זיינען מיר געווען אמת'ע חברים.

איך בין שוין דאן אלט געווען עטליכע און דרייסיג יאהר, אבער ווען איהר וועט הערען וויא אלט ער איז געווען, וועט איהר זיך וואונדערען, וואס איך האב אזא מאן געקענט ליעבען. און אפשר וועט איהר מיר ניט גלויבען, אז איך האב איהם גאר געליעבט. איהר וועט זיך קלערען: אן אלטע מויד! — איז זיא בערייט געווען חתונה צו האבען מיט א טייטען, אבי עס זאל הייסען, אז זיא איז פערהייראטהט.

ער איז געווען א מאן פון עטליכע און פופציג יאהר, און ער איז שוין געווען גאנץ גרוי. און דאך פערזיכער איך אייך, אז מיין ליעבע צו איהם איז געווען זעהר גרויס. איך האב דא געזאגט, אז מיר זיינען געווען חברים און טריי איינער דעם אנדערען; וועט איהר דאך אודאי מיינען, אז קיין ליעבע וויא צווישען מענער און פרויען איז ביי אינז ניט געווען. פערזיכער איך אייך נאך א מאל, אז מיר האבען זיך אמת געליעבט. מיר האבען זיך געפיהלט וויא יונגינקע חתן־כלה, .ויא א יונגע פּאאר טויבעלעך האבען מיר זיך געפיהלט.

ער איז געווען שטוהן־געבוים, א געזונטער, א געטער מאן, מיט שעהנע אויגען. פיעל איננערע וויא איך וואלטען זיך אין איהם דאן געקענט פערליעבען.

אונזער בעקאנטשאפט האט זיך אנגעפאנגען פון א געשפּרעך, וואס מיר האבען געהאט אין מיין שוועסטער'ס שטוב. ער איז געווען דער לענדלאָרד. און זיא האט אהארשט ארייגגעטופט אהין. ער איז געווען גאנץ רייך, א למדן פון דער היים און דא איז ער געווארען פריינטזאנט. עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז ער האט געהערט פון מיין טאטען דעם ראש ישיבה. מיר האבען זיך צורעדט וועגען היימישע און היעגע אידען און מיר איז געפעלען געווען וואס ער האט געזאגט — זיינע געדאנקען, זיין ארט ריידען; און איהם

## VII

איך וועל דערצעהלען נור וועגען נאך איין חתן מיינעם — וועגען מיין ליעבסטען.

דאס איז געווען דער איינציגער מיט וועמען איך בין געווען אמת גליקליך; מיר האבען זיךביידע געליעבט, און אונזער ליעבע איז געווען דורכאוים ליעבע; ווארים עס זיינען פאראן אזעלכע ליעבעם וואס זיינען געמישט מיט האס: מען ליעבט דעם קערפער און מען האט פיינט דעם כאראקטער; מען ליעבט זיך וויא חיות, אבער אלס מענשען קען מען זיך ניט פארטראגען. ביי אונז איז ניט געווען אזוי. מיר האבען זיך געליעבט אי קערפערליך אי אלס מענשען.

פאר וואס טרעפט דאס אזוי אפט, אז פארליעבטע קריעגען זיך, שלאגען זיך זאגאר? א מאל דערגעהט דאס אפילו צו א מארד. פאר וואס איז דאס אזוי? דאכט זיך, שלאגען שלאגט מען דיא וואס מען האט פיינט... דער תירוץ איז, אז צוזאמען מיט דער ליעבע געהט דארטען א שנאה, און דיא שנאה ציינט זיך צייטענווייז ארוים. מען ליעבט דיא לייב, און מען טראגט א שנאה אויף דעם אינערליכען מענשען.

„ליעבע"! — וואס פאר א פאלשער ווארט דאס איז! אויף א מוטער, וואס שפרינגט אין פייער פון איהר קינד'ס וועגען, זאגט מען, אז זיא ליעבט איהר קינד; און אויף אן איינגעליעבטע פרוי וועלכע פאר'סם'ט איהר געליעבטען זאגט מען אויך, אז זיא ליעבט... וויא לעכערליך דער ווארט איז! אויב א ווארט קען זיין א צבועק, איז דאס דיעזער ווארט „ליעבע".

און מיין ליעבע, וועגען וועלכע איך וויל דא דערצעהלען, איז

איז. זיא פלעגט אבער מיטלאכען, ווארים ער פלעגט דאס אלץ זאגען מיט ליעבע. ער איז פראסט געוועזען פארקאכט אין איהר. איך פלעג זיך וואונדערען: וואס טהוט זיך דא מיט איהם? וויא באלד אז ער ווייס אז זיא איז א מיאוס'קייט, טא וואס ציהט איהם אזוי צו איהר?

איך בין געקומען צום שלום, אז דאס זיינען איהרע בעוועגונגען, איהר שטימע, און איהר האלטען זיך.

א זעהר אנגענעהמען קול און זעהר אנגענעהמע אוואיעס האט זיא; א מארגע ווייכקייט, א ליעבליכע אומעדיגע פארטראכטקייט ליעגט אין זיי; זיא רעדט וועניג, שמייכעלט מיט אן עהרליכען גוטען שמייכעל, און אלץ וואס זיא טהוט, טהוט זיא אידעל און שטיל. און האלטען האלט זיא זיך א ביסעלע מיט שטאלץ. איהר פארשטייט? זיא איז ניט זעהר שטאלץ, נור עטוואס. איך אליין האב זיך אויך פאראינטערעסירט אין דעם. א שטאלצע האב איך פיינט. אבער איהר ביסעלע שטאלץ האט מיר געצויגען. ני. האט דער באבס זיך פארליעבט אין דעם און אין איהר קול און אין איהרע אוואיעס. עפעס אזוי וויא אינוועניג וואלט זיא געוועזען שעהן, און ער האט זיך פארליעבט אין דיא אינערליכע מידעל כאטש דיא אויסערליכע האט געהאט א קרומען נאז מיט מיאוס'ע צייהן און ניט־קיין־שעהנע אויגען.

זיי האבען חתונה געהאט.

מילא, אין דיעזען פאל איז געוועזען ליעבע פון ביידע זייטען, ווארים ער איז איהר מאקע געפעלען געוועזען. אבער וויא פיעל פארלעך אזעלכע האט איהר?..

אז עס וואָלטען ניט געווען קיין אָרימע און קיין רייכע, וואָלטען שעהנע פרויען ניט דאַרפען זיך פאַרקויפען צו ניט־קיין־געליעבטע פאַרדיענערס! און שעהנע יונגען וואָלטען זיך ניט פאַרקויפט צו רייכע פאַרזעהענים'ען! אָבער וויא איז דאָס מעגליך? וויא קען דאָס א וועלט זיך פיהרען אַז עס זאָל ניט זיין קיין אָרימע און קיין רייכע? דיא סאָציאַליסטען מיינען שוין גאָר גוט. אָבער וויא קען זייער מיין מקוים ווערען? מאַלע וואָס עס וואָלט געווען גוט...

ניט וועגען שעהנקייט אָדער מיאוס'קייט האַנדעלט זיך דאָ. ניט דאָס איז דער עיקר. מיט ליעבע ווערט געהאַנדעלט. ליעבע ווערט געקויפט און פאַרקויפט. דאָס איז דער עיקר.

ניט אימער ליעבט מען זיך אין א שעהנע. אויף טריט און שריט טרעפט, אַז מען פערליעבט זיך אין א מיאוס'ע און נאָך עפּטער טרעפט, אַז א פרוי פערליעבט זיך אין א מיאוס'ען מאַנס־פערזאָן. אָבער צי שעהן צי ניט שעהן — אבי עס איז פאַראַן ליעבע אויף דער וועלט, און ליעבע קען מען קויפען פאַר געלט. אָט דאָס מיין איך.

יאָ, דיא טיעפסטע ליעבע האָט מען א מאָל טאַקי צו א פער־זעהענים. און אַז מיר האַלטען שוין יאָ דערביי, — וואָס איז איי־גענטליך שעהן און ניט־שעהן? זעהר אָפט איז דאָס ניט מעהר וויא א געשמאַק־זאַך, א חן־זאַך. דאָס וואָס איינעם געפעלט, גע־פעלט אַ צווייטען גראָד ויט .קיין שכל שטעקט אין דעריין ניט.

און דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ. עס טרעפט, אַז א מאַן, למשל, וויים אַז דיא פרוי אָדער מיידעל איז א מיאוס'ע, און דאָך איז ער פערליעבט אין איהר. זיא האָט אַזוי פיעל חן אין זיינע אויגען, אַז ער איז פשוט פאַר'כישופ'ט. איך קען גראָד אַזאַ פּאָריל. ער איז א מאָל געווען מיין באָסס. זיא האָט דאַן געאַרבייט מיט מיר צוזאַ־מען. זיא האָט א קורצען קרומען נאָז מיט גרויסע שיטערע צעהן, און דיא אויגען זיינען ביי איהר אויך ניט איבעריג געראָטען. דער באָסס פלעגט דאָס אַלץ זעהן. ער איז ניט געווען פאַרבלענדט. ער פלעגט ליעבען צו רייצען זיך מיט איהר, וואָס פאַר א „מאָנקי" זיא

א פֿערהייראטהע מיאוס'ע רייכע פֿרוי! אז איך בעטראכט איהר, קומט ביי מיר אויס, אז איהר מאן האט זיך איהר פֿארקויפֿט פֿאר געלט — פֿארקויפֿט זיין לייב פֿאר איהר גרן.

עס איז עקעלהאפֿט געוועז ווען א שעהנע מיידעל האט חתונה מיט א מיאוס'ען מאנסבילל, ווייל ער איז א פֿארדיענער. זיא פֿארקויפֿט איהר לייב צו איהם. איינענטליך איז דאָך דאָס אזוי וויא א גאסען־פֿרוי טהוט. אָבער צו דעם איז מען שוין מעהר צו־געוואוינט. אז א מאנסביל אָבער זאָל מיט זיין לייב האנדלען איז שוידערליכער.

דאכט זיך דיא פֿרוי, דיא וואָס דארף האָבען קינדער, וואָס דארף זיין א מוטער, — זיא איז דאָך היילינ. האָט דאָך בעדארפֿט זיין שרעקליכער צו זעהן וויא א פֿרויענצימער פֿארקויפֿט זיך? דער אנטוואָרט אָבער איז: דער מאנסביל איז שוין פֿון לאנג דער פֿארדיענער, דער שפּייזער. דעריבער איז ער שוין פֿון לאנג דער קויפֿער פֿון פֿרויען־פֿלייש. דעריבער איז מען צוגעוואוינט דערצו. נו. קומט ארויס דער ווידערשפּרוך אז גראָד פֿון דעם היילינען געשלעכט שלעפּען זיך איבער דיא גאסען ארום מיזענדע און טויזענדע פֿארשוועכטע, פֿארוואָרפֿענע, וואָס האנדלען מיט זייערע לייבער.

דיא שעהנע כלה זאָגט צו דעם מיאוס'ען רייכען בחור: „קענסט מיך האָבען! פֿאר דיין געלט קענסטו, דוא מיאוס'קייט, מיין געליעבטער זיין. מיין ליעבע פֿארקויף איך."

דיא רייכע מיאוס'ע כלה זאָגט צום שעהנעם בחור: „נעהם מיך! זיי מיין מאן! בעפֿריי מיך פֿון מיין מארטירעריי. איך וועל דיר דערפֿאר א גרויסען גרן בעצאָהלען..."

אָה, וויא מיאוס. וויא עקלעהאפֿט דאָס איז!

ווען איך האָב געהערט, אז עס זיינען פֿאראן מענשען וואָס האבען דיא וועלט פֿאר וואָס אין איהר זיינען פֿאראן רייכע און אָרימע און דיא אָרימע מוזען זיך פֿארקויפֿען צו דיא רייכע, — ווען איך האָב דאָס גוט דערהערט, האָב איך ביי זיך אין הארצען אויס־געשריען:

. . . . . . . .

ענגליש אָדער דייטש אָדער רוסיש וואָלט איך געהאט גאנצע בערג מיט קלוגע ארטיקלען און ביכער אזעלכע. איך מוז זיך בעגנוגענען מיט אידישע; אָבער עס איז דאָ גענוג אידישע אויך — מען דארף נור ניט זיין קיין גלאָמפּ; מען דארף זעהן וואָס עס איז נאריש און וואָס עס האָט א טעם מיט א ריח. און מען דארף ניט סתם לייענען; מען דארף לייענען און בעטראכטען אלין. דאָס עפּענט דעם מח.

איך האָב שוין געזאָגט, מיט וואָס פאר א שנאה איך קוק אויף דיא שעהנע פרויען. ווען איך זעה אָ מיאוס'ע פרוי, וואָס איז פארהייראטה ווייל איהר טאַטע האָט איהר געגעבען אָ סך נדן, דער־פיהל איך צו איהר אויך אָ שנאה. עס ווילט זיך מיר אויסשרייען: „ווי געפעלט זי דיר? זי דארף דאָך גאָר בעלאנגען צו אונזער הדר!" איך פערגין איהר פּראָסט ניט וואָס זיא האָט זיך אויסגע־קויפט. און מיר דוכט זיך, אז זיא קוקט אויף מיר און שמייכעלט: „אהא! איך האָב זיך ארויסגעכאפּט פון אייער אלט־מוידישע חברה און דו מוזט דאָרטען בלייבען!"

ניט מיינט אָבער, אז איך בין אזא ניט־פערגינערין. מען זאָגט אז אן אלטע מויד האָט א פארטריקענטע נשמה; אנדערע זאָגען גאָר, אז זיא טראָגט א בעהאלטענע בלוט־דורשט אין זיך. עס איז ניט אמת. פיעלע פון אונז זיינען גראָד וויך און גוט וויא דיא ענגלען. און דאָס לייגט זיך אויף'ן שכל אויך: א שעהנע פרוי איז אָן ענגאאיסטקע; איז צובאַלעוועט; זיא איז געוואוינט צו קאָמאנדעווען איבער מענער, און צו קוקען מיט פעראכטונג אויף איהרע ניט־שעהנע שוועסטער. זיא מיינט אין אמת'ן, אז דיא וועלט איז בעשאפען געוואָרען פון איהר'ט וועגען! מיר אָבער, דיא פארבראקירטע, זיינען צוגעוואוינט צו זיין בעשיידען, ניט צו פאָדערען צו פיעל. מיר זיינען געוואוינט ניט בעדיענט צו ווערען נור צו דיענען. מען חנפ'עט אונז ניט. מען פערדראַרבט ניט אונזערע הערצער.

ניין, ניט פון ניט־פערגינען איז דאָס, וואָס איך האָב פיינט

גייט דיא גאַנצער פֿון ביזנעס ! .. אַ מאָהל מײנה איך צו זיך : אז עס וואָלט מיין גרן נים געווען, וואָלסט דוא אייך געווען אַ פֿאַרבראַר קירסט, וואָרים די מענער וואָלטען זיך דאַן געבאָטט לויטער פֿאַר שׂעהנע. רייכע אָבער, ווען דוא וואָלסט געהאַט אַ כף גרן, וואָלסט דוא דאָך אַ חתן געקראָגען...

האָב איך אָבער אזא ענטפֿער : ווען עס וואָלט ניט געווען קיין גרן אויף דער וועלט, וואָלט אַ שעהנע פרוי געגומען נור אַ שעהנעם מאַן ; נו, וואָלטען דיא מיאוס'ערע מענער געמוזט בלייבען ביי דיא מיאוס'ערע פרויען. דאָס וואָלט געווען נאַטירליך. און פֿאַרזעסענע מיידלעך וואָלטען געווען אַ גרויסע זעלטענהייט.

דיא געלט־פראגע פאַרפלאָנטערט אלץ, מאַכט אלץ אונגאַטירליך. דיא מיאוס'ע בחורים וואָס פאַרדיענען גוטע געלט, מאַכען צו אלע שעהנע מיידלעך ; דיא מיאוס'ע מוידען וואָס האָבען גרן, נעהמען וועמען זיי ווילען, און דיא אָרימע מיידלעך וואָס זיינען ניט שעהן, האָבען נאָרניט קיין אויסזיכט חתונה צו האָבען.

איך בין צו דיא דאָזיגע געדאַנקען געקומען מיט מיין איינענעם שׂכל. מיין קאָפּ האָט אלע מאָל געאַרבייט איבער דיא דאָזיגע פראַגען, גאָרים דער, וועמען עס קיטעלט אַ שיך, יענער הערט נים אויף צו קלערען וועגען דעם שיך. פֿלעג איך אזוי לאַנג קלערען ביז איך פֿלעג זיך דערקלערען.

איך האָב געזעהן וואָס פאַר אַ מיאוס'ע וועלט מיר האָבען.

קיין געבילדעטע בין איך ניט אָבער לייענען אַ קלוגען אַרטיקעל אָדער אָפּגעם אַ ביכעל האָב איך שוין פֿון לאַנג ליעב. געטריעבען דאָס מיר צו דעם מיין מיידעל'שער אינטערעס. איך האָב געזוכט ראָמאַנען, און פֿון דיא נאַרישע ראָמאַנען בין איך צוגעקומען צו קלינערע זאכען. איך האָב דערמאָנט אַ מאָל אַ ראָמאַן וואָס איז נים אזוי נאַריש. אויף אידיש האָב איך געפֿונען מעשׂיות, וואָס איז ווערט געגעבען צו פֿאַרשטיין ריכטיג און גרונטיג. מען ווערט אַ פֿערשטענדיגער מענש דאָס לעזענדיג. גאַנצע נעכט קען איך אָבזיצען לעזענדיג אזעלכע זאכען. הלואי וואָלט איך געהאַט

אַפּילו אַזוי בעקאַנטע גענומען שרייען אויף מיר, פּאַר וואָס איך בין געוואָרען אַזאַ „פּערזוויערטע", אַזאַ „מרוק"...

איך האָב אַלע ווײַלע געקוקט אין שפּיגעל צו זעהן מיט וואָס איך נודע, עפּעס אַזוי וויא מײַן „נודען" וואָלט געווען אויסגעגאָסען ביי מיר אויפ'ן פּנים. גאַנצענע שטונדען פלעג איך אָפּקלערען וועגען דעם.

— וואָס הייסט אייגענטליך „נודען"? — האָב איך זיך ענדליך געפרעגט.

אין אמת'ען איז דאָס איינער פון יענע ווערטער, וועלכע מען קען ניט פערטייטשען. אָבער מיר האָט געצויגען צו זעהן זיך מיט איהם, נאָר עס האָט מיר געפעהלט א תירוץ אי פאַר זיך אַליין, אי פאַר איהם; האָב איך אין דער פראַגע דערזעהן א נייעם תירוץ. איך וועל געהן און איך וועל איהם פרעגען! זאָל ער מיר ערקלעהרען, מיט וואָס איך נודע. איך האָב געפיהלט, אַז מיט אַזעלכע פראַגען גופא, וועל איך איהם נודען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען, איך בין געגאַנגען איהם ווידער זעהן. און דער סוף איז געווען, אַז ווען איך האָב איהם געכאַפּט נעכסטען מאָל, איז ער געצוואונגען געווען מיר צו זאָגען אַ ליעגען, אַז ער מוז גלייך אַוועקגעהן, און דערביי האָט ער בעמערקט, אַז ער פאָהרט מאָרגען אַוועק.

איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ליעגען, אָבער מעהר נאָך איהם נאָכצולויפען האָב איך שוין קיין מוטה ניט געהאַט.

איך בין ווידער געבליבען אַליין. ווידער האָב איך דער־פיהלט, אַז איך בין אַ פאַרבראַקירטע, ניט וויא אַלע.

באַמערקט: היינטיגע צייטען איז דאָך אַלץ צוליעב געלט. אַ רייכע מיידעל בלייבט דאָך ניט זיצען. אויף איהר געפינט זיך אימער אַ בעלן — זיא מעג אפילו זיין אַ מאַלפּע.

פאַר וואָס בין איך אַ פאַרבראַקירטע? פאַר וואָס קומט דאָס מיר צו זיין אַ מאַרטירערין? ווייל איך בין אַן אָרימע מיידעל! נו, איז דאָס ניט קיין מיאוס'ע וועלט?

מיט דער נאַטור האָט דאָך דיא גדן ביזנעס ניט צו טהאָן. וואָס

געבען מיט א ראה אין קאפ. וואלט מיין ווערטאג אין מיין צוזאמ־
מענקומס ניט געהלפען זיין גרעסער. ווען ער וואלט זאגען טויזענ־
מאל ערגערע זאכען אויף מיר, וואלט דאס מיר אזא ווערטאג ניט
געמאכט.

ער האט זיך גלייך פערכאפט, געפרובט פערגלעטען; ער האט
מיך פערזיכערט, אז ער האט ניט געברויכט דעם ריכטיגען ווארט,
אז פערקעהרט, איהם איז אנגענעהם מיט מיר צו רעדען, ווייל איך
בין א קלוגע... עס האט אבער ניט געהאלפען. דיא ווערטער: „דו
גורעסט מיך" זיינען פערבליעבען אין מיין הארצען וויא א ברע־
נענדער קייל. איך בין א קלוגע! כא! כא! אזוי ווי עס איז
אונמעגליך צו זיין א קלוגע און דאך גורען...

א מערקווירדיגע זאך: דאכט זיך, א ווארט און ניט מעהר,
און גאר ניט אזא שרעקליכער ווארט אויך... דאכט זיך, גאר ניט
קיין גרויסע בעליידיגונג... אבער פון דעם דאזיגען „פילרען" ווארט
בין איך אזוי אהיים א גאנץ נייער מענש. עפעס אזוי וויא מען
וואלט מיר אריינגעווארפען אין א זומפ פון א שרעקליכען ווארט
שמוץ, און מיר אפגעבאדען אזוי, אז עס זאל מיר דורכנעהמען אלע
גליעדער. מיין הארץ און מיין נשמה אבגעבאדען... וואו איך בין
געגאנגען, און וואו איך בין געשטאנען, האב איך געפיהלט, אז
איך גורע. מיט וועמען איך האב גערעדט, האט זיך מיר געדוכט,
אז איך גורע איהם. ווען מען האט מיר געוויעזען עפעס א קאלטע
מינע, הגם דאס איז געווען צוליעב א גאנץ אנדערע זאך, האב איך
געמיינט, אז דאס איז דערפאר, וואס מען האט מיר פיינד, ווייל
איך גורע. אפילו מיין שוועסטער האב איך אפט חושד געווען, אז
זיא וויל פון מיר פטור ווערען, אז זיא ווארט אז איך זאל שוין
אוועקגעהן אהיים, ווייל איך גורע איהר.

איך האב געמדייעט ניט צו רעדען קיין סך; איך בין ניט
געקראכען קיינעם אין דיא אויגען, איך האב זיך געהאלטען בעווו־
רעה, כדי איך זאל ניט גורען; האט אבער מיין שוועסטער און

אַנרופען אַזעלכע זאַכען מיט'ן נאָמען? עס איז גאַר קיין נאָמען צו דעם ניטאַ... פונקט וויא עס איז שווער אָנצואווייזען אין וואָס עס ליעגט א מענשען'ס חן, אזוי איז שווער אָנווייזען זיין אונ־חן.

אָבער א מאָדנע שטימונג איז אויף מיר אָנגעקומען. איך האָב זיך איינגעגעסען אין איהם אז ער מוז מיר אַלעס זאָגען; עפּעס אזוי ווי איך וואָלט דאָ מיט איהם געוואָלט האָבען א דעבאַטע, ערקלעהרען, אז ער האָט א טעות, אז דיא אַלע אורזאַכען פון זיין פיינדשאַפט צו מיר זיינען גאָר קיין אורזאַכען ניט, און אז ער דאַרף מיר יאָ ליעבען... ווענען א געשמאַק־זאַך לאָזט זיך ניט אַרגומענ־טירען, נאַטירליך; מיט דעבאַטען איבערצייגען דעם וואָס ליעבט אייך ניט, אז ער דאַרף אייך יאָ ליעבען — דאָס האָט קיין זין ניט. און איך האָב דאָס אַלץ גוט געוואוסט, און דאָך... איך בין צוגע־שטאַנען, אז ער מוז מיר פּאָרט אַלץ ערקלערען, און איך האָב זיך פון איהם ניט אָבגעטשעפּעט. אָבער איך בין ניט דיא איינציגע ניט־געליעבטע פערליעבטע, וואָס טשעפּעט זיך צו מיט אַזעלכע פראַגען, עסט זיך איין אין דיא ביינער, ווערט נאָך מיאוסער דורך דעם, און קען זיך ניט העלפען...

אזוי האָב איך איהם געמוטשעט מיט מיינע פראַגען, און ער האָט זיך אַלץ געטרייעט אַרויסצודרעהען, ביז ענדליך האָט ער מיר געענטפערט.

אָ, ס'אַרא ענטפער דאָס איז געווען! אזוי לאַנג וויא איך וועל לעבען, וועל איך דאָס ניט פערגעסען. ער האָט דאָס אַרויסגע־רעדט א ביסעל מיט גיפט, פון כעס פאַר וואָס איך לאָז איהם ניט צורוה, און אום מיך צו בעשטראָפען פאַר מיין צוטשעפּעניש זיך צו איהם; און א ביסעל טאַקע, ווייל איך האָב איהם געצוואונגען אַרויסצוזאָגען דעם אמת.

— נו... — האָט ער געזאָגט, מיט א פּנים, וואָס האָט אויס־געדריקט אי פערדרוס, אי שעהמעדיגקייט — וויא זאָל איך דיר זאָגען?... דו גודעסט מיר... ס'הייסט, איך מיין ניט...

מיין האַרץ איז מיר איינגעפאַלען. ווען ער וואָלט מיר גע־

אזוי וויא זיך אליין צו שניידען דאס הארץ מיט א מעסער, און זיך צו באדען אין מיין איינען בלוט.

— אלל רייט! איך וויל הערען דעם גאנצען אמת — האב איך געזאגט, מיט א מין ווילדען טאן — איך וויל איינמאל פאר אלע מאל וויסען, וואו עס ליעגט דא מיין אינגליק. פארוואס שטויס איך דיר אפ פון זיך? זאג! זאג! האב קיין מורא ניט! האב קיין רחמנות ניט! זאג!

ער האט מיר בעקוקט מיט א מינע פון איבערראשונג און פון רחמנות, און דאס מיר א גלעט געטהאן איבער'ן האנד.

— בערוהיג דיך, פעגני, — האט ער געזאגט, — ווארום ביסטו אזוי איבגערעגט?

אס פון דיעזען גלעט איז מיין הארץ אזוי וויא צושמאלצען געווארען, און טרעהרען האבען זיך מיר געשטעלט אין דיא אויגען.

— איך זעה, אז דו ביסט מיינער אן אמת'ער פריינד — האב איך געזאגט מיט א פערשטיקטען, פערוויינטען קול — פאר דיר בין איך בערייט מיין גאנצע נשמה אויסצועפענען. איך ערווארט פון דיר גאר ניט. איך ווייס. אז דו קענסט מיר ניט ליעבען, און איך פאדער גאר ניט. דו ביסט דער איינציגער, וועמען איך ליעב אזוי שטארק, מעג איך דאך וועניגסטענס פון דיר פערלאנגען: דו זאלסט מיר אלין אויסזאגען. דעם גאנצען אמת. אלע, אלע קעהרען זיך אפ פון מיר; אבער פארוואס? פארוואס זאל איך ניט וויסען איין מאל פאר אלע מאל מיט וואס איך טרייב זיי אפ פון זיך. דו מוזט מיר זאגען דעם אמת; דו ביסט דער ערשטער, וועמען איך האב זוען עס איז ווירקליך געליעבט. איך האב א רעכט צו פאדערען פון דיר, דו זאלסט מיר אלעס אויסזאגען — האב איך איבערגעזאגט דאס זעלבע.

ער האט זיך א קרים געטהאן. עס איז איהם אונאנגענעהם געווארען... אזא געשפרעך איז איבערהויפט ניט קיין געשמאקע זאך. ווער וויל דאס יענעם ערקלעהרען מיט איינצעלהייטען, פאר וואס מען האט איהם ניט ליעב? א הויז דעם: קען מען רען איטער

מיר; טויזענד מאָל בעט איך דיר, ענטשולדיג מיר; איך וויים, אז איך בין א פערברעכער געגען דיר.

— אפשר איז דאָס דיין ליעבע צו מאַטילדא'ן? — האָב איך געפרענט.

ביי זיך אין הארצען האָב איך געוואוסט, אז ניט דאָס איז דיא הויפּט־זאך. זיין ליעבע צו מאַטילדא'ן איז שוין לאַנג אין זיין הארצען אָבגעקיהלט געוואָרען; עס איז געווען ניט מעהר וויא א פערגאַנגענהייט אין זיינע ערָאינערונגען. און ווען ער האָט דערצעהלט וועגען איהר, האָט ער בלויז דורכגעלעבט ריעזע אַלטע פערגאַנגענהייט, אזוי וויא א לעזער פון א ראָמאַן לעבט דורך דאָס, וואָס עס קומט פאָר מיט דעם העלד און מיט דער העלדין. איך האָב דאָס גוט פערשטאַנען. איך האָב געוואוסט, אז ניט מאַטילדא שטעהט מיר דאָ אין וועג; ווען א שעהנערע מיידעל וויא איך בעגעגענט זיך מיט איהם, און ער ווערט מיט איהר נאָהענט בעקאַנט, וואָלט מאַטילדא איהם היינט ניט געקענט שטערען זיך פערליעבען אין איהר. ער האָט איינפאך מיך ניט געקענט ליעבען; און ניט בלויז האָט ער מיך ניט געקענט ליעבען, נאָר איך האָב איהם פון זיך פרָאָסט אָפּגעשטויסען. דאָס אַלעס האָב איך זעהר גוט פערשטאַנען. אָבער מיר איז אנגענעהם געווען זיך אַליין אָפּצונארען, אראָפּצואווארפען פון זיך די שאַנד און ארויפצולעגען דיא גאַנצע שולד אויף מאַטילדא'ן. עס איז אָבער געווען אומזיסט.

— מאַטילדא? — האָט ער זיך אָבגערופען — ניין!... איך וויל ניט נארען ניט זיך, ניט דיר, פעגני...

עס האָט אין מיר אויפגעקאָכט דיא בלוט פון פערצווייפלונג, און פון פערצווייפלונג בין איך געוואָרען אזוי וויא א מעדערין. איך וואָלט איהם דערשטאָכען אויפ'ן פּלאַץ. אָבער דאָס האָב איך דאָך ניט געקענט טהאָן. האָב איך מיין פערצווייפלונג אויסגעגאָסען אויף זיך אַליין. א זאָנדערבארער געפיהל האָט מיר בעהערשט. מיר האָט זיך פּלוצלונג פערוואָלט צו הערען דאָס ערגסטע,

וויל בעסער צרויסקומען מיט'ן גאנצען אמת. עס איז מיר שווער געווען צו קומען צו דיר...

— פארוואס? פארוואס? — האב איך געפרעגט מיט נעבעט, טאקע וויא א פערארורטהיילטע.

— עס איז א כך צו רעדען... אוים'ן גאס איז ניט דער פלאץ.

א מינוט זיינען מיר ביידע געשטאנען אהן ווערטער. נאכהער האט ער זיך אפגערופען:

— קום, לאמיר אריינגעהן אין א קאפע; לאמיר זיך דורכרעדען.

ווען מיר זיינען געקומען אין קאפע, האט ער אנגעפאנגען:

— איך האב צו דיר ניט קיין שלעכטען געפיהל, פעגני; איך בין דיר דער בעסטער פריינד; אבער וואס זאל איך טהאן? עס ציהט מיר ניט צו דיר. האב קיין פאראיבעל ניט אויף מיר. איך בין ניט קיין מערדער; איך האס זיך אליין, פארוואס איך זאג דיר אזעלכע ווערטער. איך בין אבער ניט שולדיג. לייקענען האט קיין זינען ניט; דו פערשטעהסט דאך מיי וויא סיי...

— נאר דעם אמת! — האב איך געזאגט — איך קען אליין איבערשטעהן; עס גיסט זיך פון מיר בלוט, אבער בעסער הערען דעם אמת! זאג מיר אליין, דעם גאנצען, דעם גאנצען אמת וויל איך הערען... פארוואס ציהט דיך ניט צו מיר?

און ווען איך האב דאס געזאגט, האב איך אין הארצען מורא געהאט טאמער זאגט ער מיר טאקע דעם גאנצען אמת, דיא אייגענהייטען פון זיין ניט־ליעבע צו מיר; איך האב געהאפט, אז ער וועט מיר ווייטער זאגען גלאט ווערטער, פערדריידען די צייהן...

— איך ווייס ניט... — האט ער ווידער אנגעפאנגען — איך קען דאס אליין ניט ערקלעהרען... עפעס... אה! פאדער ניט פון מיר, פעגני! איך וואלט אין פייער און וואסער געגאנגען פאר דיר; אזוי אמת פריינדליך בין איך צו דיר; אבער וואס זאל איך טהאן? בין איך דען א בעל הבית איבער מיינע געפיהלען? ענטשולדיג

שוואך אין קערפער און אין גייסט... איך האב געמיינט, אז איך וועל פון זינען אראפ.

א וואך, צוויי וואכען זיינען אוועק, און איך האב איהם אלץ ניט געפונען. א פערשמאכטע פלעג איך אומגעהן איהם זוכען. ווען איך בין אפילו געווען הונגעריג, פלעג איך אויך ניט עסען. איך בין געווען אין גאנצען פערטהאן אין איין זאך: איהם צו געפינען, מיט איהם זיך צו זעהן, צו רעדען מיט איהם... אך! איך קען ניט ערקלעהרען וויא אזוי איך האב זיך דאן געפיהלט. עפעס אזוי וויא אן אפגע'משפט'ע פערברעכערין בין איך געווען — אן אפגע'משפט'ע, וואס דער אורטהייל בעשטעהט אין ארומגעהן, ארומגעהן איבער דיא גאסען, און זוכען, און זוכען, און זוכען... אין האלז איז טרוקען, אויפ'ן הארץ חלש'ט, דיא פיס זיינען אפּ־געמאטערט, אבער איך געה ווייטער. א ווארים איז געלעגען אין הארצען, וועלכער האט ניט געלאזען רוהען. איך געה, און געה, און געה... וויא א גלגול האב איך ארומגעוואנדערט, א פערבלאנ־דזשעטע נשמה, וואס זוכט איהר בעל־הבית.

ענדליך האב איך איהם בעגעגענט.

ער איז ארויסגעקומען פון א סאלון, אין וועלכען ער האט פערקויפט סיגארען.

ווען ער האט מיר דערזעהן, האט ער זיך א כאפ געטהאן. ער האט זיך אבער גלייך קאנטראלירט, און האט געגעבען א שמייכעל צו מיר, א שעהמעדיגען און טרויעריגען שמייכעל... איך האב זיך געמאכט, אז איך האב איהם בעגעגענט דורך א צופאל. אבער ער האט זיך געהאלטען אפענער וויא איך. ער איז איבערהויפט א מענש, וואס האט ליעב דעם אמת. אויב ער שפּיעלט א מאל א פאלשע ראלע, טהוט ער דאס אפשר אליין ניט וויסענדיג. עס טרעפט אפט, אז א מענש איז אויף זיך אליין קיין מבין ניט, און זיינע אייגענע אנשטעלען גארען איהם אפּ...

— וואס טויג דאס לייקענען? — האט ער געזאגט — איך

וואס רעדן? גייהן אין קאורט? נאריסקייטען! עס איז ניט מעהר ווי א שאנדע פאר לייטען! וואס פאר א גליק איז א געצוואונגענער שידוך? היינט צו וואס זאל איך זיך ארוועקשטעלן. אז איך בין אן אלמנה מיר, פון וועלכער דער חתן איז אנטלאפען? עס קען נאך אריינקומען אין די פייפערס, און א כוח! די גאנצע וועלט וועט וויסען. אז מען וויל מיר ניט, און מענער וועלען פון מיר ווייכען נאך איידער זיי וועלען מיט מיר בעקאנט ווערען. נו, בלייב איך מיט מיין וואונד אין הארצען, און כאך קיין טומעל ניט. מיין שוועסטער קאכט זיך; זיא שרייט. מאכט גוואלדען, וויל לויפען דעם אנטלאפענעם חתן ארעסטירען פאר „בריעטש אוו פראמיס", אבער איך האלט איהר אפ און שטיל איהר איין.

דא איז אבער געווען נאכן אנדערש.

איך בין געווען שטערבליך פערליעבט אין מאטילדא'ס געליעבטען; איך בין געווען בעצייבערט, און איך האב מיין גאנצע הערצפאפט איבער זיך פערלארען. מיט'ן קאפ האב איך פערשטאנען. אז דאס בעטען איז נאר ניט צו טהאן, אבער די הארץ איז געווען צו שוואך צו פאלגען דעם שכל.

ניט ווילענדיג האב איך גענומען זוכען, שפירען, פארשען; איך האב געוואוסט, אין וועלכע רעסטאראנען ער געהט, מיט וועמען ער איז בעקאנט. מיט וועמען ער האנדעלט, וועמען ער פערטייפט זיינע סיגארען. איך בין נאכגעגאנגען וויא א דעטעקטיוו, און איבעראל געזוכט און נאכגעקוקט. וויא א הונט האב איך געשמעקט א בליאר פון זיינע פיס. יא, איך האב זיך ווירקליך ערנידעריגט ווי א הונט. און איך האב דאס ניט פערשטאנען; איך האב זיך אבער ניט געקענט העלפען; איך האב קיין שום כראפט ניט געהאט זיך איינצוהאלטען. איך בין געווען אזוי ווי א שכור, וועלכער וויים, אז די בראנפען מאכט איהם אונגליקליך, און וועלכער קען זיך פון טרינקען ניט צוריקהאלטען.

פערליעבטקייט איז א קריינק וויא אלע קראנקהייטען. עס נעהמט אפט בייא איך די בחות און דעם מוטה; איהר ווייט

דערצעהלט וועגען זיין טרויעריגער ליעבעס־געשיכטע כדי אין מיין הארצען צו טשעפּען ראָמאנטישע סטרונעס? האָט ער גע־וועלט אין מיר ערוועקען א רחמנות־ליעבע צו איהם? ווען מען וואָלט מיר געשטעלט דיעזע פראגע, וואָלט מיין אנטוואָרט געווען אי „יאָ“ אי „ניין“. א ביסעל האָט ער מסתמא געוואוסט וואָס ער טהוט און א ביסעל האָט ער דערצעהלט אָהן א מיין. עס האָט זיך איהם פּראָסט געגלוסט צו דערצעהלען, און איבערצולעבען זיינע אמאָליגע געפיהלען. קיין פאַלשער מענש איז ער יעדענפאלס ניט. ער האָט גראָד ליעב דעם אמת... אָבער וואָס מאַכט עס אויס? האלטענ־דיג זיין קאָפּ אויף מיין פּלייצע, און טוליענדיג זיך צו מיר, פלעגט ער זיפצען און שיער ניט וויינען אויף יענע מיידעל אין וועלכע ער איז געווען פארליעבט. און איך — אָנשטאָט איהם פון זיך אָפּצושטופּען מיט כעס, בין איך אין איהם שרעקליך פארליעבט געוואָרען. און דאן האָט ער זיך געבאָדען אין מיין פארליעבטקייט. ערוועקט מיין אייפערזוכט, גערייצט זיך מיט מיין ליעבע, געצאָפּט מיין בלוט אזוי וויא יענער שייגעץ מיט'ן הונגעריגען הונט. יאָ, וויא א הונט האָט ער מיר בעהאנדעלט. ער האָט מיר פּשוט אונטער דיא פיס געטראָטען, דער מערדער.

אָה, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אין יענע עטליכע מאָנאַט! און דאָך... איהר וועט מיר אפשר ניט גלויבען; עס איז אָבער אמת: איך האָב זיך גראַטולירט מיט דעם וואָס איך פיהל ענדליך דעם טעם פון זיין פארליעבט! איך האָב געקוואָלען פון מיינע יסורים וויא פון א תענוג. איך פלעג זיך צוהערען צו מיין וועהטאָג און זאָגען צו זיך: אָט דאָס איז דאָס! אָט דיעזער גיהנם איז דאָס דיא ליעבע! ענדליך האָב איך אויך דערלעבט! הייסט דאָך דאָס, אַז איך בין אויך א מענש...

ענדליך האָט דאָס איהם דערעסען. ער איז פארשוואונדען. געוועהנליך, ווען מיינער א חתן הערט אויף צו קומען, לאָז איך דאָס געהן. איך לויף איהם ניט זוכען; איך מאַך איהם ניט קיין סקאַנ־דאַלען; ערשטענס, שטעהט מיר ניט אָן; צווייטענס, קלעהר איך מיר:

צעהלט. עפּעס אַזוי ווי דאָס וואָלט נאָר ניט געווען זיינער אַ ראָמאַן, נאָר אַזוי זיך אַ פּראַגנעריע. ער איז דאָך מיין ליעבער. מיין טהייע־רער; דעריבער אינטערעסירט מיך אַלעס וואָס האָט מיט איהם געטראָפֿען; און זיין טרויער איז מיין טרויער. אַזוי האָט זיך מיר דאָס געדוכט. איך בין אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין דיעזער ראָלע מיינע ביז איך בין ניט אימשטאַנדע געווען צו פֿאַרשטעהן, אַז איך שפּיעל דאָ אַ נאַרישע קאָמעדיע מיט זיך אַליין.

אָבער וויא דיא מעשה איז, איך בין אַריין אין מיין ראָלע. און ווען ער האָט געשילדערט זיינע יסורים פֿון זיין ראָמאַן מיט מאַטיל־דאַ'ן האָט מיר שרעקליך וועה געטהאָן דאָס האַרץ פֿאַר איהם. נאָר אמת. איך וויל זיך אַליין ניט נאַרען. דער עיקר איז געווען, וואָס איך האָב געוואָלט איהם האָבען לעבען זיך. ווען ער וואָלט ניט געוואָלט זיצען מיט מיר, סיידען איך זאָל איהם לאָזען שניידען מיין פֿלייש. וואָלט איך איהם אויך געלאָזען — אַבי ער זאָל נאָר ניט אַוועקגעהן...

מאַטילדאַ פֿלעגט איהם צוהאַלטען מיט איהרע אַקטיאָרישע זיפֿצען, מיט איהר קאָמעדיע, מיט'ן אַנשטעל, אַז זי קען איהם געבען נ י ט ליעבען. און מיט מיר איז געווען פֿערקעהרט: איך האָב ניט קיין שעהנע בלויע אויגען; איך בין ניט קיין אַריסטאָקראַטקע מיט דיימעס אין פּראַנצויז. איך קען ניט נעהמען מיט דעם וואָס איך וועל זיך מאַכען, אַז איך בין גלייכגילטיג. מיט אַזעלכע שטיק וואָלט איך נאָר ניט געקענט אויספֿיהרען; איך פֿרעה זיך, ווען מען לאָזט מיר פֿאַלען צו די פֿיס מיט מיין ליעבע. ווען מען ערלויבט מיך געטראָמען צו ווערען; איך בין גליקליך ווען מיינער אַ געליעבטער פֿערניכט מיין בלום. דער אונגליק איז, וואָס אפילו מיין בלום וויל מען ניט פֿערניכטען...

ביינאַכט, אַז איך פֿלעג איבערקלערען וואָס ער האָט מיר דערצעהלט, פֿלעג איך מיין קישען באַגיסען מיט טרעהרען.

איך בין אין מיין לעבען געווען איינגעליעבט צוויי מאָל, און דאָס איז געווען מיין ערשטע ליעבע. האָט דער מיטעל־יעהריגער מאַן דאָס אַלץ געטהאָן אומישנע? האָט ער מיט אַ כיון

ער פלעגט דערצעהלען מיט אזוי פיעל הארץ, מיט אזא ערנסט־קייט, אז איך פלעג אריינגעצויגען ווערען און זיך נאָר פערגעסען, אז דאָס איז מיין חתן. איך פלעג זיך צוהערען צו דער געשיכטע, זיך פאָרשטעלען, אז איך בין דערביי, פונקט וויא מען פיהלט בשעת מען לעזט א גוטען ראָמאן. אָבער מאַטילדא׳ל גלאַנצינער שטערען האָט אויף איין סעקונדע ניט אויפגעהערט צו בליסטשען פאַר מיינע אויגען...

ער פלעגט איהר קושען, גלעטען, און זי פלעגט זיך לאָזען. ער קושט איהרע לאַנגע דונקעל־רויטע האָר, איהרע ווייסע, ווייכע הענט; ער קושט דיא ברעמען פון איהרע גרויסע בלויע אויגען; און זיא ערלויבט איהם, און פון צייט צו צייט לאָזט זי ארויס א זיפץ דאָס האָט געהייסען, אז זיא בעדויערט, ווארום זיא קען איהם ניט ליעבען; זיא סטאַרעט זיך ארויסצורופען אן אָבקלאַנג פון זיין ליעבע; אָבער עס איז אלץ אומזיסט... זיא קען ניט... איהר הארץ בלייבט קאַלט צו איהם. אלזאָ, זיפצעט זיא אויף זיין שיקזאל, פאַר וואָס ער ווערט ניט געליעבט פון איהר; און זיא זיפצעט אויף זיך אליין, ווארום איהר וואונש איהם צו ליעבען קען ניט פערווירקליכט ווערען. איהר פערשטעהט דעם ראָמאַנטישען פלאָנטער מיט דיא ראָמאַנטישע קוואַטש?

ווען איך בעטראַכט דאָס אלץ איצטער, פערשטעה איך, אז דאָס איז געווען ניט מעהר וויא א מאָדנער סאָרט קאָקעטסטוואָ פון מאַ־טילדא׳ס זייט...

עס זיינען פאראן טויזענדער פערשיעדענע קאָקעטישע אָנשטעל־לען, און איך גלויב, אז מאַטילדא׳ס זיפצען זיינען געוועזען א זאָנ־דערבאַרע מין קאָמעדיע. אָט מיט דעם האָט זיא איהם געהאלטען נאָהענט צו זיך, געפייניגט זיין הארץ, און געקוואָלען פון זיינע יסורים.

אָבער דאן האָב איך דאָס ניט פערשטאַנען, און איך האָב זיך אזוי פעראינטערעסירט אין דער געשיכטע, אז איך פלעג קענען אפזיצען מיט איהם שטונדען לאַנג, און זיך צוהערען וויא ער דער־

זיי זיינען געוועזן דיא רעכטע אריסטאקראטישע „סמעטענע״ פון שטאדט; איהר מוטער איז געשטארבען, און זיא האט מייסטענס געוואוינט ביי איהר מוהמען. אבער איהר מוהמע איז אויך א רייכע אריסטאקראטישע פרוי.

זייער פאמיליע האט זיך געהאלטען אזוי גרויס. אז זיי איז ניט אנגעשטאנען זייערע טעכטער צו שיקען אפילו אין גימנאזיע, ווארים אהין זיינען דאך געגאנגען אריםע קינדער אויך. אין דייטשלאנד פלעגען זיי זיי שיקען. אין ברעסלאי, ראכט זיך. דארטען האבען זיי זיך געלערענט צוזאמען מיט אנדערע אריסטאקראטישע אידישע מיידלעך, עפעס אין א פריוואט פאנסיאן. מען האט זיי געלערענט דייטש. פראנצויז, טאנצען אויפ׳ן אריסטאקראטישען שפינער, און די אלע צערעמאניעס.... פאר מיין התן איז געווען א כבוד אריינ־צוגעהן אין אזא הויז וויא מאטילדא׳ס אדער איהר מוהמע׳ס.

מאטילדא האט איהם ניט געליעבט; אבער זיא האט רחמנות געהאט אויף איהם, און אויס מיטלייד איז זיא בערייט געווען מיט איהם חתונה צו האבען. איהר מוהמע אבער האט געשטערט דעם שידוך. דיא רעזיגנע מוהמע איז געווען אן אלטע אידענע מיט נייע געדאנקען. זי האט געוואלט, אז איהר פלימעניצע זאל זיין גליקליך. און אהן ליעבע איז קיין גליק ניטא, האט זי גע׳טענה׳ט.מסתמא האט זיא זיך אויף דער עלטער ארומגעזעהן אז איהרע איינענע יונגע יאהרען זיינען אהן ליעבע אוועקגעגאנגען...

נו, האט זיך דער ראמאן געצויגען.

ער פלעגט שטענדיג זיפצען און וויינען פון ליעבע, און מא־טילדא פלעגט זיפצען און וויינען פון רחמנות און פון בעדויערען, ווארום זיא קען איהם ניט ליעבען; און פאר וואס דיא טאנטע לאזט איהר ניט חתונה האבען אהן ליעבע.

דאס אלץ פלעגט ער מיר שילדערען און דערציהלען טאג טעג־ליך. ביז איך האב אנגעפאנגען צו זיפצען און וויינען אויף זיי ביידען: אויף מאטילדא׳ן מיט איהר פערליעבטען — דאס הייסט מיין יעצטיגען התן.

גערבייט ביי סיגארען און צייטענווייז געהאנדעלט מיט סיגארען. א לעבען פלעגט ער אימער מאכען, אָבער ניט קיין רייכען.

דער אונגליקליכער ראָמאַן, וועגען וועלכען ער האָט מיר דער־צעהלט, איז פאָרגעקומען אין דער היים, אין רוסלאנד. דיא מיידעל, אין וועלכער ער איז דאָרטען געווען פערליעבט, האָט געהייסען מאטילדא. עפּעס א מאָדנער נאָמען איז דאָס! מאטילדא! צו אריס־טאָקראטיש קלינגט עס מיר, און דאָך ווילט זיך מיר לאכען פון דיעזען נאָמען. איך האָב איהם אי ליעב, אי פיינד, נאָר דערביי זיינען מסתמא צוזאמענגעפלאָנטערט דיא געפיהלען, וואָס זיין געשיכטע וועגען מאטילדא'ן האָט ארויסגערופען אין מיר. איך געדענק, אז ער האָט איהר געשילדערט אלס א שלאנקע מיט שעהנע, דונקעל־רויטע האאר, מיט גרויסע בלויע אויגען — א גוטע, א שטילע.

ער האָט זיך געסטארעט איהר פאָרצושטעלען אלס זעהר א שעהנע, א מערקווירדיג חנ'עווידיגע; אָבער איין מאָל האָט זיך ביי איהם, פערביינגעהענדיג, ארויסגעבאפּט די באמערקונג, אז זיא האָט געהאט א גלאנצינען שטערען, און דאָס איז ביי מיר פערבליבען אלס דאָס וויכטיגסטע. וואָס ער האָט ניט דערצעהלט וועגען איהר, האָט אלץ פאר מיר געבליסטשעט איהר גלאנציגער שטערען. דיא שעהנסטע סצענעס האָט ער ארום איהר געשילדערט; אלס א מין פרינצעסין האָט ער איהר פאָרגעשטעלט; און איך זעה אלץ איהר לעכערליך־גלאנציגען שטערען!

— ווען ניט איהר שטערען, וואָלט זיא מסתמא געווען אן אמת'ע שעהנהייט — האָב איך איין מאָל בעמערקט.

— ווייס איך וואָס! — האָט ער געענטפערט מיט אונצופריע־דענהייט און אונגעדולד. — בלויז א שטיקעלע שטערען האָט געגלאנצט. א טהייערע מעשה! ווער האָט דאָס בעמערקט!...

— אָבער פון מיינע געדאנקען האָט אלץ ניט אָבגעטראָטען דער גלאנציגער שטערען... זאָל זיין, אז בלויז א שטיקעל — אבי עס האָט געגלאנצט.

מאטילדא'ס עלטערען זיינען געווען פיעל רייכער וויא זיינע.

איך זאג ניט אז איך האב געהאט אזא חתן. דאס ניט. אבער איינער א מיטעליעהרינגער מאן וואס האט זיך צו מיר גע'שרכן'עט גאנץ ערנסט, איז ניט ווילענדיג צוגעקומען נאהענט צו אזא רייצע־נעם מיט מיר. ער האט דאס ניט געטהאן מיט א כיון. אבער זעהענדיג מיינע יסורים, האט ער דאך געקוועלט פון דעם — אי רחמנות געהאט אי געקוועלט.

אנגעהויבען האט זיך דאס פון דעם וואס איך האב געמיינט, אז איך האב איהם איהם רחמנות. און שמעלט איך פאר: מיין רחמנות איז ערווועקט געווארען פון דעם, וואס ער האט מיר דער־צעהלט וויא ער האט געליעבט א פריילין, וועלכע האט איהם ניט גע־ליעבט. זיין צדווייטאגטע הארץ האט ער פאר מיר איסגעגאסען. איך בין זיין כלה, זיין חבר'טע, זיין בעסטער פריינד. האט עס געהייסען. פאר מיר, אליין, פארטרויט ער דיא גאנצע טראגעדיע פון זיין לעבען. דערצעהלען האט ער געקענט ניט. ער האט געהאט א גלאטען צונג, קיין ווער־טער האבען איהם ניט געפעהלט; און א שטימע האט ער אייך געהאט א שענע. א געדיבטע, א באסאווע... האט איהר א מאל באמערקט וואס פאר א ווירקונג א באסאוע שטימע האט אויף א פרוי? עס נעמט איהר ביז דער רעכטער מיטעלעס פון איהר הארצען. א באבס ברומט וויא א לייב. עס קלינגט מיט זכר; עס הילכט מיט מאכט, מיט דיא הערשאפט פון דעם זכר איבער דער נקבה. היינט שמעלט זיך שוין פאר ווען דיא באסבאווע שטימע רעדט צו אייך מיט אן אומערינגען הארציגען נגון, דערצעהלט פאר אייך דעם דערצעהלער'ס לעבענס־טראגעדיע, און דיעזע טראגעדיע איז נאך א ראמאן!

ער איז ניט געווען קיין געבילדעטער מאן, און לערנען האט ער אויך ניט געקענט, אבער ער איז געווען פון אן ערעלע בעל־הבתיש׳ע פאמיליע, און ער האט גערעדט וויא אן ערעלער מענש. פון זיין אלטער געוואיינהייט איז ער געווען גוט געקליידעט און האט געהאט פיינע, שמאלצע מאניערען. דא אין אמעריקא, האט ער צייטענווייז

און איהם געצוואונגען צו זעצען זיך מיט מיר אויף א ליכטינער באנק. אָבער איך האָב דאָס ניט געטהאָן האסטיג נענוג, ניט אויף'ן שטעלל. איך האָב דורכגעלאָזען א פּאָאָר מינוטען און דיעזע פּאָאָר מינוטען האָבען אויף מיר אויסגעזאָגט פון חדר.

ווען איך בין געקומען אהיים האָב איך געוואוסט, אז מאָרגען וועט ער ווידער אָנהויבען זיינע ניט־שעהנע מעשים. „איך וועל איהם ניט צולאָזען“ — האָב איך זיך געטראכט. — „זאָל ער זיך איבערצייגען, אז איך בין ניט פון יענע...“ און ביי זיך האָב איך געוואוסט דעם אמת; אז איך ערוואַרט מיט אונגעדולד אז עס זאָל שוין זיין מאָרגען אָבענר.

אויף מאָרגען אָבענד, ווען ער איז געקומען, האָט ער זיך גע־האַלטען גאַנץ אנדערש. ער איז געווען מעהר געזעצט; ער האָט געהיט זיין „שטאָטאָק“. ער האָט אליין אויסגעווייכט צו פיהרען מיר אין א פינסטערען ווינקעלע. וועגען קושען האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. עס איז געווען גאַנץ דייטליך: ער האָט הרטה געהאַט אויף דיא גאַנצע בעקאַנטשאַפט, און האָט זיך געסטאַרעט אליין צו פאַרגלעטען און אַרויסקריכען אזוי, וויא ער וואָלט מיט מיר געווען גאַנץ ווייטע בעקאַנטע, איך זאָל זיך ניט האָבען וואָס צו טשעפּען.

עס זיינען פאַראַן יונגאַטשעס וואָס ליעבען זיך צו באָדען אין אַלט־מוידישע יסורים. זיי ערוועקען אין זיי ליעבע אָדער גלאַט ליי־דענשאַפט, מיט א כיון, כדי צו רייצען זיך מיט זיי.

איך האָב א מאָל געזעהן וויא א שייגעץ רייצט זיך מיט א הונ־געריגען הונט. ער האָט איהם געוויזען א גרויסע שטיק פלייש, און איהם בלויז צוגעוואָרפען א קליינעם ביינדעל. דאָס האָט נור צ־ברענט דעם הונט'ס אַפּעטיט, און דער מערדערישער שייגעץ האָט געקוואָלען קוקענדיג וויא ער שפּרינגט און ברומט און שטעקט הונגעריג אַרויס דעם צונג, דער הונט. נו, זיינען פאַראַן באַרמלאָזע הולטייסקע יונגען, וואָס ליעבען אויף אזא שטייגער זיך צו רייצען מיט א פאַרזעסענע מיידעל.

אַרשט ריש פּאָליכסקן. אַזוי וחנינכסקנס, וועלען מיר ערצוינגען. אַזעלכע בעגריטסט און אַזעלכע נעפיהלען ווערען אין אונז איינגע־פלאַנצט און געהאַלטעטע פון קינדוויין אויף.

איין תתן מיינער איז געווען אַן איסנעלאַסענער יונג, און איך האָב גלייך תרשר געוועזן. אז ער מיינט נאָר לכתחלה ניט קיין שדוך, נור א הולטייסקען צייטפערטרייב. דאָך האָב איך זיך געמאַכט ניט וויסענדיג.

איך בין מיט איהם געווען פעראַלבט א גאַנץ קורצע צייט. און אלץ וואָס איך געדיינק וועגען איהם איז, אז ער איז געווען א רויט־האָריגער, א שטהנער, געזונסער בחור. און אז ער האָט גערערט מיט א פּויליש איסגעפּראַכע און מיט פייפענרע „שין"'ען. ווען מיר זיינען ארויס שפּאַצירען צום ערשטען מאָל, האָט ער מיר גלייך אויסגעפיהרט אין א שטילען ווינקעלע אין פּאַרק און זיך שוין געכאַפּט ארומנעהמען און קושען.

— שששש! — האָב איך איהם געפרופט אָפּשטעלען — דאָס וועלען מיר נאָך פּאַכפּייען.

— איך ליעב אייך אָבער אַזוי—וי—וי! — האָט ער נעענגט־פערט, דריקענדיג מיר צו זיך מיט אַלע כחות און קרעכצענדיג „אַזוי—וי—וי" פון ענמציקונג.

— צו ניך האָט איהר זיך אין מיר איינגעליעבט — האָב איך געשפּאַסט, ווערטענדיג זיך, — איהר קענט דאָך מיר אפילו ניט.

— כאַ, וואָס־זשע איז? א נייעס איז דאָס, אז מען ליעבט זיך איין אויפ'ן שטעלל?

און ער האָט מיר ווייטער געדריקט צו זיך און ווייטער גע־קושט.

איך האָב זיך געראַנגעלט אי מיט'ן גאַנצען האַרצען, אי ניט מיט'ן גאַנצען האַרצען. איך האָב נאַטירליך פאַרשטאַנען, אז ער „בלאַפט", און אז עס איז ניט קיין אנשטענדיגע כוונה, אָבער — קיין צדקניות בין איך ניט און איך בין אריינגעצויגען געוואָרען. אָבער מיין שכל האָט פאָרט געוויינט. איך האָב זיך ארויסגעריסען,

גרעסטער הולטיי, פארפלעקט דאס פון דעסטוועגען ניט זיין פאטער־ליכקייט. גאנץ אנדערש איז עס מיט דער מוטער פון דעם קינד; ווען דיא מוטער איז ניט קיין מאראלישע פרוי, איז איהר מוטער־ליכקייט פארשוועכט, ווארים דאן קען מען ניט אלע מאל וויסען ווער דער פאטער איז.

דעריבער איז מען צוגעוואוינט צו זיין שטריינגער צו אונז וויא צו זיי, און היינטיגע צייטען איז דאס גאנץ ריכטיג אויך. מיר, פרויען, אליין ווילען, אז דיא מוטער־ראלע זאל זיין הייליג.

ווענען א ניט־פערהייראטהען מאן איז דאך אפגערעדט; איהם איז געווים אלץ ערלויבט. א כלה ערווארט גאר ניט פון איהר חתן אז ער זאל זיין אונשולדיג. פארקעהרט, זיא וויל, אז ער זאל קיין „שלים־מזלניק" ניט זיין. אבער אפילו פערהייראטהע פרויען פער־האלטען זיך צו זייערע מענער אויך אזוי. „זאל ער הוליען; אבי ביי מיר אין שטוב איז ער מיין מאן" — אזא כלל האבען פיעלע פרויען, וואס אויף זייער איינענע מאראל איז קיין שפרינקעלע ניטא.

דיא מאראלישע ריינקייט פון א מיידעל פארערט מארטירעריי; דיא פרייהייטען וואס דיא מענער געניסען, זיינען אונז פערבאטען. מיר מוזען טראגען דיא לאסט פון איינגעהאלטענקייט. מיר טהוען דאס אבער מיט פערגעניגען — אין דער האפנונג א מאל צו הייראטהען. מיר האלטען זיך ריין און הייליג פאר דיא פאטערס פון אונזערע צוקונפטיגע קינדער. דער געדאנק ווענען זיי איז אונזער טרייסט. ווען א פארזעסענע מיידעל פארלירט איהר האפנונג צו הייראטהען, פארלירט זיא דיעזע טרייסט. דאן איז איהר מאר־טירעריי אן אמת'ע מארטירעריי.

ניין, איך בין ניט קיין צדקניות. אבער מיר, פרויען, אויב מיר האבען נור דיא געוועהנליכע היינטיגע אנשטענדיגקייט אין זיך, טראגען מיר אויף זיך דיא מאראלישע פפליכטען פון אונזער גאנצען געשלעכט. דיא פרוי אין אלגעמיין מוז זיין אנשטענדיג; דעריבער איז יעדע פון אונז אזוי, סיידען זיא ווארפט פון זיך

# VI

איך האָב שוין דערמאָנט די ריכטיגע מאַרע, אַז אַ שדוך חתן זאָל זיך ערקלעהרען אין ליעבע. מיין הייזען־מאַכער איז ניט געוועזען דער איינציגער, וואָס האָט די ראָזיגע מאַרע מקיים געווען. איך האָב געהאָט נאָך אַ פּאָאָר אַזעלכע. מעהרניגע וואָס דער הייזען־מאַכער האָט זיך מאָהל געוואָלט איינרעדען, אַז ער ליעבט אין די אַנדערע צוויי האָבען גלאַט געדרייט אַ מח. אַ חוץ דעם: ער האָט זיך אויסגעפיהרט לייטיש אין זיי — גאַנץ מיאוס.

איך וויל זיך דאָ ניט מאַכען פאַר קיין צדקניות. אָבער וואָס איז שייך? אַ מיידעל — איז דאָס רוב אַנשטענדיג. זיא ווייס ביי זיך, אַז זיא מוז זיין פאָרזיכטיג, אַז ניט, איז זיא אַ פערפאַלענע. דאָס רוב מיידלעך זיינען ריין; אָבער געבען זיי קרעדיט דערפאַר, אַזוי וויא זיי וואָלטען געוועזען הייליגע, איז לעכערליך. דאַכט זיך, אַלע פאַרשטעהען דעם אמת: מיידלעך זיינען אַנשטענדיג, ווייל זיי מוזען היטען זייער נאָמען. צי דען זיינען די בחורים ערגער פאַר אונז, מיידלעך? צי דען זיינען זיי זינדיגערע מענשען בטבע? עס הייבט זיך נאָר ניט אָן! אין דאָרצען זיינען פרויען פּונקט אַזוי ניכטערום וויא זיי. נור זיי מעגען אַלץ און מיר טאָרען קיין זאַך ניט. זיי קענען אָפּטהאָן וואָס אין קאָרט שטעהט און עס איז ניט קענטיג, און מיר זיינען פון דער נאַטור אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע. מיר מוזען זיין פאָרזיכטיג.

אַז מען טראַכט וועגען אַ זאַך גאַנצענע טעג, דערטראַכט מען זיך צו אַלערליי געדאַנקען. איך קלער מיר אַזוי, למשל:

דערפאַר וואָס מיר זיינען אין אַן אַנדער לאַגע האָבען מיר אַנדערע פפליכטען: אונזער פעראַנטוואָרטליכקייט איז גאָר אַן אַנדערע. מיר דאַרפען זיין די מוטערס. דעריבער מוזען מיר היטען אונזער אונשולד. דער פאָטער פון דעם קינד קען זיין דער

זייער געזונטער נקבה'שער קערפּער איז וויכטיגער וויא בילדונג, מעכטיגער וויא שכל. ווען אַ שעהנע פרויענצימער גיט אויף מיר אַ קוק, ווער איך שרעקליך אראַפּגעפאַלען ביי זיך. איך דערמאָן זיך אַז איך האָב קיין ווערטה ניט אויף דער וועלט — עפּעס אַזוי וויא איך וואָלט דאַרפען זיך פאַרענטפערען וואָס איך סמייע אויך צו האָבען אַ פרויען־געשטאַלט! איך דערפיהל מיט אַלע מיינע גליעדער, אַז איך בין אַ פאַרבראַקירטע, אַ פאַרשטויסענע.

אָה, וויא איך האָס דיא שעהנע פרויען!

אָבער ווען איך וואָלט אימער געפיהלט מיין אראַפּגעפאַלענ־קייט, וואָלט דאָך מיר אונמעגליך געווען צו לעבען אויף דער וועלט. אַ מענש איז ביי זיך אַ מענש. מען פערגעסט זיך אַז מען איז ניט אַזוי גליקליך וויא אנדערע. אין לעבען זיינען פאַראַן פיעלע אַנדערע זאַכען, פון וועלכע מען קען האָבען פערגניגען. ליעבע איז ניט אַלעס, און היירואַטה איז ווייט ניט אימער ליעבע. מיר, פאַרזעסענע מיידלעך, האָבען אַ גרויסע טרייסט אויף דער וועלט: דיא צרות פון דיא פערהייראַטהע פאָאר פאָלק, זייערע קריעגערייען, דיא לע־בענס־פערביטערונג וואָס פיעלע פון זיי שטעהען אויס — אָט דאָס איז אונזער נחמה.

מען שטעלט פאר, וויא זיא קלייבט און קלייבט ביז זיא בלייבט פארזעסען. אבער דער אמת איז געווענליך ניט אז זיא קלייבט, נור אז זיא וואַרט. זיא ווארט אויסגעקליבען צו ווערען פון א רייכערען חתן.

דיא קלייבער זיינען דיא מענער. און ווען א יונגער מאן קען ניט קריגען קיין כלה, הייסט עס איינפאך, אז ער האט ניט גענוג געלט. מיר אבער זיינען דיא סחורה און אז א מיידעל בלייבט זיצען, הייסט עס מאַקי אז דיא קאַסטימער פארבראַקירען איהר.

יא, א פארבראַקירטע בין איך, א פארשטויסענע. אזוי פיהל איך אפט, און דער געפיהל ברענגט מיר זיא הייסע אייזענס. מיר דאכט זיך, אז אלע קוקען אויף מיר און זאגען: „אט געהט זיא! א פארשטויסענע געבעך!"

דיא ניט־פארבראַקירטע בין איך מיט א גיפטיגע קנאה. אט יענע יחסן'טעס מיין איך, דיא שעהנע מיידלעך און ווייבלעך. מיט א קללה קלערט איך ווענען זייער קאלטען שטאלץ. מיר דוכט זיך, אז זיי קוקען אויף מיר מיט פעראַכטונג און זייערע בליקען שפארצען מיין הארץ וויא זאלץ אויף א רויהע וואונד. איך מיין ניט אזא מיידעל וואס איז נור שעהן. ווארים עס זיינען פאראן שענהייטען וואס געהמען ווענינ איום ביי מענער. איך מיין דיא, וואס זיינען שעהן און האבען א ווייבערשען טעם און זייער שעהנ־קייט — פט דיא, וואס צופען מענער ביי דיא הערצער. בכלל, מיין שוועסטער, וואלט געווען אזעלכע: זיא איז אבער ניט שעהן. זיא איז איצט איך א מיידעל: הייגט וואס וואלט זיך שיין מיט איהר אפגעמאַכט, ווען זיא האט א געמאַכטען פּנים'על מיט א פיגור און א קוק פון א גרעפין!

בעטראכט דיא דאזיגע שעהנע מיידלעך, וואס האבען מאכט איבער מענער, בעטראכט זייער גאוה: זייער מערקווירדיגע גלייכ־גילטיגקייט בעטראכט! מאָכי וויא דיא גרעפינס געהען זיי. דיא וועלט איז זייערע. דיא מענער הערשען איבער דער וועלט און זיי — איבער דיא מענער. זיי דארפען ניט קיין בילדונג, קיין שכל.

זאָל מען ניט געפּרופּט ווערען צו וואָס מען קען געוואוינט ווערען. האָב איך אַ מאָך געטהאָן מיט'ן האנט. „זאָל געהן וויא עס געהט!" אָבער אַ מאָל פאַלט אָן דיא אַלטע מרה שחורה. „איך בין אַ פּאַרזעסענע", — דערמאָהן איך זיך און ווער דערשראָקען. אַלע מיידלעך האָבען חתונה און איך ניט. איך וועל קיין מאָל ניט חתונה האָבען, קיין מאָל ניט, קיין מאָל ניט! איהר פאַרשטעהט וואָס דאָס הייסט? קיין מאָל אויף'ן לעבען ניט! איך בין ניט אַזאַ מענש וויא אַלע מענשען. אַ פערפלוכטע בין איך. מיר האָט מען אין חרם אריינגעלייגט. דאָס איז שרעקליכער פון אַלץ — דאָס וואָס איך בין ערגער פאַר אַלעמען, אַ פינסטערע אויסנאַהם, אַ פאַר־שאָלטענע.

דיא נאַטור פאָדערט זיך דאָס איהריגע. אַ מיידעל איז בע־שאַפען געוואָרען צו פיהרען אַ פערהייראַטהען לעבען און אַ מוטער צו ווערען. דיא נערווען־סיסטעם איז ביי איהר ספּעציעל געבויט דערצו; און ווען זיא לעבט ניט וויא דיא נאַטור ערוואַרטעט פון איהר, דאַן בונטעווען זיך דיא נערוועז. אָפט טרעפט, אַז אַזאַ מיידעל ווערט קראַנק, אָפט — אַז זיא געהט אַראָפּ פון זינן. דאָס אַלץ זיינען דיא ליידען פון קערפּער. און וואָס איז מיט איהרע מאָראַלישע ליידען? זיי זיינען נאָך ערגער. איך מיין דיא ערני־דערונג, וואָס זיא פיהלט; דעם געדאַנק, אַז אויף איהר איז קיין בעלן ניטאָ, אַז זיא איז אַ פאַרבראַקירטע.

אַ מאַנספּאַרשוין, ווען פרויען קלעפּען זיך ניט צו איהם, ליידעט אויך גענוג מאָראַלישע יסורים. אָבער וויא קומט עס צו דיא שמערצען פון אַ פאַרבראַקירטע מיידעל! פאַרגעסט ניט, אַז דיא אויסקלייבער זיינען ניט דיא פרויען נור דיא מענער. זיי זיינען דיא פאַרדיענער און דעריבער זיינען זיי דיא פּריצים. דער רייכער קען פאַר זיין געלט זיך אויסקלייבען דיא שעהנסטע כלה, כאָטש ער אַליין מעג זיין אַ פאַרזעהעניש.

איהר וועט זאָגען: סטייטש, דאָס רוב הערט מען דאָך גאָר ניט וועגען אַ בחור אַ קלייבער, נור וועגען אַ מיידעל אַ קלייבערקע.

דיא וואַכפער ביסלעכווייז מיאוס געוואָרען. זיין האַרץ האָט גע־בייגקט נאָך אַ ביסעל אמת'ע בראַנפען.

דער סוף איז געווען, אז ער האָט גענומען זיך טשעפען צו מיר, אז איך ליעב איהם נאָר ניט. ער האָט מיר פאַרוויינט דעם לעבען, פאַר וואָס איך בין אזוי קאַלט צו איהם. אין אמת'ן האָט דאָס איינ־זאַך געהייסען, אז מיין שטילע נאַטור איז איהם מיאוס געוואָרען, וויא זיא איז מיאוס געוואָרען אַנדערע חתנים.

ער האָט מיך געגעסען וויא אַ אידענע. וואָס איך האָב געטהאָן איז איהם ניט געפעלען געווען. מיר האָבען זיך גענומען קריעגען, און וואָס ווייטער זיינען אונזערע מחלוקות געוואָרען אַלץ שאַרפער. דאָס אַלץ האָט מיר אזוי פאַרביטערט דעם לעבען, אז איך האָב זיך בעשלאָסען פון איהם זיך צו בעפרייען. פון אָנפאַנג האָט ער זיך געוואָלט צו זעגנען זיך מיט אונזערע פאַפּערס. אָבער ענדליך האָב איך זיך מיט איהם אזוי צוקריעגט, אז ער האָט שוין מעהר ניט געקענט קומען.

— דיא יאָהרען זיינען געגאַנגען. איך בין געוואָרען עלטער און דיקער. איך האָב געמיינט אַלץ אין דער וועלט צו בלייבען ביי אַ דינע מיידעל. אָבער אזוי וויא אויף צו להכעיס, האָב איך געהאַט אַ גוטען אַפּעטיט און מיר איז צוגעקומען געוויכט. עס זיינען גע־וואַקסען דיא ביינער און עס האָט זיך געמעהרט פלייש, כאָטש צורייס זיך!.. איינענטליך גלויב איך ניט, אז דאָס האָט מיר מיאוס'ער געמאַכט. עס האָט אָבער פאַרגרעסערט מיין אַלטע־מיידישקייט, און איך האָב זיך זעהר דעם לעבען גענומען. דיא נשמה האָב איך פון זיך אַרויסגעשפּאַרט שנורעווענדיג דעם קאָרסעט: אָבער דינער האָט דאָס מיר ניט געמאַכט. איך בין געגאַנגען צוהנדלינגע בלאַכם צרפים, האָט דאָס אָבער פאַרגרעסערט מיין אַפּעטיט: איך האָב זיך געסטאַרעט צו עסען וועניג, האָב איך אָבער ניט געקענט פאַרטראָגען קיין הונגער. ניט ווילענדיג, האָב איך געגעסען און געוואַקסען אין דער ברייט.

צו מיין שוועסטער. און ער האָט אימער געפונען אַ גוטע גלאָז טהעע, עפּעס צובייסען און אָפט אַ גאַנצען סאָפּפּער. דאָס און דיא פריינדליכקייט. וואָס מען האָט צו איהם בעוויזען, האָט דעם עלענ־דען אויסגעדאַרטען קבצן צו אונזער פאַמיליע צוגעטוליעט.

צו מיר איז ער געווען גוט, נאָך בעסער וויא גוט. צוואַנציג מאָל אַ אָבענד פלעגט ער זיך ערקלעהרען אין ליעבע צו מיר. אַזוי געהט שוין דאָס געוועהנליך. דאַכט זיך, אַ שרכנ׳ישע געשיכטע, אַן איינפאַכער ביזנעס: מיר לוינט און דיר לוינט, (אָדער אונז דאַכט זיך אַז עס לוינט אונז), נו, וועלען מיר חתונה האָבען. היינט צו וואָס זאָל מען „בלאָפען" ווענגען ליעבע? אָבער אָהן דעם וואָלט עס נעוועזן צו „אַלט מאָדיש", ניט „היינט־וועלטיג" גענוג. נו, רעדט מען מיט דיא האַלב־דייטשע ליעבעס־ווערטער פון שמ"ר׳ס ראָמאַנען. מען זאָגט „מיין ענגעל", „מיין שאַץ", מען רעדט ווענען „דיא ליעבע", אַזוי וויא דאָס וואָלט געווען דער נאָמען פון עפּעס אַ פּרינ־צעססין; און דאָס אַללעס שטערט ניט צו דינגען זיך איבער יעדען דאָללאַר נדן.

אַזוי איז געווען מיט מיין הייזקע מאַכער; אָבער גיט אין גאַנצען אַזוי. וויא איך פאַרשטעה, האָט ער קיין אמת׳ן ראָמאַן אויף זיין לעבען ניט געהאַט. ער האָט אָבער אימער געדורשט נאָך דעם. נו. האָט ער זיך געסטאַרעט צו זיין פערליעבט אין מיר. ער האָט געטהאָן וויא יענער פיאַניצע, וואָס האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפען בראַנפען; ער האָט געמאַכט „לחיים" אויף וואַסער, געמאַכט מיט דיא ליפען „בררר!" און געמאַטערט זיך צו פיהלען דעם טעם פון נייַנציגער. אָבער מאַטער זיך היינט מאַטער זיך מאָרגען, וואַסער בלייבט וואַסער.

איך האָב דאָס אַלץ פערשטאַנען, און דאָך... ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען? אפילו פאַלשע ליעבעס־ערקלעהרונגען איז אויך זיס צו הערען. איך אַליין בין אויך געווען וויא דער אָרימער פיאַניצע.

מילא, איך וואָלט שוין צופריעדען געווען. אָבער מיין חתן איז

די פראינערונגען פון זיינע אמאליגע יאהרען. ווען ער האט ביי אינז געגעסען, האבען איהם בעגייסטערט. עס זיינען פאראן אזעלכע מענשען... ער האט מיר געקלונגען אלס א יונגינקע בעל הבית'טע מיידעלע. ווען ער איז געווען אן עלטערער פרימער בחור, האט דאס אויף איהם אן איינדרוק געמאכט, און ווען ער האט מיר באגעגענט אויף'ן פיקניק, איז ער בעצויבערט געווארען פון דער פערנאנ־נענהיים.

ווער קען וויסען?

ווענען דעם געקסטען חתן איז וויעדער ניטא וואס צו דער־צעהלען. איך האב זיך מיט איהם געזעהן נור איין מאל און איך געדיינק אפילו ניט זיין פנים. דערנאך האב איך וויעדער געהאט א געוועזענעם ישיבה בחור. וועגען דעם איז שוין יא כדאי צו דערמאנען.

ער איז געווען א בחור פון א יאהר פערציג, א גרויסער למדן און א קליינער פארדינער. ער האט געארבייט ביי היזקעס, און ער פלעגט זיך באר מיר באריהמען, אז ער ארבייט ראיעל, „סלאו אבער ראיעל" — אזוי פלעגט ער מיר זאגען צוואנציג מאל אן אבענד. דאס האט פשוט געהייסען, אז ער קען קיין לעבען ניט מאכען. פון דעסטוועגען איז ער געפעלען געווען אלע מיינע שוועסטער'כעס — מיין שוועסטער מיט איהרע שכנות.

ער האט געהאט א ליעבליכען כאראקטער און א ווייכע, אנגע־נעהמע שטימע אין ריידען: ער פלעגט זיך פראבעס אריינ'גנב'ענען צו יענעם אין הארצען. ווען ער וואלט געווען א פעדלער וואלט ער מסתמא געהאט א כך קאסטיומער צווישען ווייבער. אבער צו ביזנעס האט ער ניט אנגעהויבען צו מיינען.

קורץ, מיין שוועסטער האט געפלאנעוועט, אז זיא וועט קריגען א פאסער הינטערם דאללאר. מען וועט מאכען עפעס א שפיקעל־געשעפט, און אונטער מיין השגחה וועט ער זיין „אלל רייט".

ער פלעגט ארויפקומען אלע אבענד ענטוועדער צו אינז אדער

ער מאַכען שפּאַס עפּעס אַזוי וויא ער וואָלט שוין לאַנג געווען איהר אײדעם, און אפילו דאַן וואָלט דאָס אויך ניט געפּאַסט: ער פלעגט איהר נעהמען געאַרימט, האַסטיג שלעפּען איבער׳ן שטוב און זינגען צו איהר. איין מאָל האָט ער איהר זאַגאַר אַ שנעלל געטהאָן אין נאָז. זיא האָט זיך פאַרשעהמט, און ער האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער. איך האָב זיך געקלעהרט, אַז ער איז אַ ביסעל אַ צודרייי־טער, אָבער אַזוי איז ער געווען אַ אינטערעסאַנטער יונג. ער איז אַלעמען גלייך געפעלען געוואָרען.

איין מאָל איז ער גראָד געקומען ווען איך בין ניט געווען אין שטוב, האָט דיא מאַמע מיט איהם גענומען ריידען פליינע דבורים:

— איך בין דאָך אַ מאַמע. וויל איך וויסען — האָט זיא געזאָגט — וויא לאַנג לעבט אַ מענש? וואָלט זיך מיר ווען זעהן מיין טאָכטער אונטער דער חופּה...

אַזוי האָט זיא מיר דערנאָך איבערדערצעהלט איהרע אייגענע ווערטער. וואָס ער האָט געענטפערט, האָב איך פון איהר ניט געקענט דערגעהן קיין טאָלק. איהם האָב איך שוין ניט געפונען, און מעהר איז ער שוין צו אונז ניט געקומען. עס איז קלאָר אַז דיא מאַמע, זאָל געזונד זיין, האָט אַלץ קאַליע געמאַכט. זיא האָט זיך זעהר גענומען דעם לעבען דערפון און זיך אימער געהאַלטען אין פאַרענטפערען און בעווייזען, אַז זיא איז ניט שולדיג. זיא האָט געוויינט, געגריזשעט מיך מיט מיין שוועסטער. עס האָט זיך אָבגעטהאָן מעשים.

וואָס מיט איהם איז געווען, פאַר וואָס ער האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט און פאַרוואָס ער האָט זיך פּלוצלונג דערשראָקען, קען איך ניט פאַרשטעהן. אפשר האָט דיא מאַמע איבערגעפיהרט מיט דעם וואָס זיא האָט איהם אַ נעהם געטהאָן צו האַסטיג; ווען מען וואָלט איהם געלאָזען צו־רוה, און ער וואָלט אַלץ געטהאָן אַליין, מיט זיין אייגענעם ווילען, וואָלט ער אפשר טאַקי חתונה געהאַט מיט מיר. אַי וואָס האָט ער דאָ געפונען אין מיר? קען זיין, אַז

בלויז עטליכע מאָל. און די מאַמע פלעגט דאָך זעלטען זיין אין שטוב. ווי איז דאָך געווען שטענדיג אין קראָם, און אפילו עסען פלעגט מען איהר ברייננען אהין. ער האָט זיך דערנאָך צוגעכאַפּט ריידען וועגען אונזער שטעדטיל, וועגען דיא פּאָאר יאָהר וואָס ער האָט דאָרטען פערבראַכט. ער האָט מיר געגעבען פערשיעדענע סמנים וויא אזוי איך האָב אויסגעזעהן אין דער היים, וויא איך פלעג זיצען ביי'ן קראָם, א. ז. וו.

אין א פּאָאר טאָג אַרום איז ער ווידער געקומען, און אזוי איז ער געוואָרען אַן איינגעהער ביי אונז. אַלע האָבען גערעדט אין איין קול אז ער מיינט מיר, און אזוי האָט דאָס טאַקי אויסגעזעהן. אָבער דאָס איז דאָך געווען גאַנץ אומנאַטירליך! וואָס האָט ער דאָ געפונען אין מיר? ער וואָלט דאָך געקענט קריגען א שענערע מיידעל אין מיט געלט אויך... ער האָט אָבער פאָרט זיך געפיהרט וויא איינער וואָס מיינט צו טאָן א שדוך מיט מיר.

ער האָט גערעדט וועגען ווערען אונזער באָרדער, געגעבען אַנצוהערעניס, אז ער זוכט א כלה וואָס זאָל זיין א מענש. און מיר האָט ער געלויבט ביז'ן הימעל. אַלע מיידלעך. וואָס ער קען, זיינען נאַרנישקעס, האָט ער געזאָגט; מעהר וויא צו שפּענדרען געלט מיינען זיי נים. איך אָבער בין א מענש מיט שכל; מיט מיר איז א פערגניגען צו ריידען, א. ז. וו. דאַרף מען נאָך מעהר? דאַכט זיך, וואָס קען זיין דייטליכער?

מיר האָט דיא האַרץ אָבער געשראָקען. עס האָט זיך מיר ניט געגלויבט, אז דאָס אַלץ איז ניט קיין חלום, אָדער אז דאָ שטעקט נים עפּעס אַן אומגליק. ווער ווייסט, אפשר האָט ער א ווייב ערגעץ וואו? אין אַמעריקא זיינען דאָך אַזעלכע זאַכען קיין נאָווינע ניט.

קיין איבעריגער חכם איז ער נים געווען. אָבער א מענש מיט האַרץ — יאָ. ער האָט גערעדט א סך, געזונגען א סך, אָפּט איבערגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן שטוב, אזוי וויא ער וואָלט מיט אונז געווען בעקאַנט זעהר נאָהענט. מיט דער מאַמען פלעגט

— איך האָב ביי אייער מוטער אַ מאָל געגעסען אַ טאָג — האָט ער ערקלעהרט מיט אַ שמייכעל.

הקיצור, ער האָט אַ מאָל געלערענט אין אונזער שטעדטיל, און אַ קורצע צייט האָט ער ביי אונז געגעסען אַ טאָג. איך האָב דאָס ניט געדיינקט. מיר האָבען זיך צורעדט און ער האָט מיט מיר פערבראַכט כמעט דיא גאַנצע צייט. ער איז געווען דער אינטערע־סאַנטסטער מאַן אויף'ן גאַנצען פּיק־ניק און אַלע האָבען אויף איהם געקוקט.

ער האָט מיר מכבד געווען מיט סאָדא, מיט פרוכט און מיר געקויפט אַ באָקס קענדי. פון דיא זייטען האָבען זיך שוין גענומען שפּירען נייגעריגע בליקען און בעהאַלטענע שמייכלען. איך האָב זיך געקענט פאָרשטעלען וויא מען ציהט זיך פאַר דיא ארבעל און מען שושקט זיך:

— קוקט אויף פעננני'ן! וויא קומט זיא צו אזא וואזשנעם יונג!

איך האָב ניט געוואוסט וואו דיא אויגען אהין־צו־טהאָן. מעהר פון אַלץ האָב איך זיך געשעהמט מיט דער באָקס קענדי, עפּעס אזוי וויא דאָס וואָלט געווען אַ גע'גנב'עטע. און דער גאַנצער יונגער מאַן מיט זיין שעהנע פיגור און געזיכט און מיט זיינע שעהנע קליידער האָט מיר אויך אויסגעדוכט אזוי וויא איך וואָלט איהם גע'גנב'עט ערגעץ וואו. וויא קומט אזעלכער צו מיר? איך האָב זיך געפיהלט וויא אַ בעטלער אין אַ גאָלדענעם זייגער...

ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ סיילסמען עפּעס ביי פויר־ניטשור, און דערנאָך האָב איך געהערט פון אנדערע, אַז ער איז אַ גוטער פערדיענער.

מאָרגען אין אָבענד איז ער געקומען צו אונז אין שטוב. ער האָט דיא מאַמען גלייך דערקענט און זיא האָט געזאָגט, אַז זיא געדיינקט איהם אויך. אָבער איך גלויב, אַז זיא האָט זיך נור איינ־גערעדט, אַז זיא געדיינקט איהם, וואָרים ער האָט ביי אונז געגעסען

חתונה־געמאַכט אזוי. איך בין וועהר אויסגעגאַנגענעם ביי זיך; האָב געהאַט ביי מיר אזוי ווייט, אז דאָס רוב האָב איך מיר א פּאָס צו פּראָבען אין א שפּיגעל. איך זאָל ניט דערזעהן ווי א ניט שעהן איך בין. איך האָב פּרובירט קיין מאָל ניט צו קוקען האָב אמת אין דיא אויגען. איהר ווײסט פאַרוואס? דיא טבע איז דאָך גאָר פאַרקערט, דיא געפינט כיאוס'קיים רעדט זיך דאָך איין, אז זיא איז שעהן... איך ווייס. אַבער איך בין ניט אזוי, און אין דעם בעשטעהט אמת'ר מיין אונגליק. א מיידעל וואָס האַלט ניט פון זיך איז ניט מיידעל גענוג, ניט פּרוויענציעלער גענוג. ממילא האָט עס א שייכות צו מיין גאַנצען כאַראַקטער. וועלכער גורעט אזוי דיא מאַנסבילען. א מייל פון דער פרויען־נאַטור איז צו האַלטען זיך פאַר א שעהנע. מיר פעהלט דיעזע נאַטור...

איך האָב זיך פאַרהערט. וואו האַלט איך? ביי דיא הוצאות פון אונזערע צוויי רומאַנען. נו, און א שיך, א קלייד קאָסט דאָך עפּעס אויך.

וואָס עלטער איך בין געוואָרען אַלץ מעהר „פּאַרטיקולאַר" בין איך געוואָרען. א שפּרינגעלע טאָר זיך אויף מיר ניט געפינען. אַלץ מוז אויסזעהן שפּאַנענלני. אז ניט, לאָזט דאָס מיר ניט רוהען. איך גלויב, אז דאָס רוב פאַרזעסענע מיידלעך זיינען אזוי.

נאָך מיין צווייטען חתן האָב איך א קורצע צייט געפיהרט א בעקאַנטשאַפט מיט א יונגען מאַן, וועלכען איך קען צווישען מיינע חתנים ניט אריינרעכענען. ער איז פאַר מיר עד היום א רעטעניש.

איך בין מיט איהם בעקאַנט געוואָרען אויף א פּיק־ניק פון א סאָסייעטי, צו וועלכע עס בעלאַנגען פיעלע פון אונזערע לאַנדס־לייט, חגם דער נאָמען פון דער סאָסייעטי איז גאָר אַן אַנדערער. דיא סאָסייעטי האָט אויך א שוהל און די מאַכט דאַוונט דאָרטען. איך שמועס אזוי אויף'ן פּיק־ניק און רייד מיט א לאַנדספרוי, קומט צו א שטעהנער, הויכער, פיין־געקליידעטער יונגער מאַן, און הויבט מיר אָן מיט'ן נאָמען. איך האָב ניט געוואוסט ווער ער איז.

# V

מיין שוואָגער׳ס געשעפטען האָבען זיך פארבעסערט. ער איז געוואָרען א נישקשה׳דיגער סיילסמען, הגם קיין גאנץ גרויסע בריה איז ער ניט געווען. אָבער בעללא האָט געהאט א צווייטען קינד, אויך א מיידעלע און דיא הוצאה איז געוואקסען.

זיא האָט געקליעבען געלט פאר מיר אויף נדן, אָבער ווען עס פלעגט זיך ביי איהר אָנקלייבען עטליכע דאָללאר פלעגט זיא דאָס מוזען „באָרגען" פאר זיך אליין — אויף א דרעס אָדער אויף עפּעס אין שטוב; אָדער אז ניט פלעגט א קינד קראנק ווערען, פלעגט מיין נדן צוניץ קומען פאר׳ן דאָקטאָר, און א מאָל טאקי פּראָסט אויף רענט... אָבער געהייסען האָט דאָס, אז מען „סייווט" פאר פעננגי׳ן אויף נדן. בעללא האָט דאָס טאקי געמיינט מיט׳ן גאנצען הארצען.

איך אליין האָב פיעל אָבשפּאָרען ניט געקענט. איך האָב געהאט ארביים, אָבער אויפהאלטען א הויז — אפילו פון צוויי רומקעס — איז דאָך אויך קיין קלייניגקייט. מיר האָבען אלץ גע־רעדט וועגען מופען און אלץ געבליבען אויף דער זעלבער דירה אָהן א באָרדער. איך וועל אייך אויסזאָגען דעם אמת: איצט האָב איך שוין זאָגאר מורא געהאט פאר א באָרדער. וואָס עלטער איך בין געוואָרען, אלץ ווניגער תקיף בין איך ביי זיך געווען. אז מען איז אָנגעטהאָן, צוגעפּודערט, איז נאָך א האלבע צרה. אָבער פאר א באָרדער קען מען זיך דאָך אימער ניט בעהאלטען. ער מוז אייך זעהן, ווען איהר זייט ניט אזוי פאראדנע, ווען איהר זייט נור־וואָס אויפגעשטאנען. איך האָב אימער מורא, אז אין־דער־פריה, ווען איך בין נאָך פארשלאָפען און מיין פנים איז פארטריקענט און געלבליך, און איך בין נאָך ניט אָנגעטהאָן, בין איך זעהר מיאוס. א שעהנערע מיידעל וועט דאָס ניט פערשטעהן. אָבער איך פיהל

אלץ, וואס מיט דיר וועט טרעפען!" אין אמת'ן עבער האב איך געוואוסט אויף דעם נעקסטען חתן מיט אונגעדולד. אפשר וועט פארט עפעס ארויסקומען? דאס איז געווען דער הויפט־געפיהל. עס איז אבער דערביי געווען נאך א זאך אויך. דיא שדוכים זיינען ביי מיר געווארען א גיטער „ספארט". וואס ארט מיר צי עס וועט זיך עפעס אויס'שדכן'ענען צי ניט — פלעג איך זיך קלערען — דערווייל איז א גאנצער עסק מיט א נייעם חתן; דערווייל וועל איך זיך אפשר עטליכע מאל קושען מיט א נייעם פאנספארשוין. אפשר וועט גראד דיעזען מאל זיין עפעס אן אינטערעסאנטער יונג... אבער איך פארליעב זיך אליין דעם וועג...

פון איהם גיסען שטראָמען־ווייז. אָט דורך אַזאַ מין „צערונג" טרייבט מען שטענדיג דיא מיידעל וואָס בעגעהט דעם „פאַרברע־כען" און האָט ניט אַזוי גיך חתונה. אָי, פאַרגיסט מען איהר דיא בלוט! אָי, רייסט מען איהר דיא פליייש!

ווער טהוט דאָס? אַלע! בעקאַנטע און אונבעקאַנטע. איהרע בעסטע פריינד אַזוי גוט ווי איהרע ערגסטע שונאים. מען לאָזט זיא ניט פאַרגעסען אויף איין מינוט, אַז זיא איז אַן „אַלטע מויד". מען לאָזט איהר ניט אָטהעמען. טאָמער וויל זיא ביי זיך פועל'ן, אַז דיא גליקען פון הייראַטה זיינען פיעל קלענער פון דיא צרות; טאָמער וויל זיא געדיינקען, אַז פון הונדערט פּאָאַר פאָלק איז אפשר דאָ איינע וואָס האָט נאָך דער חתונה ניט חרטה — ערלויבט מען דאָס איהר ניט. מען פערפּויקט איהר די קאָפּ, מען פערשרייט איהר דעם מח. זי מוז זוכען אַ חתן, אַזוי ווי אַ יונגער מאַן מוז אין איניגע לענדער זיין אַ סאָלדאַט און געהן אויף מלחמה, צי ער וויל צי ניט.

איך האָב אַלזאָ געוועלט מען זאָל מיר מעהר מיט שדוכים ניט פּייניגען. אַזוי האָב איך געזאָגט, און אַזוי האָב איך זיך טאַקע געטראַכט אויך. איך האָב זיך אָבער גענאַרט. טיעפער אין מיין הארצען איז פאָרט געלעגען דער שדוך־טייוועל. איך בין זיכער, אַז ווען איך וואָלט מעהר קיין חתנים ניט געהאַט, וואָלט איך ניט געקענט רוהען.

טויזענדער מענשען — אפשר אַלע — שפּיעלען אַ דאָפּעלטע ראָלע ביי זיך אין הארצען. אי זיי זאָגען זיך דעם אמת אי זיי נארען זיך. אַזוי איז דאָ געוועזען מיט מיר. ביי מיר איזווירקליך געוועזען אַזאַ צייט, ווען איך בין פון די חתנים אויסגעמאַטערט גע־וואָרען און געגלויבט, אַז איך וויל בלייבען אַן אַלטע מויד אויף'ן גאַנצען לעבען. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז דאָס איז נור אויף אַ קורצע צייט, אַז מיינע נערוועז זיינען פראָסט מיעד. שפּעטער, ווען איך האָב וויעדער גענומען בייגקען נאָך חתנים, האָב איך צו זיך געזאָגט: „עה, זאָל געהן ווי עס געהט. זיי גלייכגילטיג צו

אויף'ן שרעקליכסטען אופן. עס האלט אויש ביי בליטען; — און צווישען מיט דיא קללות און בלוטיגע כמראשונקעס פראגען זיך צוויש דיא בעסטע נעמיהלען; און רעכטען מיטען מלחמה פערגינטען מיר ניט, צו מיר זיינען זיך ליעב און טייער און צו דיא גאנצע כתובה איז ניט מעהר וויא זיך אויס־צו־שילטען דאס הארץ א ביי׳ כעל, אזוי, למשל, וויא א מאשינים לאזט ארויס א ביסעל „פסיעב" פון זיין לאקאמאטיוו, עס זאל ניט פלאצען דער קעסעל.

ביי אידען זיינען סאראן א כך פאמיליען אועלכע. דיא גיג׳ ציגסטע שוועסטער זיינען ביי אינז א מאל גראד דיא, וואס שילטען זיך אם מעהרסטען.

און אין עטליכע וואכען ארום האט מען מיר גענומען מוטשען איך זאל זיך זעהן מיט א דריטען שלאת. אזוי פלעג איך מיינע חתנים געווערנליך רופען — „שלעק".

ווען מען וואלט זיך צו מיר אזוי ניט געשטעפעט, וואלט איך זיך בערוהיגט און געפינען אנדערע אינטערעסען אין לעבען וויא א שדוך צו מהאן. אמת, דיא נאטור פאדערט פון א מיידעל אז זיא זאל חתונה האבען. אבער מענשען פאדערען דאס פון איהר פיעל שטרענגער און בארמלאזער וויא דיא נאטור. עס איז אמת, אז א ניט־פערהייראטע עלטערע מיידעל איז אן עלענדע באשעפעניש, וואס בייגקט איבער נאך א חבר און א באשיצער. אבער דאס אלץ וואלט נאך אלעמען נאר ניט געווען אזוי שרעקליך, ווען מען וואלט איהר ניט געמאכט פון אלע זייטען צו קריגען א חתן. מען טרייבט איהר, מען יאגט איהר זיא זאל חתונה האבען. מען מהוט איהר אן דעם זינגעל „אלטע מויד" אויף'ן שטערען. און וואו זיא שטעהט און וואו זיא געהט, ווארפט מען אויף איהר בקיקען, וועלכע שטייכען איהר וויא ביינטשען. אייניגע זיינען רחמנות׳ בליקען, אנדערע זיינען שפאט־בליקען. ווידער אנדערע זיינען בליקען פון פעראכטונג. עס מאכט אבער ניט אויס: שמערצען פארשאפען זיי איהר אלע. פארצייטען פלעגט מען א פארברעכער טרייבען דורך דער „צעהונג". טרייבענדיג, פלעגט מען איהם פון ביידע זייטען שמייסען מיט לאנגע ריטער ביז דיא בלוט פלעגט זיך

און האָט מיר ווידער געגומען דורען א קאָפּ מיט א חתן. איך האָב געאַרבייט מעשים מען זאָל מיר לאָזען צו־רוה. אָבער הערט א מאַמע, ווען דאָס קינד בעט זיך און וויינט מען זאָל איהם ניט צווינגען צו טרינקען דיא לעפעל ביטערע דפואה? אזוי האָט געהערט בעללא מיט איהרע שדכן׳טעס. דיא מאַמע שרייט, אז עס איז דעם קינד׳ס טובה און רוקט דיא לעפעל אין מויל אריין, כאָטש צוריים זיך! אזוי איז דאָ געווען מיט מיר.

איין מאָל האָט מיין פארביטערטע הארץ שוין ניט געקאָנט אויסהאלטען. איך האָב צו מיין שוועסטער א זאָג געטהאָן מיין אלטען שטאָכוואָרט:

— וואָס ביסטו אזוי גערען מיר חתונה צו מאכען? ווילסט מ׳זאָל פארגעסען וויא דוא ביסט אנטלאָפען פון דער היים?

איך האָב גלייך חרטה געהאט. עס איז שוין אָבער געווען פארפאלען, און דיעזען מאָל האָט בעללא אָפּגעענטפערט מיט א מאָרגע גיפט:

— נו, בין איך אנטלאָפען! יאָ, אנטלאָפען! צו אכטצעהן יאָהר חתונה געהאט! דוא וואָלסט נעבעך גאָר ניט געוועלט חתונה האָבען! וואָלט מען דיר נור נעהמען!..

— פארמאך דיין מויל, אז ניט גיב איך דיר מיט עפּעס אין קאָפּ.

— זיא וועט מיר געבען אין קאָפּ! אויך א מענש!..

אין עטליכע מינוט ארום האָט זיא צו מיר געגומען ריידען פריינדליך און איך צו איהר אויך — אזוי וויא עס וואָלט גאָר ניט געווען. אונזער ערגסטע קריעגעריי האָט קיין מאָל קיין ממשות ניט געהאט. עס זיינען פאראן שוועסטער, וואָס אז זיי צוקריעגען זיך שטארק, צוגעהען זיי זיך אויף לאנג; א מאָל טרעפּט אז עס איז אויף׳ן גאנצען לעבען. ביי אונז אָבער האָט א מחלוקה קיין מאָל ניט איבערגעלאָזען קיין איינדרוק. ווען מיר פלעגען זיך קריעגען ווער־ווייסט וויא, פלעגען מיר דערביי ביי זיך וויסען, אז מיר וועלען באלד גוט־פריינד ווערען. מען שילט זיך, מען זידעלט זיך

געזונגען לידער, געשפילט אויף "טאנטע", "שווינדלערקע". זיי האבן זיך איבערגעשמועסט אין איהם גלייך געגומען שילטען פאר וואס ער האט דאס פון מיר ביז אהער באהאלטען. פאר וואס ער האט מיר געוואלט אומגליקליך מאכען. זיי האבען געשריען איך זאל מיט איהם געהן צו א דאקטאר, צו א פראפעסאר, צו דערגיין צי איז דאס ניט עפעס אן אנדער קראנקהייט. און דער סוף איז געווען, אז זיי האבען איהם אויסגעשריען און געמאכט א שטיקעל סקאנ־דאל. איך האב געוואוסט דעם אמת, אבער זאגען זיי, אז ער איז גאר ניט קראנק און אז דאס איז ניט מעהר וויא א תירוץ אום זיך ארויסצודרעהען פון מיר, האב איך ניט געוואלט. צו וואס זאל איך אליין צופיקען מיין שאנדע? איך האב זיך נור בײ זיי געבעטען זיי זאלען ניט מאכען קיין סקאנדאלען, ניט ארויסטרייבען, אז ווען איך האב שוין גענומען א חתן, איז ער מיט א פעהלער.

אזוי האט זיך געענדיגט מיין צווייטער שידוך. מיט א האלב יאהר שפעטער האבען מיר זיך דערוואוסט, אז דער קאטער האט חתונה געהאט מיט אן אנדערע, און אז ער איז געזונט וויא א דעמב. איהר קענט זיך שוין פארשטעלען דיא קללות מיט דיא חרפות וואס דיא מאמע האט אויף זיין קאפ אויסגעגאסען, כאטש אין הארצען האט זיא זיך געגעבען געפרייט וואס דערווייל בין איך איהרע און זיא האט וואס צו עסען.

איך בין געבליבען מיט א קייל אין הארצען. איך האב זיך געפיהלט אזוי וויא מען וואלט מיר פאר א גרויסען עולם מענשען אנגעפאטשט און אנגעשפיגען אין פנים. וואו איך פלעג דערזעהן א בעקאנטען, פלעגט זיך מיר דאכטען, אז ער טראכט ניט וועגען קיין אנדער זאך וויא וועגען דעם חתן וואס האט זיך פון מיר ארויסגעדרייט.

איך האב זיך בעשלאסען מעהר קיין שדוכים ניט צו דער־לאזען; בעסער בלייבען זיצען איה׳ן נאגצען לעבען איידער אזעלכע בזיונות אויסצושטעהן. אזוי ווייניגסטענס האב איך געזאגט. אבער מיין שוועסטער האט זיך באלד פארגעסען וואס עס איז געווען,

ווען איך רייד וועגען דיא געפיהלען פון מיין חתן צו מיר; עס איז אָבער פאָרט אמת, אז ער האָט מיר געקושט, האָבענדיג מיר פיינט. דיא חיה, וואָס ליעגט אין איהם אלס מאנסביל האָט מיר געקושט, און דעם מענשען, וואָס ליעגט אין איהם, האָב איך פון זיך אָבגעשטויסען.

און אפשר, ווער ווייס? עס קען זיין, אז א מאָל האָט ער מיר א קוש געטהאָן מיט א כיון, עס זאָל אזוי גיך ניט זיין קענטיג, אז ער איז אָבגעפרעמדט פון מיר. דאָס וואָלט אפשר צוקלאפט זיין פלאן, הגם אין וואָס דער דאָזיגער פלאן זיינער איז בעשטאנען האָב איך ניט געוואוסט.

איין מאָל האָב איך זיך געטראכט, אז דאָס בעסטע איז צו פרעגען ביי איהם פאר וואָס ער איז אזוי אומעדיג. אז ניט, האָט דאָך דאָס קיין פנים ניט געהאט. ער זיצט אָפט וויא אָן אבל, און מיר אארט דאָס אפילו ניט. עס איז דאָך גלאט מעשה גולם. האָב איך זיך געמאכט מוטה און געפרעגט:

— איהר זייט עפּעס אומעדיג?

— ניין! וואָס אי? — האָט ער געלייקענט מיט א טרויעריגען טאָן, אום עס זאָל הייסען, דאָס ער איז טאקי אומעדיג.

מעהר האָב איך דיעזען מאָל ניט געפרעגט. צושטעהן קען איך ניט. אָבער אויף מאָרגען איז ער ווידער געזעסען וויא א פער־טרויערטער. און איך האָב איהם ווידער געפרעגט.

— עפּעס ניט געזונט — האָט ער מיר דיעזען מאָל גע־ענטפערט.

קוריז, ער האָט מיר ביסלעך־ווייז, כלומרשט אזוי וויא ניט ווילענדיג, גענומען געבען אָנצוהערענים, אז דיא לונגען זיינען ביי איהם עפּעס ניט וויא עס בעדארף צו זיין. ער איז געווען זעהר א ביטרער און טאקע זעהר א קלוגער אויך. זיינע אָנצוהערעניסען זיינען געווען קונציג אריינגעוועבט, מיט שכל, מיט טאלאנט.

איך האָב קיינעם קיין מעשות ניט דערצעהלט; מיין מוטער און מיין שוועסטער האָב איך בלויז געזאָגט, אז ער האָט ניט קיין

מיידלעך פֿיהרען אליין איבער דעם עסק מיט דעם, וואס זיי ווייזען צו שטארק ארויס וייער זארג. זיי עסען זיך אזוי איין מיט דיא אויגען אין זייער חתן, זיי היטען אזוי זייער בעוועגונגען, אז ער פֿיהלט זיך עפעס אזוי וויא א געפאנגענער אונטער דער השגחה פֿון וועכטער. דיא כלה'ס פֿערקאכטקייט (ניט אין איהם, נור אין דעם שדוך) ווערט איהם צו לאסט. ער קען דאס ניט פארטראגען. דורך דעם אליין ווערען פֿיעלע שדוכים צוריסען. דיא מיידלעך פֿארשטעהען ניט, אז א יונגער מאן וויל זיך ניט פֿיהלען אזוי וויא איינגעקלאמערט, איינגעבונדען אין א פאפיערעל וויא א משכון אין א „פאן שאפ". זאלען זיי האבען דעם אלטען כלל: איבער־געוואלט קען מען ניט געפֿעלען. עס איז אבער פֿיעל לייכטער צו געבען עצות איידער זיי אליין צו פאלגען. איך האב אויך ארויס־געוויזען צו פֿיעל נייגעריגקייט אין ציטערניס.

מיין חתן'ס אומעררינקייט האט איהם ניט געשטערט מיר אפט צו מאכען א גלעט, א קוש. א מאל פֿלעגט ער דערביי זאגאר א ויפֿץ מאכען. עס איז געוועזען זעהר קאמיש, כ'לעבען! ער קושט מיר, דריקט מיר צו זיך ליידענשאפטליך און זיפֿצט אזוי, וויא עס וואלט געוועזען יום כפור ביי איהם. איך האב געזעהן, אז דא ליעגט עפעס א „טריק", אז ער שפיעלט דא עפעס א ראלע וויא אן אקטיאר; איך האב חושד געווען, אז דאס איז עפעס א תירוץ פֿון מיר זיך אפּ־צו־טשעפען. מיין חארץ האט מיר געזאגט, אז דאס איז זיין מין. אי, פֿאר וואס קושט ער מיר? איז, ערשטענס, האב איך דאך שוין איבען געזאגט, אז דער יצר הרע טרייבט צו קושען א מיידעל אפילו ווען מען האט איהר ניט ליעב. — ניין, אפילו ווען מען האט איהר פשוט פֿיינט. איך קלעהר אמאל וועגען דעם, וויא אנשטענדיגע מענער קושען א גאסען־פרוי. זיצען מיט איהר ביי איין טיש וואלטען זיי ניט געוועלט. זיי וואלטען זיך „געברי־דזשעט" צו עסען מיט איהר צוזאמען; זיי האבען איהר ווירקליך פֿיינט. און פֿון דעסטוועגען קושען זיי איהר... עס איז מיר, נאטירליך, זעהר ניט אנגענעהם צו ריידען וועגען אזעלכע פרויען,

מיר צוגעוואוינט צו ווערען, און קען ניט. קורץ, איך האָב איהם פערלאָרען.

ארויסגעדרייט האָט ער זיך פון מיר מיט א לינען, און דיא ערשטע צייט, ווען מיין וואונד איז געוועזן פריש, האָב איך איהם געהאַלטען פאר א שווינדלער און א מערדער. אָבער איצט, ווען איך בארעכען דיא גאַנצע געשיכטע, האָב איך צו איהם ניט. חתונה האָבען מיט מיר איז איהם געווען שווער, האָט ער זיך אויסגעקלערט אַן אָנשטעלל. אַן אנדערער וואָלט דען בעסער געווען? זאָגען מיר אָפּען, אז ער וויל אָפּלאָזען דעם שדוך האָט ער, ערשטענס, ניט געהאט קיין מוטה און, צווייטענס, האָט ער מורא געהאט, אז עס וועט זיך אָנהויבען א „בריטש אָוו פּראמיס" געשיכטע און מען וועט איהם לאָזען ארעסטירען. האָט ער זיך געזוכט א מיטעל פטור צו ווערען אויף א פריעדליכען וועג.

ער האָט אַזוי געטהאָן:

ער איז געקומען וויא אימער, אָבער ער האָט גענומען אויסזעהן אומעדיג. ער פלעגט זיצען לעבען מיר אין פּארק, ווענינ ריידען, זיצען אַזוי וויא פאַרטראַכט און פארטרויערט — ניט כסדר אַזוי, נור בלויז אויף פינף אָדער צעהן מינוט, אָבער אָלץ עפטער און עפטער. ווען איך האָב דאָס באמערקט, איז מיר איינגעפאַלען מיין הארץ. ווער קען איבערגעבען דיא טראַגעדיע פון אזאַ מיידעל וויא איך ווען זיא געפינט זיך אין אזאַ לאַגע. קוים וואָס זיא דערלעבט א חתן צו האָבען, — ציטערט זיא איבער איהם וויא א מוטער איבער א קראַנקען בן־יחיד; זיא קוקט איהם רק אין דיא אויגען; זיא הערט זיך צו צו זיין אָטהעם, זיא היט זיין יעדען קעהר. ווען דער חתן איז אין גוטען מוטה, איז זיא אויף'ן זיעבטען הימעל; ווען ער לאָזט עפּעס אראָפּ דעם נאָז, ווערט איהר פינסטער אין דיא אויגען. „ער האָט חרטה!" — טראַכט זיא זיך מיט שרעק, אַזוי וויא דיא וועלט וואָלט געהאַלטען אין אונטערגיין. זיא שלאָפט קיין נעכט ניט.

מילא איך בין כאָטש א רוהיגע, ניט קיין נערוועזע. אַנדערע

שיין, וואָס האָט מיר ווען עס איז געשריבען. און שאַס האָט מיר א מאָל א פּראָפעסאָר איבערגוואַלט א קוש געמאַכט, אום צו מאַכען שפּאַס, צו פּאַרשעהמען מיר. אָבער ניט דיעזען וואָרט קושען מיין איך. מיין צווייטער חתן איז געווען דער ערשטער מאַנסבילל, וועלכען איך האָב געלאָזען צוריהרען זיך מיט זיינע ליפּען צו מיר. איך ביי איהם, ווייעדער, בין ניט געווען דיא ערשטע. און דאָס איז א וויכטיגער פּונקט ניט דוקא וועגען אונז צווייען. נור וועגען צעהנדליגע מיוזענדע אנדערע התנים־כלות אויך. א יונגער מאַן איז זעלטען אונשולדיג, און ניט נור פון קישען־זיך איז ער אונשולדיג. זעלטען, זעלטען וועלכער יונגער מאַן איז היינטיגע צייטען אבסאָלוט ריין פון הולטייסטוואָ. ווען עס מאַכט זיך אזעלכער, לאַכט מען פון איהם. און ניט נור זיינע חברים, נור אפּילו פרויען לאַכען היינטיגע צייטען אויך פון אזעלכען. ראַכט זיך עס קומט אויס אונגאַטירליך: אן אונשולדיגער יונגער מאַן האָט דאָך בעראַרפט ציהען מעהר צו זיך וויא א צולאָזענער. איז אָבער אין אמת'ן פאַרקעהרט: דער צולאָזענער איז דער בוואַט, מיט איהם אינטערעסירען זיך די מיידלעך מעהר; און דער רייגער, שעהמעוודיגער, אמת־אונשולדיגער יונגער מאַן איז עפּעס אזוי וויא א „שמענדריק" ביי זיי. וועגען א קוש טהאָן א מיידעל איז דאָך שוין גימאַ וואָס צו ריידען. אז מען איז אן „ער" מעג מען אלעס. אז מען איז א „זיא" טאָר מען קיין זאַך ניט. נעהמט, צום ביי־שפּיעל, אָט דאָס: ער מעג אפּילו האָבען דיא מיוזענדע כלה, וועט דאָס איהם אויך ניט שאַדען צום שדוך. ער בלייבט אימער ניי און פריש, א יחסן וויא אימער, — אזוי וויא עס וואָלט מיט איהם גאָר ניט פּאַסירט. גאַנץ אנדערש איז מיט דער מיידעל. מיט יעדען חתן וואָס זיא פיהרט זיך ארום, ווערט זיא בילליגער אויף'ן כלה־מאַרק. עס איז אזוי וויא א סחורה פאַרלירט איהר פרישקייט, איהר נייעקייט פון דעם, וואָס קאָסטימער ריהרען זיך צו איהר צו. בער קוקענדיג און בעטראַכטענדיג איהר.

איך האָב גענומען באַטראַכטען. אז מיין חתן סטאַרעט זיך צו

נים ערוואַרם. איך בין געווען צופריערען. ער איז מיר געווען טייער און צום גליק איז מיר זיין מיידעלע אויך געווען טייער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך ליעב איהר, האָב רחמנות וואָס זיא איז נעבעך אַ יתומה'לע, און אין האַרצען זיך געגעבען אַ נדר צו בעהאַנדלען איהר נאָך בעסער וויא אַ מוטער.

איז דאָך, דאַכט זיך, גוט?.. איז אָבער דער אונגליק, אַז דאָס אַלץ איז ביי איהם געווען אין קאָפּ, אָבער דיא האַרץ האָט דאָך אויך עפּעס אַ שטיקעל דעה. מיט'ן קאָפּ האָט ער טאַקי בע־שלאָסען, אַז איך וועל פאַר איהם זיין גראַד דער זאָרט ווייב וואָס ער דאַרף; אָבער זיין האַרץ האָב איך ניט גענומען, אפילו פאַר אַ „פּראַקטישען שדוך" אויך ניט. ער האָט געפּרופט זיך איינריידען, אַז איך געפעל איהם — ניט אַז ער ליעבט מיר, וואָרים דאָס וואָלט ער זיך אפילו איינריידען ניט געקענט, נור אַז ער „גלייכט" מיר אַלס מענש — און ער האָט זיך געסטאַרעט צוגעוואוינט צו ווערען צו מיר. איך האָב אָבער ביסלעך־ווייז גענומען פאַרשטעהן וואָס ביי איהם טהוט זיך אויף'ן האַרצען. איך האָב געמערקט אַז פון זיינע קושען פיהלט ער זיך ניט נעהנטער צו מיר, נור, פאַרקעהרט, אַז זיי דערווייטערען איהם פון מיר. אַי צו וואָס האָט ער מיר ווייטער געקושט? איז דאָך דאָס קיין בעווייז ניט; קושען קען אַ מאַנסבילל אפילו אַזאַ פרוי וואָס ער האָט איהר פיינט אויך. דיא פראַגע איז נור וויא פיהלט ער צו איהר גלייך נאָך דעם קוש? מעהר צוגעבונדען וויא פריהער, אָדער פאַרקעהרט? ווען ער ליעבט איהר אָדער ווען זיא געפעלט איהם ווייניגסטענס, איז יעדער נייער קוש אַ נייע קייטעלע וואָס פעראייניגט זיי; ווען זיין האַרץ קעהרט זיך אָפּ פון איהר, פיהלט זיך נאָך יעדען קוש דיא פרעמדקייט.

וואָס אַנבעטרעפט מיר, פלעגט מיר יעדער קוש מאַכען זיך פיהלען נעהנטער און טרייער צו איהם.

פאַרגעסט ניט, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער מאַנספּאַר־

אזוי האָט ער אָנגעהויבן מיר צו האַלטן אַלץ דער מאַליג אין קושן.

עלטערע מענשן אָדער יונגע רעלטייעס לאַכן אָפּ פון די קושן וואָס אַ חתן און אַ כּלה גיבן זיך איינע די אַנדערע. נו, עס איז טאַקי אמת, אַז שפּעטער, ווען חתן־כּלה ווערן שוין צוגע־וואוינט, ליגט אין זייערע קושן אַ כּח, וואָס איז נור שייך צו דער נאַטור; אָבער די ערשטע קושן פון אַן אַנשטענדיגע פּאָרעלע, וואָס מיינען חתונה צו האָבן, די ערשטע קושן, ווענינגסטענס, האָבן אין זיך אַ ריינערען יאָרט לײדענשאַפט. דאָס קושט זיך אַ חבר מיט זיין לעבענס־חבר׳טע, ניט נור אַן „ער“ מיט אַ „זיא“. אַזוי, ווענינגסטענס, פיהלט אונז מיידעל וויא איך. צה יונגע קושן! מיין האַרץ איז געווען אָנגעגאָסן מיט טרייהייט צו איהם, מיט אַ מאָראַלישען גליק און זיא געווען אָנגעגאָסן. הייליגע מינוטען זיינען דאָס געווען. אָט דאָס אַלץ האָבן מיינע קושן אויסגעדריקט.

חייבּט דאָס דען ניט קיין ליעבע? איך ווייס אַז פערליעבט (וויא מען פאָרטיטשט געוועהנליך דעם וואָרט) בין איך אין איהם ניט געווען. אָבער ניט־ליעבע קען מען דאָס אויך ניט רופען. פיעל־לייכט פעהלט אַ וואָרט אין דער שפּראַך...

און מיט איהם וואָס איז געווען? איך האָב צופיעל פון מיין שיקזאַל ניט געפאָדערט.

אַרומגעהמענדיג און קושענדיג מיך פלעגט ער מיך רופען „מהייערע מיינע“, „מיין בעשערטע“, „מיין גליק“; ער פלעגט צו מיר שושקען אַז מיר וועלען לעבן וויא אַ פּאָאַר טייבעלעך, און אַזוי ווייטער... דאָס האָט אפילו געקלונגען ראָמאַנטיש. אָבער איך האָב זיך ניט איינגערעדט אַז דאָס איז טאַקי אַזוי. קושען זיך, האַלזען זיך און ריידען ליעבעס־ווערטער הייסט דאָך נאָך ניט אַז מען איז דווקא פערליעבט. עס האָט נור געהייסען אַז איך געפעל איהם אַלס אַ פרוי פאַר איהם און אַלס אַ מוטער פאַר זיין קינד. אַז מיר וועלען זיך זיין טריי און איבערגעגעבען, אָבער ניט אַז ער איז פאַרטאַפּט, בעצויבערט. אָבער, וויא געזאָגט, צופיעל האָב איך

אי דאָס איז אַ מאַנסבילל, אי עפּעס אַזוי וויא אַ קרוב. אַ פרעמדער מאַנסביל איז אייך אימער טריפה, פערבאָטענע פּרוכט; און דאָ ערלויבט מען אייך פּלוצלונג מיט איהם אויסגעהן, זיצען אליין אין פּארק אין דער פינסטער, קושען זיך; און צו דער זעלבער צייט איז דאָס אַ טרייער פריינד, אַ בְּרודער, איינער וואָס וויל זיך בעהעפטען צו אייער משפּחה, עפּעס אַזוי וויא אַ נייער זוהן בּיי אייער מוטער, אַ ברודער צו אייער שוועסטער... דיא הארץ צאַפּעלט זיך צו דעם פאַרבאָטענעם פּרוכט, צום מאַנסבילל, צו אייער בעשיצער, און די זעלבע הארץ ציטערט מיט אַ צערטליכערען געפיהל, מיט אַ גן עדן'דיגע פריינדליכקייט צו אייער מוטער'ס נייעם זוהן, צו אייער שוועסטער'ס נייעם ברודער... וויא־זשע וועט איהר דאָס אַלץ רופען? זאָל זיין אַז דאָס איז ניט דיא אמת'ע ליעבע. ווי־זשע דען רופט איהר דאָס? דיא הארץ איז פּאָרט ניט דיא זעלבע וויא געוועזן...

בּיסלעך־ווייז האָט ער בעקומען מוטה אַ גלעט צו טהאָן מיין האַנט. דערבּיי איז ער פאַרשעהמט געוואָרען, און איך נאָך מעהר. דיא הארץ האָט בּיי מיר גענומען קלאַפּען אַזוי האסטיג! און וויא ער האָט אַזוי געהאַלטען אין ריידען צו מיר וועגען דיא פּלענער אויף דער צוקונפט, האָבען זיך איהם גענומען פּלאָנטערען דיא ווערטער. עס איז אָבער באַלד איבּערגעגאַנגען. אין אַ פּאָאָר טאָג האָבען מיר זיך צוגעוואוינט צו האַלטען זיך פאַר דיא הענט און אַנדערש פּלעגען מיר שוין ניט זיצען.

דיעזע אָנריהרעניס פון זיין האַנד אָן מיינע האָט ווידער אַ נייעם לעבען אין מיר אַריינגעזעצט. דאָס איז ניט געווען בלויז דיא נאָהענטקייט צו אַ מאַנסבילשע לייב. ניין, דער עיקר איז געווען דיא נאָהענטקייט צו א י ה ם, מיין בעשיצער, מיין חבר. ווער קען דאָס געפינען ווערטער איבערצוגעבען וואָס דאָס בעדייט אין דעם לעבען פון אַ מיידעל! ער איז מיר געוואָרען טהייערער יעדע מינוט, ראכט זיך.

אויב דאס מוז הוקא זיין א מיעסער, ברענגענדיגער געפיהל, א מין כשוף, דאן איז דאס קיין ליעבע ניט געווען. אבער אין הארצען האט זיך ביי מיר פארט געפיהלט א ווארימע נאהענטקייט צו איהם.

דיא הארץ פון א מיידעל, ווען א יונגער מאן הויבט צו איהר אן צו ווייזען פריינדליכקייט, איז נאר ניט דיא זעלבע הארץ וויא פריהער. א גרויסע ענדערונג קומט דארטען פאר. זיא ווערט נאר אן אנדער מענש. דיא מיידעל, און דיא גאנצע וועלט ווערט נאר אן אנדער וועלט אין איהרע אויגען. איך מיין, נאטירליך, ווען דער יונגער מאן איז צו איהר פריינדליך ניט גלאט אזוי זיך, נור אז צווישען זיי הויבט אן צו וואקסען אן אמת'ע חבר'שאפט. איך ווייס ניט אויב מענער קענען דאס גאר פארשטעהן, מיידען זיי זיינען זעהר זעלטענע, מיידען זיי נויטיגען זיך אין איטיצען, מיט וועמען זיי קענען ריידען ווי מיט אן אייגענעם. א מיידעל'ס הארץ איז אבער א י מ ע ר עלענד, אפילו ווען זיא האט ארום זיך א גוטע מאמען מיט דיא בעסטע שוועסטער. דיא נאטור האט געמאכט, אז דיא פרוי זאל זיך נויטיגען אין דעם מאנספארשוין'ס שטיצע און נאך דעם ביינקט זיא אימער. אהן דעם פיהלט זיא זיך אלע מאל וויא א פארוואגעלטע. דאס איז איינס.

א צווייטע זאך איז וואס דער מאנסביל איז פראנק און פריי און די פרויענצימער — ניט. ער הוליעט, האט אלערליי קאמפאניעס, און זיא איז פארשפארט אין שטוב און אין שאפ. ווען זיא ערלויבט זיך ארויסצוגעהן אליין, צו פארברייינגען אן אבענד מיט אינבעקאנטע, איז זיא שוין אין געפאהר; און צי יא אין געפאהר צי ניט אין געפאהר — בעריידען בעדערט מען איהר מיי־זויי־סיי... זיא דארף זיך רק היטען; רק זיא מאר ניט; רק זיא מוז זיין ארומגעצאמט. זיא לעבט וויא א מאנאשקע אין א קלויסטער.

דעריבער ווען זיא האט שוין א חתן און ער רעדט צו איהר וויא א זעהר נאהענטער פריינד, כאפט זיא זיך צו דיעזע פריינדשאפט צו מיט א זשעדנעקיים.

וואס איז א חתן? אי ער איז א פרעמדער אי אן אייגענער.

מיר מיט שכל און מיט א טאַלק, און ער האָט גלייך געזאָגט, אז ער זוכט ניט קיין נדן און אז אויב ניט קיין שעהנע מאכט איהם אויך ניט אויס, נור דיא כלה זאָל זיין א גוטע בעל הבית'טע און א גוטע, — דאָס הייסט גוט צו זיין קינד.

ווען מיר האָבען זיך באַגעגענט, האָט ער דעם געשפּרעך געפיהרט זעהר קלוג, און איך האָב געקענט זעהן, אז מיינע אַנט־וואָרטען און בעמערקונגען געפעלען איהם. עס האָט אויסגעוויזען, אז ער האָט אין מיר געפונען פּונקט דאָס וואָס ער דאַרף, און מיר איז דער שדוך אויך געפעלען געוואָרען.

ער האָט מיר בעזוכט גאַנץ אָפט. מיר זיינען פיעלע מאָל זיך דורכגעגאַנגען, געזעסען ביז שפּעט אין פּארק. קורץ, מיין שוועסטער און איהרע מיט־שדכן'טעס האָבען געטאַנצט פאר שמחה, און דיא מאַמע, נעבעך, האָט אי געפרייט זיך, אי געציטערט אז זיא וועט בלייבען אָהן א שטיקעל ברויט.

דער חתן האָט אימער גערעדט וויא א פּראַקטישער מענש. ער האָט אָפט געמאַכט שפּאַס פון ראָמאַנען מיט די „ליעבעס־שמיבעס“, וויא ער פלעגט דאָס רופען. ער האָט געגעבען אָנצוהערענים, אז ווען ער וואָלט געזוכט א שעהנע אָדער א מיידעל מיט נדן, וואָלט ער נאַטירליך וועגען מיר ניט געטראַכט. אָבער די דאָזיגע אָנצו־הערעניסען זיינען געוועזען געמאַכט זעהר פערשטעלט און איידעל. בעליידיגען זיך פון זיי איז ניט געוועזען קיין אורזאַכע. און דערצו בעליידיג איך זיך איבערהויפּט ניט גיך. ער פלעגט זאָגען, אז איך געפעל איהם מיט מיין כאַראַקטער און מיט מיין פערשטאַנד, און אז ער איז זיכער דאָס מיר וועלען צופריעדען זיין איינער פון אנדערען.

דאָס אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט א זעהר גוטען איינדרוק. אויף מיין געלאַסענעם, שטילען שטייגער, האָב איך זיך געפיהלט גליקליך.

האָב איך איהם געליעבט? אז מען וויל, קען מען זאָגען אז יאָ. עס ווענדט זיך נור וואָס איהר מיינט מיט דעם וואָרט „ליעבע“.

האט ער ניט איבערגעהערט קעשענען און נעמען, ביז דיא שיסעלע איז געווען געבליבען ליידיג. און אזוי קענענדיג און פליודערענדיג, האט ער פלוצלינג א פרעג געטהאן:

— מאכט אידר האט פיער הונדערט דאללאר? מיכעלע נאוויק זאגט, או אידר האט פיער הונדערט דאללאר.

איך האב געשוויגען, און געקוקט איהם אין דיא אויגען, כלומר'שט מיט א בארישטהיגטען בליק, אום זיך ארויסצודרעהען פון צו ענטפערען; אבער ער האט אפילו ניט געהאט קיין אינטערעס צו דערווארטען זיך אויף אן אנטווארט. ער האט ווייטער געגעסען כאלטען וויא א מיל.

מיכעלע נאוויק און מיין שוועסטער האבען געוואוינט אין מיכעלע נאוויק'ס הויז. ווען זיי האבען שוין מעהר קיין געדולד ניט געהאט צו ווארטען, זיינען זיי צוריק אריינגעקומען אין מיין שוועס־טער'ס רומס. דא האט דיא מיכעלע נאוויק געזאגט אזא חכמה:

— זעה נור וויא גאלאנט זיי זיצען איינער צו דיא אנדערע! זעה נור וואס פאר א גוט לעבען! ס'גערט אויף א גאנג, כ'לעבען! ווען מיר וואלטען געקומען א ביסעלע שפעטער וואלטען מיר זיי געפונען נאך געהנטער...

און זי האט מיין שוועסטער געגעבען א געפרעגעלטען וואונק, וועלכער האט געשמעקט ניט נור מיט אידיאטסטווא נור אויך מיט אן אונאנשטענדיגען אנציהערעניס.

איך און דער חתן זיינען ווידער רויט געווארען וויא בוריקעס. מען האט געפלערט, גע'חכמה'עט זיך, ביז ער איז אוועקגעגאנגען. ווען מיכעלע נאוויק האט פאר זיין אוועקגעהן ביי איהם געפרעגט, ווען ער וועט ווידער קומען, האט ער געזאגט אז אין א פאאר טאג ארום. אבער מעהר האט מען איהם ניט געזעהן.

דער צווייטער חתן איז געווען מעהר מענש. ער איז געווען א יונגער אלמן מיט א קינד, און ער האט געזוכט א בעל־הבית'טע. ער איז געווען א קאטער ביי פענטס און האט געהאט סטעדי ארבייט. אידער ער האט מיר געזעהן, האט ער אלץ איבערגעפרעגט וועגען

וויא א האמער, אָבער ער איז נאָך געווען מעהר פערשעהמט וויא איך, און איך האָב זיך בערוהיגט פריהער וויא ער. ער איז געזעסען און געקוקט דורך׳ן פענסטער וויא א גולם.

דיא האָאר זיינען ביי איהם געווען געשאָרען אין א הויכע „פּאָלקע"; זיין קאָפּ איז פון הינטען געווען גרויס, קיילעכדיג, און וויא איך האָב איצט אויף איהם אזוי געקוקט איז ער מיר געווען זעהר העסליך. איך האָב איהם פיינד געקראָגען און דיא פיינדשאַפט האָט זיך צו מיר אין הארצען געצויגען פון זיין „פּאָלקע" — אזוי האָט זיך מיר אין יענער מינוט געדוכט.

וויא א פערגליווערטער איז ער געזעסען. עס איז מיר געווען שרעקליך אונאנגענעהם. איך האָב ניט געוואוסט וואו זיך אהין־צו־טהאָן. ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך אנטלאָפען געוואָרען.

ענדליך האָב איך זיך געמאכט הארץ און געזאָגט מיט א שמייכעל:

— מיר זיצען טאקי וויא שעהמעדיגע חתן־כלה. מען וויל דאָך מסתמא, אז מיר זאָלען זיך דורכריידען.

דאָ האָט ער פּלוצלונג א וואָרף געטהאָן זיין קיילעכדיגע קאָפּ אויף הינטען און ארויסגעזעצט מיט א קוויטשעדיגען געלעכטעריל:

— ראַט׳ס רייט ! וויא שעהמעדיגע חתן־כלה — האָט ער זיך אָבגערופען — דאַט׳ס איט ! כאַ־כאַ־כאַ !

און איין מאָל האָט ער אויפגעעפענט זיין מויל, האָט זיא זיך שוין ביי איהם ניט צוגעמאכט. ער האָט זיך אוועקגעלאָזען ריידען און טאָלקעווען וויא א קאָלאָקאָטקע.

וואָס האָט ער מיר ניט אויסדערצעהלט ! גערעדט האָט ער אָבער נור וועגען זיך אליין, געריהמט זיך, בעקלאָגט זיך, סתם געפּלאַפּעלט. וועגען מיר האָט ער ניט גערעדט.

ער איז געווען א קאָסטאָם פּעדלער, אָבער איך האָב געקענט זעהן אז ער מאכט קוים א לעבען פאר זיך אליין. וועגען אויפהאַלטען א הויז האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

אויף׳ן טיש איז געשטאנען א גלעזערנע שיסעלע מיט ניס,

## IV

מיין ערשטער חתן איז געוועזן א נאַרישער. איהם איז איי־געגעליך ניכט וואָס צו דערמאָנען. און דאָך וועל איך איהם קיין מאָל ניט פארגעסען: אפשר איז דאָס, ווייל ער איז געוועזן מיין ערשטער חתן. איך געדיינק איהם אזוי. צום ביישפּיעל, וויא איך געדענק דיא ערשטע הוט וואָס איך האָב געטראָגען, אדער דיא ערשטע וואוינונג וואָס מיר האָבען געהאט אין אמעריקא.

ער איז געוועזן א מענש אָהן א ברעקעל כאראקטער. ער האָט גאָר ניט געהאט אין זינען איצט א שרוך צו מהאָן; נור דיא ווייבער זיינען צו איהם צוגעשטאנען, און ער האָט קיין מוטה ניט געהאט זיי צו זאָגען, אז זיי זאָלען איהם ניט דרייען קיין מוח. אזוי האָבען זיי איהם ארייננעשלעפּט, ביז ער איז געקומען מיר זעהן.

דער הויפּטקאָמאנדיר אין דער פּאָליטיק, וואָס דאָ איז אָנ־געפיהרט געוואָרען, איז געוועזן מיין שוועסטער'ס א שכנ'טע, א פרוי מיט'ן נאָמען מיסעס נאָוויק. זיא איז געוועזן א גרויסער נאַר. דיא נארישקייט איז ביי איהר געוועזן אויסגעגאָסען אויפ'ן פּנים און פּראָסט געדונגען איבער איהר נאָז. פאר א בלאָק וואָלט איהר דערזעהן, אז דאָ געהט א נאַר. זיא איז אָבער געוועזן א קאָכלעפעל, א ווינדמיל, א בראָנר. וואו זיא האָט דעם חתן אויס־געקראצט, ווייס איך ניט — אבי זיא האָט איהם געבראָכט צו שלעפּען אין מיין שוועסטער מיט דיא אנדערע שכנ'טעס האָבען זיך גענומען צו איהם. קורץ, מיר האָבען זיך געזעהן, ביי מיין שוועסטער אין הויז. און מען האָט אונז ביידען איבערגעלאָזען אליין, מיר זאָלען זיך דורכריידען.

ווען מיר זיינען געבליבען אויג אויף אויג, זיינען מיר ביידע געוואָרען רויט וויא בוריקעס. צום ערשטען מאָל אויף מיין לעבען בין איך געזעסען לעבען א חתן. דיא הארץ האָט ביי מיר געקלאפּט

אין אמת׳ן בין איך ציכטיגער און ריינער וויא זיא, און איך טהו זיך אָן מיט מעהר געשמאַק אויך, אָבער וואָס העלפט דאָס? ווען זיא זאָל אָנטהאָן אַן אַלטע זאַק אויפ׳ן קאָפּ, וועט דאָס איהר אויך פּאַסען, — דאָס הייסט עס וועט איהר צוגעבען פרויען־רייץ. און איך מעג זיך אויספּוצען וויא א פּרינצעסין, וועט דאָס מיר אויך ניט העלפען. איך בין אַזוי שולדיג אין דעם, אַזוי וויא איך בין שולדיג וואָס מיין נאָז איז צו דין און צו שמאָל. אָבער בעללא מיינט, אַז איך בין יאָ שולדיג, און זיא מוטשעט מיר רק מיט איהרע אָנצוהערעניסען, אַז איך דאַרף וויסען וויא צו געפעלען, אַז איך קלייד זיך ניט ריכטיג, אַז איך שטעה ניט גוט, געה ניט גוט, רייד ניט אַזוי, קוק ניט אַזוי.

אַמאָל, ווען זיא דערעסט מיר שוין צופיעל, גיב איך אויף איהר א שטילען געשריי:

— אַך, לאָז מיך צורוה מיט דיין מוסר זאָגען! וואָס אַרט דאָס דיר, אַז איך קריג ניט קיין חתן? איך קען דיר ארויסגעבען א שריפט אַז צו דיר האָב איך ניט.

זיא נעהמט דאָס אָבער אָן פאַר א שטאָכוואָרט, פאַר אַן אָנצוהערענים, אַז זיא האָט חתונה געהאַט פריהער פאַר מיר, און דאַן הויבט זיך אָן א סצענע. זי קאָכט זיך, זי רופט מיר „שטילער שלאַנג“, זיא וויינט. איך שמייכעל אָבער אָהן כעס. און באַלד געהט ביי איהר אויך איבער דער כעס, און זיא בעט מיר איבער מיט קושען און מיט נייע טרעהרען. דאָס זיינען שוין אָבער טרעהרען פון ליעבשאַפט און פון דאגה פאַר וואָס איך בין אַן אַלטע מויד.

איך וועל דאָ ניט דערצעהלען וועגען אַלע מיינע חתנים. ערשטענס, ווער קען דאָס זיי אַלעמען געדענקען? צווייטענס, איז וועגען פיעלע פון זיי פּראָסט ניטאָ וואָס צו דערצעהלען. אָבער וועגען עטליכע וועל איך פּרובּען איבערגעבען, וואָס פאַר א מענשען דאָס זיינען געוועזען און וואָס פאַר אַן ערפאַהרונגען איך האָב געהאַט זייענדיג זייער כלה.

שרײַבט מיר זײַן פּאַרטאַסטן. יעדעס מאָל וואָס עס גרינט זיך מיט גאַליס שרײַבט איך זיך ריא אײַנגען צו ווײַזען.

ריא בעקאַנגטע ווײַבער, איבערהויפּט מײַן שוועסטער׳ס שכנות און פֿרײַנדינען שטעכען מיר פּראַסט דורך מיט זייערע נײַנעריגע אויגען... זי מיינען אוודאי מײַן טובה. אָבער זייערע בליקען, זייערע בליקען! זייער נײַנעריגקייט. זייער ושטרנגקייט צו זען צו מײַן נײַער שדוך „גאָהט אויף א גאַנג" סערשטערט מיר מײַן לעבען. שטעל׳ט איך מיר פֿאַר אז א הונגעריגער וועט זיך עסען און צוואַנציג פּאָאַר אויגען קוקען אויף זײַן יעדען ביסען, אויף יעדע לעפֿעל זופּ וואָס ער נעהמט אין מויל. קען איהם דען אײַנגעהן דאָס עסען? אַט אַזוי פֿיהל איך, ווען איך הויב אָן אויסצוגעהן מיט א חתן. עס קען זײַן, אז א מאָל איז דאָס אײַנע פֿון ריא אורזאַכען, פֿאַר וואָס פֿון דעם שדוך ווערט גאָרניט. איך בין אביסעל נערוועז, איך פֿיהל זיך ניט נאַטירליך. איך רייד נאָך ווייניגער און ווייז ארויס נאָך ווייניגער לעבען ווי געוועהנליך.

היינט האָט איהר בעדאַרפֿט זעהן מײַן שוועסטער, ווען א חתן הערט אויף צו קומען! זיא קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע טרויעריגע אויגען! און אין ריא דאָזיגע טרויעריגע אויגען ליעגט אַזא טענה צו מיר, אז מיר ווילט זיך אי לאַכען אי שילטען איהר.

„ווייעדער זיך איבערגעלאָזען מיט גאָרניט!" זאָגען אידרע אויגען. „גוואַלד פֿאַר וואָס טרײַבסטו ניט מעהר? פֿאַר וואָס לאָזטו זיי זיך ארויסגליטשען פֿון דײַנע הענט? פֿאַר וואָס האָסטו ניט החכמות אויף זיך און אויף מיר?"

ווען בעלא הערט א קנײַפּ אויף מײַן רויטלעכט אָדער אז עפּעס א שפּיינגע ליעגט ניט גלאַט אויף מײַן העמד, אָדער ווייס איך וואָס, גלעט זיא דאָס אויס. און ברייננגט דאָס אין אָרדנונג מיט אַזא מינע, אַזוי ווי זיא וואָלט זאָגען:

„וואָס איז דער חידוש, אז מענער קלעפּען זיך צו איהר ניט! ווען זיא וואָלט געגאַנגען ווי א מענש, ווען זיא וואָלט מעהר אַכטונג געגעבען אויף זיך, וואָלט זיא נאָך אַנדערש געפֿעלען!..."

גאר־ניט מיט גאר־ניט. נור א מאל פלעגט פון דעם יא ארויסשפרא־צען א שרוף. אנדערע שרוכים האבען זיך מיר געמאכט אויף אן אנדער ארט. אבער פון די אלע שרוכים איז אויך גאר ניט ארויס־געקומען.

איך בין שוין צוגעוועהנט צו דעם. איך האב שוין געהאט א פאאר ראמאנען אויך. איך האב דורכגעמאכט גענוג הארץ־קלעמעניש מיט בלוט־פערגיסונגג. היינט ווען עס קומט א נייער חתן, באגעגען איך איהם מיט אן אינערליכען שמייכעל. איך ווייס אז דיא נעשיכטע האט קיין ממשות נים. אבער — איהר וועט מיר גלויבען? מיך אינטערעסירט דיא קאמעדיע גופא. איך האב ליעב צו זעהן וויא אזוי דער נייער קאסטימער וועט זיך נעהמען פאר דעם דושאב, וויא אזוי ער וועט שפיעלען זיין ראליע, וואס פאר א זארט מענש דאס איז. עס איז עפעס אזוי וויא איך וואלט לייענען א נייע סקיצע, א נייעם כאראקטער־בילד. „א נו, לאמיר זעהן וואס דאס איז פאר א העכט!" קלעהר איך מיר, און ווארט מיט אונגע־דולד, אז מיר זאלען בלייבען אליין, אום צו זעהן וויא ער וועט זיך שעהמען, וויא אזוי ער וועט זיין שעהמעדיגקייט אראפווארפען פון זיך, וואס ער וועט זאגען, וואס פאר א כאראקטער ער וועט ארויס־ווייזען.

איך וועל ניט לייקענען פאר אייך אז איך האף יעדעס מאל, אז עס וועט עפעס פארט ארויסקומען, אז איך וועל חתונה האבען און זיין א פרוי וויא אלע פרויען. אבער מיט דער האפנונג איז דורכגע־מישט א פערצווייפלונג — א פערצווייפלונג מיט א טרויעריגען שמייכעל. איך וועל פון אייך אויך ניט פארבארגען, אז איך אינטע־רעסיר זיך מיט יעדען נייעם חתן וויא סתם מיט א מאנסביל. דער געדאנק, אז איך גאה זיך מיט איהם זעהן אלס זיין כלה, רייצט מיר אלס א פרוי. א מאדנע נייגיריגקייט שטערט דאן מיין רוה. איך פיהל זיך פאראוים אלס א שעהמעדיגע כלה און דיא שעהמעדינקייט איז מיר מאדנע נעשמאק. אבער דער שדוך ענדיגט זיך און אין הארצען בלייבט א וואונד. יא, גענוג בלוט האבען דיא דאזיגע

ריזען אַרט האָבען זיי פֿון איהר געהערט אָפּטער הונדערט מאָל, אַז איהר געוויסען לאָזט איהר ניט רוהען פֿאַר וואָס זיא האָט חתונה געהאַט פֿריהער פֿאַר מיר. אַז איהר קריינקט זעהענדיג וויא איך ווער עלטער און עס מאַכט זיך אַלץ ניט קיין חתן פֿאַר מיר.

זיא האָט דערציילט וויא זיא קלייבט אייך נרן פֿאַר מיר, און ווי זיינען צוטשפּאָלטען געוואָרען דאָס הערענדיג. דער אמת איז, אַז זיא האָט זיך בלויז געקליבען צו קלייבען; זיך געקליבען און געקליבען און כיין קלייבען זיך איז דאָס געבליבען. געמיינט האָט זיא דאָס אָבער מיט'ן גאַנצען הארצען. מעהר ניט זיא האָט זיך צופֿיעל בעריהמט מיט דעם — צו פֿיעל און צו פֿריה.

— אפשר ווייסט איהר עפּעס פֿון אַ גוטען יונגען־מאַן? — פֿלעגט זיא ענדיגען איהר הארץ־אויסגיסענים — זיא איז דאָך אוזא גוטע, אוזא גאָלד. זיא וועט אַ מאַן גליקליך מאַכען.

דיא ווייבער האָבען זיך פֿאַראינטערעסירט. און ביסלעכווייז איז ביי זיי געוואָרען אַ געיעג, אַ מין פֿאַרוועטענים, ווער עס וועט קענען פֿאַר מיר אַ חתן געפֿינען.

עס איז אַן אַלטע מעשה, אַז יעדע פֿרוי איז אין הארצען אַ שדכנ׳טע; נו, האָט זיך אין דיזע פֿרויען צופֿלאַקערט דער שדכנ׳ישער גייסט. זיי האָבען געאַרבייט אויף אַלע כלים, זוכענדיג אַ חתן פֿאַר מיר. פֿיעלע קאָמישע זאַכען זיינען דערביי אַרויסגעקומען. אַ זאָנדערבאַרע קאָנקורענציע האָט זיך צווישען זיי ענטוויקעלט. איינינע האָבען זיך צוקריגעט און געוואָרען אויף מעסער צוליעב דעם. אָבער אַז איך וואָלט וועלען אַלץ אויסשרייבען וואָלט קיין פּאַפּיער ניט געקלעקט.

אַ פּאָר יאָהר זיינען אוועק. מיין שוועסטער האָט געמיטען, אָבער ווייטער ניט ווייט פֿון אונז. אויף איהר נייער דירה איז געווען דאָס זעלבע. אין אַזוי איז דאָס געגאַנגען כסדר... דאָך — מען קען אפשר מיינען, אַז איך האָב זיך געזעהן ווייניגסטענס מיט עטליכע חתנים אַ וואָך. נו, אַזוי ווייט האָט דאָס ניט געהאַלטען. דאָס ריב איז פֿון דיא גאַנצע רייד מיט דיא קאָמעדיש אַרויסגעקומען

אבענד, פלעג איך אויף מאָרגען דעם גאַנצען טאָג בייַנקען נאָך איהר.

בעללא האָט שוין ניט געדאַרפט נייהען איהרע ראָפּערס. איהר מאַן האָט זיך בעפרייט פון זיין „בעל־טובה" דעם אָנקעל׳ס שטיפ־זוהן, האָט ער פאַרדיענט פיעל מעהר. ער האָט געמאַכט א נישקשה׳דיגען לעבען. ביי איהר אין שטוב פלעגט זיין אימער פול מיט שכנות. אלע האָבען זיך געקלעפּט צו איהר און צו איהר בייבי. פרויען האָבען ניט ליעב א פרוי, וואָס איז פערקאָכט אין מענער און וואָס מענער זיינען פאַרקאָכט אין איהר. קיין כלל איז דאָס אָבער ניט. זעהר אָפט איז דאָס פּונקט פאַרקעהרט; עס טרעפט, אז אזא פרוי האָבען זיי גראָד ליעב. מיין שוועסטער האָט געהאַט מזל צו ווייבער אזוי גוט וויא צו מאַנסבילען. איהר ווייבליכקייט האָט דיא ווייבער געצויגען צו איהר אזוי ווי קליינע מוזיקאַנטען ציהט צו גרויסע. דער קלעזמער פערגינט דעם קינסטלער טאַקע ניט, אָבער רייבען רייבט ער זיך אַרום איהם פאָרט. אזוי איז געווען מיט דיא ווייבער, וואָס זיינען בעקאַנט געווען מיט בעללא׳ן.

און מיט מיר איז א פאַרקעהרטע געשיכטע. איך אינטערעסיר פרויען ניט. זיי לויבען מיר, זיי רופען מיר „גוטע", „דימענט", „א מענש אָהן א גאַל". אָבער ליעב האָבען צו פאַרברייינגען מיט מיר — דאָס ניט. ראַכט זיך, איך פאַרשטעה דיא וועלט מעהר. נו, האָט מען ליעב מיט מיר זיך אַן עצה צו האַלטען. נישט מעהר. אזוי אָבער דאַרפען זיי מיר ניט. איך לאַנגווייל זיי.

הינטער דיא אויגען בערײַדען דיא ווייבער בעללא׳ן; זיי מאַכען פון איהר א בארג אש; זיי לאַכען פון איהר פּלאַפּלעריי. אָבער אין דיא אויגען זיינען זיי מיט איהר דיא בעסטע פריינד און אין אמת׳ן האָט זיא טאַקע ביי זיי חן.

ביי איהר איז וואָס אויפ׳ן לונג דאָס אויפ׳ן צונג: זיא פּלאַפּלעט אלץ גלייך אַרויס. נו, האָט זיא יעדע שכנה בעזונדער פאַרטרויט אלץ וואָס טהוט זיך ביי איהר אויפ׳ן האַרצען און יעדע האָט זיא פערשוואָרען, אז זיא זאָל דאָס קיינעם ניט דערצעהלען. אויף

יונגע לייט; און אז איך וואָלט שוין יא בעקאַנט מיט א יונגען מאַן, געדענקט ער מיר דערנאָך ניט.

איהר וועט מיר זאָגען, אז איך בין א זעלטענהייט מיט דעם וואָס איך פאַרשטעה אזוי גוט מיין צרה: וואָרים געוועהנליך איז דיא מיאוס'סטע פרוי איינגערעדט ביי זיך, אז זיא איז שעהן. אַדער ווענינגסטענס אז זיא איז פיל מיט חן. איך וואונדער זיך אַמאָל אַליין, פאַר וואָס איך בין אזוי ווענינ גענאַרט אין זיך. און איך קום צו דעם שלום, אז דאָס גופא איז א סימן, אז איך בין ניט איני־טעליגענט. איך טראַכט מיר אזוי: פרויען מאַכען זיך אז זיי זיינען שעהן, און מענער ליעבען דאָס אין זיי; זיי ליעבען אז זיי זאָלען קאָמפּלימענטען מיט זיי. א פרוי, וואָס איז גאָר קיין קאָקעטקע ניט, געפעלט ניט אויס ביי קיין מאַנסביל; ער אַליין מיינט זיך זיין ווער־טהייטער ווייסט ער ניט א פרוי וואָס קאָקעטירט אביסעל. איך אָבער האָב אין זיך קיין שום קאָקעט־טעריע; איך נאָר קיינעם ניט אין זיך אליין איך ניט. און דאָס מיינט מען דאָס מסתמא, ווען מען זאָגט, אז איך האָב ניט גענונג לעבען אין זיך... ניין, ניט דאָס אַליין! דיא הויפּטזאַך איז דאָס וואָס איך בין אזא שמילע. איך מיטעפּע קיינעם ניט. איך קריך ניט אין דיא אויגען. איך פּאָדער קיין זאַך ניט. איך בעליידיג זיך ניט. איך בין כמעט קיינמאָל ניט אין כעס. מען האַלט מיר פאַר א גולם. אָבער מענער אינטערעסירען זיך גראָד מיט דיא, וואָס קריכען זיי אויס'ן קאָפּ און ווערען ניך אין כעס.

שמריק (דאָ אין אמעריקא רופט מען איהם סמריק) האָט ביסלעכווייז גענומען פאַרשטעהן ביזנעס. און דער מיף איז געוועזען, אז ער איז פון זיין קאָזין אוועק און איז געוואָרען א מיילכמען פאַר אן אנדערען. ער פלעגט אַרומגעהן איבער'ן שטאָדט און פאַרקויפען ווהייטגודס אין סטאָרס. דאָס איז געווען נאָכדעם וויא ביי זיי איז שוין געבאָרען געוואָרען א בייבי, — א מיידעלע. דאָס קינד איז געווען מיין גאַנצער לעבען. אז איך האָב איהר ניט געזעהן אן

אַ זעהר מיאוס'ע מיידעל ציהט מעהר אויפמערקזאַמקייט וויא איך. זאָל זיין אַז זיא ציהט דאָס מיט איהר העסליכקייט. אַבי מען קוקט אויף איהר. אויף מיר קוקט קיינער ניט...

עס געהט למשל אַ מאַנסביל איבער'ן גאַס; עס געהען פערביי הונדערטע פרויען. אויף איינע גיט ער אַ קוק, ווייל זיא איז שעהן; אויף אַ צווייטע, ווייל זיא האָט עפּעס אַ מאָדנעם מיאוס'ן פּנים. איך בין פון יענע ניט־קיין־מיאוס'ע־און־ניט־קיין־שעהנע, אויף וועלכע מען קוקט גאָר ניט. עס זיינען פאַראַן צעהנדליגע טויזענדע פּנים'ער וויא מיינער. עס איז אין זיי ניטאָ אויף וואָס צו קוקען. וועט איהר דען באַמערקען איין גרעזעלע פון אַ גאַנצע פעלד? אַזוי, בעמערקט מען ניט אַזאַ פּנים וויא מיינער...

עס טרעפט אַז מען שטעלט מיר פאָר פאַר אימיצען צום פינפטען מאָל און יענער הויבט ניט אָן זיך צו דערמאָנען, אַז ער האָט מיר שוין אַמאָל געזעהן. דאָס איז ניט קיין אָנשטעל. מען נעדיינקט מיר פּראָסט ניט. איך ווייס דאָס גאַנץ גוט. איך בין געבוירען געוואָרען מיט אַזאַ פערפלוכטען אונאינטערעסאַנטען פּנים, אַז איך קען אויף קיינעם קיין איינדרוק ניט מאַכען.

עס פאַרשטעהט זיך, ווען איך וואָלט אין זיך געהאַט מעהר לעבען, וואָלט דאָס זעלבע געזיכט מיינע געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם. עס זיינען פאַראַן פרויען פאַרזעהעניסען, וועלכע בעצויבערען מענער מיט זייער פייער; איך בין צו רוהיג, צו געלאַסען, צו שטיל. מען זאָגט אַז דיא מיאוס'סטע פרוי האָט פאָרט עפּעס אַ שמיקעלע חן אין זיך. איך האָב מורא צו זאָגען אַז איך האָב דאָס ניט. איך וואָלט זיך ווינשען צו זיין פיעל מיאוס'ער, אַבי כאָטש אַ טראָפּען חן צו האָבען. אָבער וואָס העלפט דאָס ווינשען זיך?...

יאָ, מען קוקט אויף מיר ניט; מען בעמערקט מיר ניט. אַזוי וויא איך וואָלט גאָר ניט געוועזען אויף דער וועלט. דאָס איז טויזענד מאָל ביטערער וויא ווען מען זאָל מיר באַמערקען און זיך אָבקעהרען פון מיר. אוי, וויא ביטער דאָס איז!...

איך בין צו שטיל, און דערפאַר בעקאָן איך זיך ווענים מיט

# III

ווען מען ראָט מיר אין אמת׳ן אָנגעהויבען צו ריידען שדוכים, בין איך ביי זיך שוין ניט געווען נעגאַרט. איך האָב זיך ניט איינגערעדט קיינע גליקען. ווענען פייערדיגע ראָמאַנען האָב איך ניט געטרוימט. איך האָב געוואוסט אַז איך בין ניט שיין.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז קיין גאַנץ מיאוס׳ע בין איך אויך ניט. אָבער מיר דוכט אַז אַ מיידעל וויא איך האָט נאָך וועניגער „משאנס" וויא מיעלע פּערזענליכקייטען. זיי קענען ציהען מעהר אויפמערקזאַמקייט וויא איך. און דאָס איז דיא הויפּטזאַך. צו וואָס פּוצען זיך פרויען? צו וואָס טראָגען זיי אַזעלכע משונה׳דיגע העטעס, קליידער? אויסגעצויגען שיך? דאָס האָבען זיי נאַטירליך אויך אין זינען. אָבער דער עיקר איז, אַז זיי זאָלען ציהען צו זיך אויגען. ווען איהר זאָלט פאַר אַ פרוי אויסקלייבען צוויי העטעס, איינע אַ שעהנע אָבער אַן איינפאַכע, אַ „שטילע", ניט קיין שרייענדיגע, און דיא אַנדערע ניט אזא שעהנע, נור מיט אַ משונה׳דיג גרויסען פעדער אָדער אַן אַנדער זאַך, וואָס רייסט אויף דיא אויגען, וועלען אויף דיא צווייטע זיך געפינען מעהר בעלנ׳טעס וויא אויף דיא ערשטע.

פרויען האָבען אַ כלל: אַז מען ציהט אויפמערקזאַמקייט דער־ציהט מען זיך צו וואָס עס איז — צו אַ ראָמאַן, צו אַ שידוך, אָדער אַזוי קאָפּעס צו אַן אינטריגעלע, פון וועלכע עס קען ארויסשפּרינגען אַ פּערלאָבונג. נעמט נור אַ קוק אויף די דאַמען, וואָס קומען זיך צונויף אויף אַ באַל. בעטראַכט זייערע קליידער, דעם אַרט וויא ביי יעדע פון זיי איז פּאַרקאַסט און צונעפּיקעט דיא האָר: בעטראַכט זייערע שמייכלען, חנ׳דלעך, דיא בליקען וואָס זיי וואַרפען איינע דיא כמעט אין איינע אויף דיא אַנדערע. דאָס אַלץ איז אַ פּשוטע מלחמה איבער אויפמערקזאַמקייט.

וועלט; האָט דאָס מיר איצטער שטארק פעראינטערעסירט. קלעה־רענדיג וועגען דעם וויא דיא מאַמע האָט מורא איך זאָל חתונה האָבען און וויא דיא פינישערין לאָזט דעם בעל־הבית איהר קושען, בין איך געוואָרען נייגעריג צו הערען וואָס זיי, דיא סאָציאַליסטען, זאָגען וועגען אַזעלכע זאכען.

איך האָב ליעב צו לעזען; איך האָב א היבשע ביסעל געלעזען אויף מיין לעבען — אויף אידיש, וואָרום קיין געבילדעטע בין איך ניט און קיין אנדער שפּראַך וויא אידיש קען איך ניט. האָב איך גערעכענט צו געהן קויפען עפּעס א ביכעל, וואו עס זאָל שטעהן וואָס דיא סאָציאַליסטען זאָגען וועגען אַזעלכע זאכען; האָב איך זיך אָבער געשעהמט, און אַלץ אָבגעלעגט. אייגענטליך האָב איך ניט געוואוסט וויא אזוי מען פרעגט נאָך אויף אזא ביכעל. וויא זאָל איך זאָגען? „גיט מיר א ביכעל, וואו עס זאָל ערקלעהרט ווערען וואָס סאָציאַליסטען זאָגען וועגען דעם וויא צוליעב דיא שטיקעל ברויט לאָזט א מיידעל צו אז איהר עקעלהאפטער באָס זאָל איהר קושען?“ מען וואָלט זיך דאָך צולאכט... היינט איז דאָס דען דיא איינציגע פראַגע וועגען אַזעלכע ענינים? איך האָב א סך צו פרעגען וועגען פערשיעדענע שדוכים, למשל. וואָס זאָל איך דאָ לייקענען? דאָס אינטערעסירט מיר אָהן א ברעג; איך טראַכט וועגען דעם גאַנצע טעג. מען זיצט ביי דער ארבייט, און אין קאָפּ טראַכט זיך און טראַכט זיך...

— פאר זיך אליין וואלט איך אזוי ניט געציטערט, — האט זיא מיר פערזיכערט מיט אן אומעטיגען קול.

איך האב איהר ערקלעהרט אז זיא קען קריגען אנדערשוואו א דוחאב. גע'משנה'ט און גע'משנה'ט מיט איהר; און זיא האט מיר פערשפראכען פון יענעם שאפ אוועקצוגעהן. אבער ביי דעם פער־שפרעכען איז דאס געבליבען. זיא האט קיין מיטה ניט געהאט. א שוואכער מענש, אהן א ברעקעל כאראקטער איז זיא געוועזען; ווען זיא וואלט ניט געווען אזא „באמשערקע". וואלט זיא אפשר ניט אזוי געציטערט איבער איהר דוחאב.

„פע, מ'ארא מיאוס'ע וועלט!" פלעג איך זיך קלערען און דערביי פלעג איך זיך דערמאנען אן מיין מוטער, וויא זיא וואלט וועלען איך זאל חתונה האבען און געבעך ציטערען צו בלייבען אהן א שפייזערין.

„און וואס איז מיט דיר אליין?" האב איך אמאל צו זיך געזאגט. „פאר וואס ויצסט דוא אין שאפ. בשעת דער באס זאגט זיינע כאלראשעקע חכמות? פאר וואס גיבסט ניט א ווארף דיא ארביים און געהסט ניט אוועק מיט כעס? דוא האסט דאך ניט קיין מורא אז דוא וועסט קיין אנדער ארבייט ניט קריגען"....

דער אמת איז, אז איך האב טאקע אויך מורא געהאט טאמער געפין איך ניט אזוי גיך קיין ארבייט. טאמער גייה איך אום עטליכע מעג ארער עטליכע וואכען אהן פארדיענסטען... איך פלעג זיצען און הערען דיא שרעקליכע רייד; דיא בלוט פלעגט קאכען אין מיר און איך פלעג זיך ניט ריהרען פון ארט — אויך צוליעב דאס שטיקעל ברויט! פע, א מיאוס'ע וועלט. כ'לעבען!

אזוי האב איך זיך צוגעוואוהנט אין זיך צו זאגען דעם דאזיגען ווערטעל:

„פע, א מיאוס'ע וועלט!"

קיין סאציאליסטען קען איך ניט. וואס זיי זאגען האב איך קיין בעגריף ניט. מען הערט אבער זיך געגנג אן פון זיי, און איך האב געוואוסט, אז זיי זיינען ניט־צופריעדען מיט דער גאנצער

פלעגט ניט פּראָטעסטירען. און אַלץ צוליעב דאָס שטיקעל ברויט!

אָבער דאָס ערגסטע איז געווען ווען ער פלעגט מאַכען שפּאַס מיט איהר פון ווייטען. וואָס פאַר אַ שרעקליכע ווערטער עס פלעגט דאָס ראַן פליהען פון זיין מויל! מיט דיא פוילסטע, עקעלהאַפטסטע וויצען, וואָס מען קען זיך נור פאָרשטעלען פלעגט ער זיך איבער איהר וויצלען. זיין פּאַרוועראַמטער מוח פלעגט זיך פאָרשטעלען אַלערליי אונאַנשטענדיגע זאַכען און דאָס אַלעס פלעגט ער אַרויס־ריידען וועגען איהר; זיינע זשאַבענע ליפּען פלעגען אַזש צושמאָל־צען ווערען פון תענוג. און זיא האָט דאָס אַלץ צוגעהערט און גע־שוויגען; נעהאַלטען דיא אויגען אַראָפּגעלאָזען איבער איהר אַרבייט, צונעשמייכעלט פאַרשעמהטערהייט און געשוויגען. שיער ניט גע־פּלאַצט פון בעליידיגונג, פון בזיון, פון יסורים און געשוויגען...

פון זיינע שווייגישע חכמות האָט ער נאָך מעהר הנאה געהאַט וויא פון קושען איהר, דער מיאוס'ער לומפּ. דיא אויגעלעך פלעגען ביי איהם בליסטשען און דיא זשאַבע־ליפּען פלעגען זיך אַזש בע־שמאַקעווען פון קוויקעניש.

פון אָנהויב האָב איך חושד געווען אַלץ... איך האָב זיך אָבער ערקונדיגט, אַז איך האָב אַ טעות. איך בין מיט איהר גוט בעקאַנט געוואָרען און זיא האָט פאַר מיר ניט איין מאָל אויסגערעדט דאָס האַרץ. איך בין זיכער, אַז זיא האָט מיר געזאָגט דעם אמת.

צו זיין פרוי איז ער געווען אַ טרייער מאַן, דער אַלטער הונט. אָבער וואָס האָט דאָס איינס מיט דאָס אַנדערע? עס זיינען דאָ טויזענדע מענער אַזעלכע, וואָס אין דער היים זיינען זיי מלאכים און אויסער דער היים זיינען זיי שדים. דיא גאַנצע וועלט איז דאָך איינגענטליך אַזוי...

דיא פינישערין, וועגען וועלכע איך רייד דאָ, האָט געוואוינט מיט איהר אַלטען טאַטען. זיא האָט איהם געשפּייזט און דער געדאַנק טאָמער בלייבט זיא אָהן ווידזשעס איז איהר געווען שרעקליך.

שליען אין שטעטען איהר מיט דיא מיאוס'טע ווערטער. אז ער פלעגט איהר רופען „צוהראבענער ציטעס", איז שוין דאס געווען אנשטענדיג. עטמאל פלעגט זיין פאכערנע מויל אויף איהר שיטען עטלכע רייד, אז דער פנים פלעגט ביי מיר פלאמען און אין דיא אויגען פלעגט מיר ווערען פינסטער פאר שאנדע. אבער ענטזאגען האט ער איהר ניט געמואנט; און ביסלעכווייז האב איך געניכען פערשטעהן פאר וואס. ווען זיא האט ניט כאליע געמאכט קיין ערבים פלעגט ער זיין ניט צו איהר און שטיפען מיט איהר. און וויא נאך שטיפען! שטעלט אייך פאר: ער פלעגט איהר קושען און האלזען פאר אלעמען און דיא אויגען. ער האט דאס אלץ געטהאן כלומרשט אויף שפאס; אבער דיא אויגען פלעגען ביי איהם דערביי כאנצען און זיינע פאכערנע אבגעדראבענע באקען פלעגען ביי איהם ברענען, שוין גאר ניט אויף שפאס.

אין זיא פלעגט זיך געבען לאזען! זיא האט פראבט מורא געהאט, אז אנדערשוואו וועט זיא קיין ערבים ניט קריגען. זיא האט דאס מיר אמאל אליין פארטרויט, ווען מיר זיינען געגאנגען פון דער ערבים.

ער איז שוין ניט געווען קיין יונגערמאנטשיק, דער באס. א גראבער נפש אין דיא עלטערע יאהרען איז ער געווען. זיין מיאוס'ן אבגעדראבענעם פנים האב איך שוין דערמאנט. זיינע האר איז געווען ברודנערגראה: מעהר פון אלץ האבען מיר געפעלט זיינע ליפען. זיי זיינען געווען בריט, בלייך און ווייך, אזוי וויא ביי א זהאבע. האט איהר ווען געזעהן א שיטערע פאר ליפען? מיר פלעגט זיך דוכטען אז זיינע זיינען געווען שיטערע. איך האב איהם פיינד געהאט וויא דעם טויט. ווען ער וואלט זיך צו מיר געפרופט צוריהרען וואלט איך איהם אזא שליידער געטהאן פון זיך, אז ער וואלט דאבט זיך דיא ציינער געקליבען. אבער זיא פלעגט נור שמייכלען פארשעהמט, ראנגלען זיך כלומרשט, און לאזען זיך ארומ־נעהמען, קנייפען, גלעטען און קושען. אז איך שטעל זיך פאר וויא זיינע אבשטויסענדע שיטערע ליפען פלעגען זיך צודריקען צו איהרע שעהנע באקען, נעהם מיר אריבער א קעלט איבער'ן לייב. זיא אבער

סטאיעט אויף צום לעבען. אמאל פלעג איך זיך אוועקזעצען אויף אן אבענד און אויפנייהען איהר א גאנצען בארג ראפּערס. און דיא מאמע האט איהר געהאָלפען נייהען שמאטקעלעך פאר דער קומענ־דער בייבי. צו האבען אן איניקעל איז פאר דער מאמען אייגענט־ליך ניט געווען קיין נייעס. מיין ברודער האט שוין געהאט היבשע קינדער. פון דעסטוועגען איז זיא געווען פארטהאן אין דעם גאסט וואס מען האט ערווארטעט ביי בעללא׳ן. דערביי האט זיא נור געזיפצט און געאָכצעט, טאמער וועט בעללא האבען א שווערען צו־קינד־געהן; טאמער וועט דאס קינד ניט זיין קיין געזונטער, קיין געראטענער; טאמער וועט דער קינפּעט ניט אָבגעהן גלאט...

בעללא האט אויסגעזעהן אזוי וויא מען וואלט איהר צושלאגען דעם פּנים; און דער נאז איז ביי איהר געווען רויט און גרעסער, אויסגעצויגענער וויא געוועהנליך, דאכט זיך. וועגען איהר פיגור איז דאך גאר ניטא וואס צו ריידען. זיא איז געוואָרען מיאוס. אלע שוואנגערע פרויען זיינען מיאוס, אָבער בעללא איז געווען זעהר מיאוס. נור מאנסבילען האבען דאך אן אנדער מיינונג. זיי האבען גראד ליעב צו קוקען אויף אזא פרוי — אויף איהר גרויסע פיגור, אויף איהר צוקראכענעם פּנים, אויף איהר רויטען נאז. ווען איך פלעג מיט בעללא׳ן ארויסגעהן א ווייל אויפ׳ן גאס, פלעגען מענער ניט קענען אָפּרייסען דיא אויגען פון איהר...

כ׳לעבען, שעהנקייט שפּיעלט גאר ניט אזא ראָלע וויא מען מיינט. אפּט איז דאס ניט מעהר וויא אן אייגנערעדטע זאך. א שוואנגערע מיאוס׳ע פרוי איז ביי דער נאטור שעהנער, מעהר יחסנ׳טע וויא דיא שעהנסטע מיידעל; נו, ציהט אזא פרוי צו זיך דיא אויגען פון מאנסבילען.

אין דיעזער צייט האָב איך געארבייט אין א קליינעם שאפּ, ביי א לייזיעס טיילאר. מיט מיר צוזאמען האט דאָרטען געארבייט א מיידעל, גאר ניט קיין מיאוס׳ע, נור צו דער ארבייט א קאליקע. אזא „באטשערקע" האט איהר אויף אייער לעבען ניט געזעהן. ליימענע פינגער האט זיא געהאט... דער באס פלעגט אויף איהר

זיא האָט געהערט אַ סך, רק אינצופריעדען געװעזען, רק בעקלאַגט איהרע הײמישע גליקען.

װען אַ שדוך פאַר מיר האָט זיא געהערט װעהר אָפט, געהערט, געמאַטשעט מיר, געװיסט אין געיאָמערט. אָבער עפּעס אַ נײעס פון יאָמערען האָב איך אין איהר אָנגעהויבען צו באַמערקען.

— עז איך װאָלט דיר התונה געמאַכט, װאָלט איך שוין גע־קענט רוהיג שטאַרבען. נענוג געלעבט אויף דער װעלט. װיפיעל איז דער שיעור? איך װיל קײנעם צו לאַסט ניט פאַלען...

— מאַמע, הער אויף צו רײדען נאַרישקײטען...

— נאַרישקײטען איז דאָס בײ דיר? נײן, מײן קינד. עס איז ניט קײן נאַרישקײטען. איך װיל ניט אַז מײן קינד זאָל צוליעב מיר פאַרזעסען װערען. האָב התונה און זײ אַ מאַמע צו קינדער. איך װעל דיר אין װעג ניט שטעהן. איך װאָלט נור דערלעבט דיר צו פיהרען צו דער חופּה...

דאָ האָט זיא זיך צוכליפּעט און צואװײנט זיך אויס'ן קול. דאָס האָט געטראָפען עפטער און עפטער.

זיא איז געװעזען אַ טרײע מאַמע, אָבער עס איז געװעזען דיא אַלטע ברויטיגע געשיכטע: איך בין געװעזען איהר שפּײזערין, און זיא האָט געהאַט מורא געהאַט אַז נאָך מײן התונה װעט זיא בלײבען אָהן אַ שטיקעל ברויט. „פּע! אַ מיאוס'ע װעלט!" האָב איך זיך געטראַכט, װען איך פלעג דאָס אַלץ באַרעכענען.

מײן שװעסטער האָט איך אָפט געהערט װעגען שדוכים פאַר מיר; זיא איז אָבער אויך געװעזען אויף צרות.

קײן גרויסע בעל־הבית'טע איז זיא ניט, און אַרבײטענדיג אין דער הײם בײ דיא ראַפּערס, האָט זיא זיך קױם מיט איהר הױז־אַרבײט באַראַטען. זיא איז שרעקליך אַראָפּ פון געזיכט. דיא מאַמע אָדער איך פלעגען אָפט קומען איהר העלפען.

װען זיא איז געװאָרען אויף דער צײט, איז גאָר געװעזען אַ התמנות אויף איהר. אָבער אָהן דיא אַרבײט בײ דיא ראַפּערס איז איהר געװעזען שװער אויסצוקומען. עס האָט פּשוט ניט גע־

סטארס מיט דיא סטארקיפערס, מיט דיא אלע אמעריקאנישע מאַ־
רעס. זיא האט ניט אויפגעהערט צו דערצעהלען, וויא זיא האט
געפיהרט איהר ביזנעס אין דער היים. מען וואלט שיער נעקענט
מיינען, אז זיא האט אין דער היים נעהאט אזא געשעפט וויא
וואנאמייקערס. עס איז איהר קיינמאל ניט מיאוס געווארען צו
ריידען וועגען זיך, און אפט פלעגט זיא דערצעהלען זאכען וואס
זיינען ניט געשטויגען ניט געפלויגען. אביסעל פלעגט זיך איהר
פון בעגייסטערונג דוכטען אז וואס זיא זאגט איז טאקע אמת, און
אביסעל פלעגט זיא פשוט איבערטרייבען און טאקע צוקלעהרען,
אום איהר היימישע „גרויסקייט" וואס גרעסער צו מאכען.

דאס פלעגט מיר שטארק ערגערען. איך פלעג זיך פראסט
שעהמען הערענדיג וויא זיא זאגט ליגען, דיא מאמע. אין דער
היים פלעגט דאס מיט איהר פאסירען זעהר, זעהר זעלטען. זיא
איז אין נאטור אן אמת עהרליכע אידענע, אהן א ברעקעל פאלשקייט.

איך האב אפט זיך געשטעלט דיא פראגע: וואס איז דא מיט
איהר געווארען? און ווען איך האב דאס גוט באקלעהרט, בין איך
געקומען צום שלום, אז זיא ווערט נעבעך אלט, און אז אמעריקא
האט איהר עפעס אזוי וויא צוטרייסעלט. זיא איז שוין געווען
נאהענט צו זעכציג. אין דער היים איז זיך אלץ געגאנגען כסדר
און דיא יאהרען האבען זיך מיט אמאל ניט געלאזט פיהלען. דא
אבער איז זיא פלוצלינג אין א גאנץ נייע וועלט אריינגעקומען, אזוי
וויא פון הימעל אראבגעפאלען. מען האט דיא פלאנצונג ארויס־
געריסען פון דער ערד, וואו זיא האט געוואקסען דעם גאנצען
לעבען, און איהר געבראכט אהער, קיין אמעריקא... דיא פלאנצונג
איז שוין געווען צו אלט אום צו דער נייער ערד זיך צוצופאסען,
אריינצוואוואקסען אין איהר — האט זיא שנעל אנגעהויבען פאוויא־
נעט צו ווערען...

פון העלער הויט האט זיך גענומען פיהלען אז זיא איז שוין
נאהענט צו 60 יאהר...

אבער אויף צו נעהמען א גרעסערע דירה וואלט זיך געפאדערט מעהר פוירניטשור און מאקע בעסערע פוירניטשור. מען וואלט געמוזט אויסמעבלירען א שמיקעל פארלאר. או ניט וואלט מען דאך ניט געקענט האבען אריינצוטריינען עפעס א לייטישען באָרדער. עס איז אלזא נויטיג געווען א פאר דאלאר, און מיר זיינען דאן געווען זעהר געענגט. מיין שוועסטער האט געשריבען, או פוירניטשור קריגט מען אויף אויסצוצאהלען; אבער דא האט זיך געמאכט דיא ביליגע צוויי רומפלעך, ביליג און אזוי גוט — ליכטיג און ציכטיג און געהענגט צו בעלא׳ס וואוינונג. איז געבליבען אויף דערוויילע זיי צו נעהמען, און שפעטער אביסעל, ווען מיר וועלען אביסעל קומען צו זיך און איך וועל האבען אבגעשפארט א פאר דאלאר און א פאר גישקשה׳דיגע דרעסעס — צו קויפען אין א באָרדער־קוואָרטיר.

אזוי האבען מיר געמהאן. מיר האבען זיך אבער צו דיא רומס אזוי צוגעוועהנט, או מיר האבען זיך איינפאך געפוילט צו בייטען. מיין שוועסטער פלעגט אפט זוכען אנדערע רומס פאר אונז, אבער עס איז אלץ געווען צו מהייער, אדער ניט ליכטיג גענוג, אדער צו ווייט. קורץ, מיר האבען אלץ אבגעלייגט דאס קויפען און אב־געלייגט.

איך האב פארדיענט ניט שלעכט און דיא מאמע האט געפיהרט דיא הויז. קיין גרויסע שפארערקעס זיינען מיר ביידע ניט, האבען מיר געלעבט גישקשה׳דיג. דיא מאמע האט אויך געפיהלט א כך בעסער, רוהיגער וויא אין דער היים. אבער זיא האט ניט אויפגע־הערט צו בענקען נאך איהר גאלאנטעריי קליימעל און פלעגט פאר־ווינען מיר דיא יאהרען פאר וואס זיא איז געקומען אין אמעריקא. אלץ האט זיא ארויסגעווארפען אויף מיר!

אין דער היים איז זיא געווען א סוחר׳טע און דא א קעכין ביי מיר — אזוי אונגעפעהר פלעגט זיא טענה׳ן. וועגען טהאן ביזנעס אין אמעריקא האט זיא אפילו ניט געוואלט הערען. קיין זאך איז איהר דא ניט געפעלען געווען. זיא האט געשאלטען דיא הינע

א נארישע מיידעל, וועלכע לאכט א סך און קלינגט וויא א גלעקעל מיט קינדערשע רייד האט א בעסערען „טשאנס" ריי זיי וויא א געזעצטע און א קלוגע, וואס רעדט ווייניג און פערשטעהט א סך.

אמת, ווען עס קומט צו א שדוך מיט א מאן, וואס איז שוין ניט קיין אינגעלע, קען אזא מיידעל וויא איך בעסער געפעלען וויא א פלאפלערקע.

איך מיט דער מאמען האבען געוואוינט אויף א בעזונדער דירה. מיר האבען געפונען א קליינע וואוינונג פון צוויי ריינע רומס ניט ווייט פון מיין שוועסטער, און זעהר ביליג. מיין שוועסטער האט געוועלט ניט אנדערש, אז מיר זאלען נעהמען א גרעסערע דירה און האלטען א בארדער; און דיא מאמע האט איהר נאכגעבאמקעט. צו זיא האט טאקע געוואלט א בארדער, דיא מאמע, צו ניט, — געשריען האט זיא אז יא. מיט א בארדער קען מען נעהמען א גרעסערע און בעסערע קווארטיר; אבער ניט דאס איז געווען דער עיקר. זיי האבען ביידע אפען גערעדט וועגען דעם, דאס פון א בארדער קען ווערען א חתן פאר מיר.

— אין אמעריקא איז דאס א גאנץ אפטע זאך — האט בעללא גע'טענה'ט. — טויזענדער מיידלעך האבען דא חתונה מיט בארדערס און, חוץ זייער שאדען, אויף פעני'ן געזאגט געווארען. אז ניט קען מען דאך דא טאקע פארזעסען ווערען.

— וואס'דען? אפשר וועט דער רבונו של עולם צושיקען עפעס א רעכטען יונגען מאן.

איך פלעג זיך שעהמען, ווערען בייז, אבער ביי זיך אין הארצען האב איך אויך געטרוימט וועגען א בארדער. איך האב געפרובט זאגאר זיך פארשטעלען וויא ער וועט אויסזעהן, וואס פאר א זארט מענש ער וועט זיין. און איך פלעג איהם נאטירליך מאלען אין דיא שעהנסטע פארבען. איך פלעג אין מיין געדאנקען פערפאסען סצענעס וויא ער רעדט צו מיר, וויא ער אינטערעסירט זיך מיט מיר. דיא הארץ פלעגט אזש א ציטער טהאן פון דיא ראזיגע סצענעס. א מענש איז ניט מעהר וויא א מענש.

איינציגע ווערטער, ווען זיא האט מיר דאס דערציהלט, ווען איך קלאגער, וואס פאר א ווארט טרכנ'מע זיא איז פאר מיר געוועזן...

אינטערעסאנט איז געווען וויא זיא האט מיר דערציהלט וועגען זיינע רייד צו איהר. זיא האט זיך געשטמערט אלץ צו פערבערגען; זיא האט זיך אבער ניט געקענט איינהאלטן און האט אלץ פארגעשטעלט וויא ער האט געלעפט צו איהר, וויא ער האט איהר געגעבען האמפליטענטען. א שפאס כ'לעבען! אפילו פאר מיר האט זיא זיך גקבוזט בעריהמען מיט דעם... זיא האט מיר איבערדערציהלט וויא זיא האט איהם פארזיכערט, אז איך בין שעהנער פאר איהר און וויא ער האט גע'טענה'ט, אז עס גלויבט זיך איהם ניט, — אז קיין שעהנערע פאר איהר איז אויף דער וועלט נימא. און דערביי האט איהר פנים אזוי מאדנע זיך געדרויטעלט אי מיט שעמעדיגקייט אי מיט דעם שמאלץ פון א פרוי וואס האט זיעגען איבער מאנסבילען...

שפעטער, אז איך האב דאס איבערגעטראכט און איבערגעקלערט, האב איך אלץ פערשטאנען, און זיא איז מיר מיאוס געווארען. אבער מיין שנאה צו איהר האלט קיינמאל ניט אן לאנג. איך האב איהר ליעב וויא דעם לעבען. ווען איך בין געווען א מיידעל און זיא איז נאך געווען א בייבי, פלעג איך זיך ארומטראגען מיט איהר וויא מיט א ליאלקע. זיא איז מיר זעהר איינגעבאקען אין הארצען, בעללא.

געוואגט האב איך נאר ניט. איך האב ליעב צו טראגען מיין מיינונג אין זיך. מיין שוועסטער רופט מיר דעריבער „פארביסענע“ און ווען מיר ציקריעגען זיך שמארק, רופט זי מיר „שטילער שלאנג“; זיא ווייס אבער, אז איך פארשטעה אן עסק בעסער וויא זיא, — און מענשען פארשטעהה איך אויך. קיין נאר איז זיא ניט, אבער זיא פלאפעלט אלץ גלייך ארויס, און זיא ניט זיך ניט קיין צייט א זאך ניט צו בעטראכטען... אבער ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען? מאנסבילען האבען גראד ליעב א פרויענציממער, וואס טראכט ווענינ, וואס „קאכט מיט לעבען“. וויא זיי רופען דאס.

איהר זייט, וואָלט זיא געוואָרען אין כעס און געלייקענט. און זיא וואָלט געמיינט, אַז זיא זאָגט טאַקע דעם אמת. איך האָב אָבער געשוויגען. איך האָב זיך געמאַכט ניט וויסענדיג און ניט פער־שטעהענדיג.

דער יונגער מאַן איז אויך ניט געווען קיין אויסגעלאַסענער, אדרבא, ער איז געווען אַ פיינער מאַן. אָבער וועלכער מאַנסביל אַנטלויפט דאָס פון אַ ווייבעלדיגע ווייבעל, וואָס שטראַהלט אויף איהם מיט איהר קאָקעטסטוואָ? האָט ער אויפגענומען דעם „בלאָף“, אַז זיא רעדט איהם אַ שדוך און ריידענדיג וועגען מיר, האָט ער פאָרטגעזעצט דיא אינטריגע מיט איהר.

ער האָט געשפּיעלט אַ קאָמעדיע און ווייטער גאָר ניט; זיא אָבער האָט געשפּיעלט אַ קאָמעדיע און זיך איינגערעדט, אַז דאָס איז טאַקע אויף צו'ן אמת'ן אַ שדוך פאַר מיר. אפילו ווען זיא האָט זיך געלאָזען אַ גלעט טהאָן, אַ קוש טהאָן, האָט זיא אויך געהאַט אַ תירוץ פאַר איהר געוויסען, אַז זיא טהוט דאָס אַלץ פון מיינ'ט וועגען. זיא סטאַרעט זיך איהם אריינצוציהען אין נעץ אריין, און איהם דאָרטען צו האַלטען ביז איך וועל קומען און איהם געפינען אַ געפאַנגענעם, געגרייט חתונה צו האָבען מיט מיר — אזוי האָט עס כלומרשט געהייסען.

אזוי האָט זיא געשפּיעלט דיא ראָלע פאַר איהר געוויסען, ביז זיא האָט אָוועקגעשריעבען דעם בריעף, אַז איך זאָל קומען.

פאַר וואָס ער האָט פּלוצלינג ארויסגעמופּט פון דער שכנה און איז פערשוואונדען געוואָרען, קען איך ביי מיין שוועסטער קיין טאָלק ניט דערגעהן. ווען זיא רעדט וועגען דעם, זאָגט זיא אָן אַ סך ליגענס צוזאַמען מיט אַ סך אמת; און איהרע אויגען בלאָנדזשען ארום, און איהר פּנים ווערט רויטלעך. איך רעכען, אַז עס האָט ביי זיי שוין געהאַלטען צו ווייט, אַז דיא שכנ'טע האָט עפּעס באַמערקט, און מיין שוועסטער האָט זיך דערשראָקען. קיין איינ־צעלהייטען ווייס איך ניט. אָבער אפילו פון מיין שוועסטער'ס

אײן מאָל זאָגט ער צו איהר:

— וואו? האָט איהר גענומען אזעלכע שעהנע אויגען מיט אזעלכע געשמאַקע ליפען!

— איך האָב אַ שוועסטער, איז זיא נאָך טויזענד מאָל שעהנער פאַר מיר — האָט זיא געענטפערט.

— נו, זאָל אייך דוכטען, אַז שעהנער פאַר אייך איז זיא ניט!..

— פון וואַנען ווייסט איהר?

— קיין שעהנערע פאַר אייך איז אויף דער וועלט ניטאָ.

— און קיין גרעסערער בלאָפער ווי איהר איז אויף דער וועלט אויך ניטאָ. אָבער אָהן געלעכטער: ווען איהר וואָלט געזעהן מיין שוועסטער, וואָלט איהר געוואוסט, אַז איך זאָג אייך דעם אמת. זיא איז שעהן ווי גאָלד און ניט איז זיא... — איך זאָג אייך, א מענש אָהן א גאָל.

— און איהר זייט הבנים שלעכט, וואָס? — האָט ער געזאָגט מיט א פריסה'נעם שמייכעלע.

זיא איז צו איהם צוגעשפאַנגען, און ער האָט געזאָגט:

— ברייננט איהר אַראָפּ, וועלען מיר זעהן, ווער עס איז שעהנער און בעסער.

איך דאַרף אייך ניט דערצעהלען, אַז דיא גאַנצע געשיכטע איז געווען ניט מעהר ווי א „פלירטיישאַן" פון זיין זייט. אָבער פון איהר זייט איז דאָס אויך ניט געווען אין גאַנצען כשר. זיא האָט כאָטש געמיינט א שידוך פאַר מיר, אָבער דאָס איז אויך געווען א תירוץ צו קאָקעטירען מיט איהם, צו הערען זיינע קאָמפּלימענטען, צו רייצען זיך מיט זיין אינטערעס. ציהענדיג איהם כלומרשט אין א שידוך־נעץ, האָט זיא איהם געצויגען אין דעם נעץ פון איהר פרויען־כשפות. איך האָב צו איהר ניט. געמיינט האָט זי גוט, אָבער דער יצר הרע טרייט זיך דאָך אימער דאָס ווייניגע, און א מענש איז ניט מעהר ווי א מענש. ווען איך וואָלט איהר אויפ־געוואָרפען אַז דער גאַנצער „שידוך" איז געווען א קאָקעטעריע פון

צו דיא ראפפערס צוגעלייגט יעדען סענט — אזוי וויא ער וואלט זיי ארויסגעווארפען, און נור געלאזט מאכען כדי ביילקע זאל קענען פארדיענען א פאאר דאללאר א וואך.

מיר האט מען אויך גלייך געמאכט פאר א ראפפער נייערקע. (עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז דער אנקעל מיט זיין שטיפזוהן האבען עפעס א שאפ בשותפות). אבער איך בין ביי דעם לאנג ניט געבליעבען. איך האב אימער געטויגט צו אלערליי האנט־ארבייט, איז מיר ניט געווען שווער צו קריעגען בעסערע דזשאבס — ביי וויסטען, ביי סקווירטס, ביי קלאוקס, ביי א ליידיס טיילאר.

פון מיין גליקליכען שדוך האט זיך אויסגעלאזען א נעכטיגער טאג. איך האב דעם יונגען מאן אפילו קיין מאל אין דיא אויגען ניט אנגעזעהן. וואס דא האט פאסירט, האב איך געהערט פון מיין שוועסטער מיט אלערליי איינצעלהייטען. דיא איינצעלהייטען האבען עפעס ניט געשטימט, אבער איך האב געקענט זעהן, אז זיא האט זיך געמאטערט צו דערצעהלען דעם גאנצען אמת. זיא האט מודה געווען, אז ער האט ניט געמיינט מיר נור איהר, מיין שוועסטער, דאס הייסט מיט איהר א אינטריגע צו פארפיהרען. וויא איך פערשטעה איז דאס געווען אזא געשיכטע:

זיא האט געהאט געוויסענסביסע פאר וואס זיא איז שוין פערהייראטה און איך נאך ניט. דאס האט איהר געשטערט איהר רוהע, אזוי וויא דער מאמען. עד היום איז אזוי: איך בין א לע־בעדיגער עדות פון איהר „פארברעכען". זיא וואלט דעריבער וועלען איך זאל שוין אויך חתונה האבען. נו, האט זיא דערזעהן א יונגען מאן, א באָרדער ביי איהרע א שכנה, און זיא האט גענומען וועבען א נעץ איהם צו פאנגען פאר מיר. דער באָרדער האט דערשמעקט, אז זיא אינטערעסירט זיך מיט איהם, האט ער געזוכט געלעגענהיי־טען זיך מיט איהר צו זעהן, ווען קיינער איז ניט געווען דערביי. ער האט איהר געגעבען קאמפלימענטען, געמאכט צו איהר אויגע־לעך; און זיא האט אפגעענטפערט מיט שטיפערישע חן'דעלעך — אלץ אום איהם צו פאנגען פאר מיר.

# ח

אין עטליכע מאנאט ארום זיינען מיר שוין געווען אין נויארק. געלט האט די מאמע „צוזאמענגעשפארט" פיעל וועניגער וויא זיא האט גערעכענט, און די הוצאות אויף'ן וועג זיינען געווען פיעל גרעסער וויא זיא האט גערעכענט. אומזיסט האט מען אונז מפחיד געווען אין אייראפא און ביי די גרענצען וויא די העכע־ריגע. קורץ, ווען מיר זיינען געקומען אין נויארק, האט די מאמע געהאט 20 דאללאר מיט עטליכע סענט.

ווען איך זאל וועלען איבערערצייהלען וואס מיט אונז איז געווען די ערשטע צייט, וואלט איך אויף דעם אליין געדארפט אנשרייבען א גאנצען בוך. איך וועל דאס אבער אפמאכען בקצור און דאן וועל איך דערציילען ווענען דעם גליקליכען שדוך, וואס ביילקע האט פאר מיר דא אנגעגרייט. שטריק האט געהאט א שטעללע ביי זיין אנקעל'ס שמיפוזהן, אין א דריי־טרעפ־סטאר. אין דער „גוטער כרונ" האט איהם געצאהלט פיער דאללאר א וואך פאר פערציהן שעה ארבייט, — ווארים שטריק איז דאך געווען א גרינער און צו דער סמאר האט ער נאך ניט געמיינט; אזוי האט געזאגט דער רימעגמענער קאזין. ווענען דעם, וואס שטריק האט ביי איהם געלערנט אלערליי ניט־קיין־גרינע ארבייט און איהם איינגעשפארט א ניט־גרינעם קלויסט, וואס וואלט געקומען אפשר 18 דאללאר א וואך — ווענען דעם האט ער געשוויגען.

מיט פיער דאללאר א וואך קען מען אפילו ניט לעבען, אבער דעם אנקעל'ס שמיפזוהן איז אזא גוטהערציגער מאן, אז ער האט ביילקע'ן געגעבען מאכען ראפעפערס אין דער היים. דאס וואס ער האט איהר געצאהלט א דריטעל וויא מען צאהלט געוועהנליך פאר דיא זעלבע ארבייט — ווענען דעם האט ער איך געשוויגען. ווען איהר וואלט געהערט מיט איהם, וואלט אויסגעקומען אז ער האט

שטערערקע, אז איך גים אלץ אפּ מיט קאלטע וואסער, אז קיינעם גלויב איך ניט, אז אלעמען פארביטער איך דיא יאהרען און אז איך וויל טאקע בלייבען זיצען ביז'ן גראיען צאפּ...

זיא איז אזוי בעגייסטערט געווארען אז זיא האט גענומען אויף אן אמת'ן פּלאנעווען אלץ צו פערקויפען און אויך צו פאהרען אין אמעריקא. א ביסעל איז דאס געווען צוליעב מלכה'ען. דיא מאמע האט פּראָסט ניט געהאט קיין כחות צו רייסען זיך מיט איהר; געגען איהרע איצטיגע וואפען — דאס וואסביילקע איז אוועק מיט א סאלדאט און התונה געהאט פריהער פאר מיר — גע־גען דעם האט זיא שוין גאר ניט געהאט קיין קרעפטען צו קעמפּפען. אבער דער עיקר איז געווען איהר בייגקען נאך ביילקע'ן. איך האב דאס גאנץ גוט געקענט זעהן. נאך מיר וואלט זיא אויך געבייגקט; און בלייבען גאר אליין וואלט איהר געווים געווען שווער; אבער דיא וויכטיגסטע אורזאכע, וואס האט איהר געצווינגען קיין אמעריקא, איז געווען איהר מוזינקע.

זיא האט געפּלאנעוועט, געטרוימט. זיא וועט קומען אין אמעריקא מיט עטליכע הונדערט רובעל. זיא וועט דארטען מאכען א געשעפט. זיא וועט מאכען אמעריקאנישע גליקען. מיר וועלען אלע זיין רייך; זיא וועט מלכה'ן אומישנע שרייבען בריעף — זאל זיא צופוקעט ווערען...

דיא קלענסטע געלעגענהייט צו האבען עפּעס פערדרוס, צו נעהמען זיך דאס לעבען, פּלעגט זיא דאס טהאן מיט אלע כּחות. און דא האט זיך דאך איהר געמאכט א גאנצער אוצר פון שברת לב!..

זיא האט זיך אפט געזעהן מיט אונזער בעקאנטע, דיא שדכנ'טע. שטונדענווייז האבען זיי פערבראכט אין מאלקעוועץ, רעכענענ. וועגען אין מעסטען וועלכער חתן עס וועט זיך בעסער פּאסען און לייגען פאר מיר. און דאס אלץ האט געמוזט געטהאן ווערען שפּעט ביי נאכט, און ביי דער שדכנ'טע אין שטוב. כּדי מלכּה זאל חס ושלום ניט דערשמעקען, וואס דא קומט פאר און מאכען חוזק פון מיר מיט דער מאמען.

איין חתן — א וויינטראכער און א שטיקעל גמרא־קאפּ דער־צו — האט שוין בעדארפט קומען מיר זעהן, — איז אנגעקומען א בריעף פון אמעריקא, וועלכער האט אלץ איבערגעדרעהט.

ביילקע האט געשריעבען, אז איך זאל גלייך קומען נאך אמע־ריקא, — אז זיא האט א טייערען שדוך פאר מיר און אז זיא וועט מיר ארויסשיקען א שיפסקארטע. וועגען איהר מאן האט זיא גע־שריעבען, אז ער האט אין נויארק גוטע קרובים, אן אנקעל און דעם אנקעל'ס א שטיפזוהן, און אז מיט זייער הילף הויבט שמריק שוין אן נישקשה'דיג צו פערדינען. קלאהר פערשטעהן וואס דארטען טהוט זיך מיט איהר האט מען פון דעם בריעף ניט געקענט. זיא איז איבערהויפּט א ווינדמיהל, און איבערשרייבען א בריעוועל מיט א מאלה קען זיא ניט. אבער אויף אמעריקא פרעגט מען דאך קיין קשיות ניט. ווען זיא וואלט אונז געשריעבען, אז איהר מאן איז שוין א מיליאנער און אז אין מיר האט זיך פון ווייטען איינגע־ליעבט דער פרעזידענט פון דיא יונייטעד סטייטס, וואלטען מיר אפשר אויך געגלויבט. אויף אמעריקא קוקט מען וויא אויף א לאגער פון נסים צדיק'ס מעשה'ן. איך האב אפילו יא געפּרובט פרעגען קשיות: וויא הייסט עס זיא האט א גליקליכען שדוך פאר מיר? דער חתן האט דאך מיר אפילו ניט געזעהן!.. אבער דיא מאמע האט גענומען קאכען זיך און שרייען, אז איך בין אימער א פאר־

מלכה'עס להכעים־אַוואַיעס און פון געוויסענס־ביסע וועגען מיר, איז דיא מאַמע נעבעך אַראָפּ פון געזיכט.

רק זיא האָט גע'דאגה'ט און געזיפצט וועגען מיר.

כריהער, איידער ביילקע איז אַנטלאָפען, פלעגט זיא זעלטען זיך דערמאָנען, אַז עס איז שוין צייט צו קלעהרען וועגען אַ שדוך פאַר מיר. איצט אָבער האָט זיא ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען דעם, און צו גריזשען זיך אין מיר. אונזערע אַ בעקאַנטע איז געווען אַ שטיקעל שדכן'טע אין זיא האָט מיר שוין עטליכע מאָל געפּרופט ריידען שדוכים. אָבער דיא חתנים וואָס זיא האָט מיר גערעדט האָבען אונז ניט פאַראינטערעסירט, ניט מיר ניט דיא מאַמען. מיר האָבען זיי געקענט אין דיא שדכן'טע האָט זיי פערשפּאַרט צו ברייננגען. היינט אָבער האָט דיא מאַמע זיך אָנגעהויבען צו אינטע־רעסירען מיט דיא זעלבע בחורים. איך האָב ניט געוועלט הערען פון זיי, — האָט זיא מיט מיר גאַנצענע טעג גע'טענה'עט, אויפ־געוויזען די מעלות פון די פערשיעדענע חתנים, פלעגט טאַטשען מיר, בעוויינען מיר, און טאַקי דערדערדען זיך צו טרעהרן. צו אימיצער פון דיא אַלע חתנים וואָלט זיך מיט מיר אינטערעסירט, איז געווען אַ גרויסער צווייפעל, וואָרים קיין איבעריג שעהנע בין איך קיין מאָל ניט געווען, וויא איך האָב שוין געזאָגט, און קיין נדן האָב איך כמעט אויך ניט געהאַט. היינט אויף וואָס קוקענדיג זאָל אַ יונגער מאַן זיך דאָ אַזוי אָנכאַפּען? אָבער דיא מאַמע האָט פון דעם ניט געוואָלט וויסען.

דיא הויפּטזאַך איז דאָ געווען איהר געוויסענס־ביסע. איהר סאָוויעסט האָט איהר געגעסען פאַר וואָס זיא, אַ מאַמע, האָט מיר ניט חתונה געמאַכט פאַר מיין אינגערע שוועסטער.

דער סאָוויעסט און מלכה האָבען איהר גענריזשעט, און זיא — מיר. וואָס מעהר מלכה האָט איהר געיאַדעוועט וועגען ביילקע'ס סאָלדאַט און מיין גראָיען צאָפּ, אַלץ מעהר האָט זיא מיר גענעבערט — מיר און זיך אַליין. אויף עסען זיך דאָס הארץ איז זיא איבערהויפּט געווען אַ גרויסע בריה. וואו נור עס איז געווען

ביילקע׳ן. ביילקע׳ס בריעף האָט זיא געליינט אָהן אַ שיעור — פאר זיך און פאַר אַנדערע. רק זיא האָט דערצעהלט וועגען איהר, דער־מאָנט זיך אַלערליי זאַכען וועגען איהר: וואָס זיא האָט ליעב, וואָס זיא האָט פיינט, וויא זיא פלעגט ריידען, וויא זיא איז געשטאַנען, וויא זיא איז געגאַנגען, וויא אַזוי זיא פלעגט לאַכען, שמייכלען. איהר יעדער קלייד, יעדע מינע פלעגט איהר שטענדיג פאַר דיא אויגען שטעהן. דעם צונאָמען „מלכה דיא קליאַמקע" פלעגט זיא איצט כמעט פון מייל ניט אַרויסלאָזען — וואָרים דאָס האָט דאָך ביילקע איינגעטראַכט.

— מלכה דיא קליאַמקע! — האָט זיא אַ מאָל אַרויסגערעדט צו זיך אַליין און זיך צולאַכט איהר׳ן קול מיט גרויס תענוג און בע־וואונדערונג. אַזוי ווי זיא וואָלט ערשט ניט אָבגעשאַצט וואָס פאַר אַ געראָטענער ווערטיל דאָס איז — מלכה די קליאַמקע! כאַ־כאַ־כאַ!

מיין שוועסטער איז אַלע מאָל געווען איהר ליעבלינג און שטיב, וויא געוועהנליך אַ מיזינקע. אָבער איצט, אַז זיא איז אַוועק פון אונז, האָט זיא ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען איהר. צייטענווייז פלעגט זיא זיך פאָרשטעלען וויא מיר פאָהרען אויך אין אַמעריקאַ — אַז אפשר וואָלט דאָס טאַקע געווען אַ פּלאַן. זיא האָט בראָכט ניט געקענט רוהען.

מיר האָט זיא נאַטירליך אויך געליעבט, אָבער ניט אַזוי שטאַרק וויא ביילקע׳ן. דאָך, איצטער האָט זיא זיך גענומען דעם לעבען פאַר וואָס איך בין ניט פערהייראַטה. פאַר וואָס ביילקע האָט החונה געמאַכט פריהער פאַר מיר. זיא האָט זיך אָבגעגעבען דיא האַרץ דערפון, אַזוי וויא זיא וואָלט שולדיג געווען אין ביילקע׳ס געשיכטע: אין מלכה׳ס ניכטיגע רייד וועגען דעם פרעגען איהר בראָכט פון זיינען אַ־צאַברעננגען. ווען מלכה פלעגט מיר רופען „גראָיטער צאָפּ" פלעגט דאָס איהר ערגערן טויזענד מאָל מעהר וויא מיר.

פון דיא אַלע יסורים — פון בייגקען נאָך מיין שוועסטער, פון

ניט לאָזען חתונה האָבען פריהער פאַר מיר. אַ חוץ דעם האָט זיא דאָך געמיזט פאָהרען צוליעב איהם. און וועגען געלט, — האָט זיא אַ ביסעל אַרויסגע׳גנב׳עט ביי ד׳ער מאַמען פון קאָמאָד, און דאָס איבעריגע האָט אידם זיין פאָטער צוגעשיקט אין האַמבורג. ער איז ניט געוועזען קיין אָרימאַן, זיין פאָטער.

קורץ,ביילקע איז פערשוואונדען געוואָרען. פון וועג האָט זיא צוגעשיקט אַ בריעף, אַז זיא פאָהרט קיין אַמעריקאַ, און פון אַמעריקאַ האָט זיא ווידערנאָך געשריעבען, אַז זיא האָט חתונה געהאַט מיט שטריק׳ען. זיא האָט זיך געבעטען, אַז דיא מאַמע און איך זאָלען איהר מוחל זיין. איהר האַרץ האָט זיא אויסגעגאָסען פאַר אונז. זיא האָט אַזוי געביינקט אַהיים, אַז אויף׳ן פאַפיער זיינען געווען קענטיג פלעטען פון טרעהרען.

מיר האָבען איהר אַלץ פאַרציהעט און פארגעסען, אָבער מלכה „דיא משומדת׳טע“ האָט דיא געשיכטע קיין מאָל ניט פארגעסען. זיא האָט ניט אויפגעהערט צו רייצען זיך מיט דער יאַמען און מיט מיר, אויפוואַרפען אונז וואָס ביילקע איז מיט אַ סאָלדאַט אַנטלאָפען, וואָס זיא האָט חתונה געהאַט פריהער פאַר מיר. מיר האָט זיא גערופען „אַלטע מאד“, גראַיער צאָפ“. אָפט פלעגט זיא פון ווייטען נאָכמאַכען וויא אַ סאָלדאַט מושטירט זיך, אָדער וויא ער גיט אַן אָפיציר אָפ „טשעסט“, אָדער אַז ניט, פלעגט זיא ווייזען וויא מען פערפלעכט אַ צאָפ, אין דערביי פערקרימען דעם פנים וויא ביי אַן אַלטע אידענע — ביי אַן אַלטע פארזעסענע מויד, הייסט עס.

מיר האָט דאָס פון אָנהויב געקריינקט, אָבער דערנאָך האָט דאָס מיר אויפגעהערט צו אַארען. מאַלע וואָס זיא קרימט זיך וויא אַ מאַלפע! אָבער דיא מאַמע איז שִיער פון זינען ניט אַראָפ פון דיעזע רייצענעפ.

נאָך ביילקע׳ן האָט דיא מאַמע געביינקט אָהן אַ ברעג. זיא האָט פראָסט ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען איהר. אויף וואָס זיא האָט נור אַ קוק געטהאָן, האָט דאָס איהר דערמאָנט אָן

האָב שוין געוואוסט וואָס פאַר אַ שמיסעריקע ביילקע איז געווען — פלעגט זיא זיך איבער איהם לוסטיג מאַכען. אַזוי האָט זיא פון איהם תורה געמאַכט, חוזק געמאַכט ביז ער איז אין איהר פאַרקאָכט געוואָרען, און זיא אין איהם אויך. איין מאָל, אין אַן אָבענד, איז ער מיט איהר זיך שפּאַצירען ביי אונז אויס'ן הויף, לעבען אונזער פּיזדרוי. דאָרטען פלעגט ליגען אַ גראָבע קלאָץ; זינט איך געדענק איז זיא דאָרטען געלעגען. צו וואָס מען האָט איהר בעדאַרפט אַהער פאַר וואָס מען האָט איהר נים צוגענומען, איז מיר דאָן קיין מאָל נים איינגעפאַלען און וועלען צו פרעגען. האָב איך גע־פרעגט צי וואָס מען דאַרף דעם הימעל? אַרום דיעזע קלאָץ פלעגען זיך שפּילען דיא קינדער פון הויף. קורץ, דאָרט איז דער באַהאַלטאַל: זיך שפּרינגען מיט מיין שוועסטער ביז עס איז שוין לאַנג צייט געווען צו געהן צוריק אין קאַזאַרמע. עס איז איהם שווער זיך אָפּצורייסען פון איהר. שכנות האָבען געוואונקען אויף זיי, אָבער זיי זיינען אַלין געזעסען און געשמועסט, וויא דיא צוגעשמירטע. און ווען דיא נאַכט איז געקומען און ער איז שוין אוועק, האָט ער נים געהאַט קיין כומה צו געהן אין דער ראָטע, וואָרים מען האָט שוין לאַנג אויסגערופען זיין נאָמען און פאַרשריעבען, אַז ער פעהלט. ער האָט גענעכטיגט אַ מאָל דאָ, אַ מאָל דאָ. מיין שוועסטער האָט פון דעם געוואוסט. זיי האָבען זיך געזעהן הינטער'ן שטאָדט און זיא פלעגט איהם ברענגען עסען. דאָס אַלין איז געווען בשתיקה און — וויא איך פערשטעהע — האָט דאָס אַלין צוגעגעבען אייל צו זייער ליעבע. עס איז געווען מעשה געהיימניס און דאָס האָט גע־ווירקט אויף מיין שוועסטער'ס ראָמאַנטישע האַרץ וויא אַ כישוף.

איך האָב עפּעס יאָ חושד געווען, אָבער וואָס דאָ קומט פאָר, האָב איך נים געוואוסט. איך האָב נור געקענט זעהן, אַז ביילקע טראָגט זיך אַרום מיט אַ סעקרעט, און אַז זיא געהט אַרום וויא אין אַ פיבער.

דאָן איז דאָס ביי זיי געבליבען אַז זיי זאָלען ביידע אַנט־לויפען — ער פון דיענסט און זיא, ווייל דיא מאַמע וואָלט איהר

זיא איז דענסמאָל נאָך ניט אַלט געווען קיין אכטצעהן יאָהר; עטוואָס מעהר וויא זיעבצעהן איז זיא געווען; אָבער יונגע לייט זיינען איהר נעלעגען אין זינען שוין פון לאנג — פון דרייצעהן יאָהר אָן; נאָך אפשר פון פריהער — און זיא איז יונגע לייט אויך אין זינען געלעגען.

אייניגע מענשען — צי פרויען צו מענער — האָבען אין זיך מעהר געשלעכט, אנדערע ווייניגער. מיין איננסטע שוועסטער איז פון דעם ערשטען קלאַסס. זעהר אַ מיידעלדיגע מיידעל איז זיא אימער געווען, אויב מען קען דאָס אזוי אָנרופען; און מענער פלעגען דאָס גלייך דערשמעקען אין איהר, אזוי וויא אַ קאָטער דערשמעקט אַ קאַץ. מיר דאַכט, אַז ווען זיא וואָלט זיך פארשטעלט פאַר אַ מאַנסבילל, קונציג פארשטעלט זיך, וואָלט מען אויך גלייך באַמערקט, אַז דאָס איז אַ מיידעל. ניט נור אין איהר פיגור, געזיכט, בעוועגונגען, — אפילו אין איהר אָטהעם, אין איהר בליק און איהר נאַנצען וועזען האָט זיך געשפּירט, אַז דאָס איז אַ פרויענ־צימער. עד היום איז אזוי. זיא שטראַהלט מיט ווייבליכקייט אזוי וויא אַ לאָמפּ מיט ליכט, אָדער אַן אויווען מיט וואַרימקייט, אָדער אַ בלום מיט זיין ריח. צולאָזענע יונגע לייט, „מבינים“ אויף מייד־לעך, פלעגען פערשייט בעקוקען איהרע ליפּען און זאָגען אונאַנ־שטענדיגע מבינות אויף איהר.

איך בין אַן אנדער זאָרט מענש וויא זיא — אַ פרויענצימער, וויא געוועהנליך, אפשר אַ ביסעל צו קאַלט. דאָס שטערט מיר מסתמא מעהר וויא מיין אויסזעהן. וואָרים קיין מיאוס׳ע בין איך אייגענטליך ניט. ניט קיין מיאוס׳ע און ניט קיין שעהנע. אָבער מיין שוועסטער איז דאָך אויך ניט קיין גרויסע פּאַרשוין. פון דעסט־וועגען ציהט זיא מאַנסביללען וויא צוקער ציהט פליענען, און איך — ניט. נאָר וועגען זיך רייד איך נאָך דערוויילע ניט.

דעם סאָלדאַט׳ס פאַמיליען־נאָמען איז געווען שטריק. צו אונז אין שטוב האָט ער געגומען אריינקומען צוליעב מיינעם אַ שוועס־טער־קינד, וואָס האָט מיט איהם געדיענט אין איין ראָטע. איך

האָט זיא אָנגעטאָרט דעם „קע" צוגעלייגט „משומדת'טע" צו דער
און שנדער „טישל" אויפלעבן.

אַצט פּלעגען מיר, מיידלעך, אויך אריינגעצויגען ווערען אין דיא קללות מיט דיא זידלעריי, אָבער איך האָב אזוי ווענינ געפּאַסט דערצו וויא דיא כּמעט. מער ניט, וואָס איך פּלעג זיך ניט אזוי קאָכען וויא זיא, אָבער אין זיך פּלעג איך זיך געהמען דעם לעבען ניט ווייניגער פון איהר, און ענטפערען האָב איך ניט געוואוסט וויא. פערשטאַנען האָב איך דיא מאַמען מיט מלכה'ן גאנץ גוט — זיי מיט ווייערע געשפעטען מיט אלע ברעקעלעך, אָבער איך האָט אלע מאָל אין זיך מער וויא איך קען ארויסברייננען: צו מלכה'ען האָט זיך געטוינט נור ביילעס. זיא איז פון דער נאַטור א שטיפערקע, א לעבעדיגע שמיקעל כחורת, — פּלעגט זיא אויסקלעהרען אזעלכע מאָדנע צוגעמעניסען פאַר אונזער שונא, אַז די מאַמע פלעגט קוועלען. מלכה פּלעגט כלומרשט אלץ שמייכלען און לאַכען רוהיג, אָבער דאָס איז שוין געווען געלאַכט „מיט יאַפּטשערקעס". איין מאָל האָט מיין שוועסטער א געשריי געטהאָן: „מלכה דיא קליאַמקע!" — איז דאָס דער מאַמע'ן אזוי געפעלען געוואָרען, אַז פון יענעמאָלט אָן פּלעגט זיא איהר קאָנקורענטקע מיט דיזען נאָמען רופען הינטער דיא אויגען, ווען זיא, דיא מאַמע, איז געווען גוט איינגעשלייגט. אָבער ווען זיא האָט געהערט מיט כעס און מיט קללות ווענען איהר, פּלעגט בלייבען דער האַרבערער נאָמען: „משומדת'יטע".

דער קאַלדאַטעל איז געווען פון א ווייטע אידישע שטאָדט, ניט פון קיין ליטווישע. און איך גלויב, אַז מיין שוועסטער האָט זיך איינגעלייעבט אין זיין לשון. ער האָט גערעדט אויף'ן „וואָס" מיט'ן „קיה", מיט שאַרפע „סמך"ען און „שין"ען. און פערצוינען. איך געדיינק וויא זיא פּלעגט איבערהיימען זיין שפּראַך, זיך רייצען מיט איהם, וואָס ער רעדט אזוי. אָבער און דער דאָזיגער איבער-קרימעניש און צפלאַבעניש האָט שוין דער טייוועל געשטעקט. איך האָב דאָס גלייך געוואוסט.

און דערנאָך פלעגט זיא זיך רייצען מיט איהר: ארויסשטעלען איהר א צונג, ווייזען איהר דיא נעלט וואָס זיא האָט געלייזט ביי דעם גוי, פון ווייטען אָפּצעהלען איהר אזוי פיעל „פיינען“ וויפיעל גילדען זיא האָט געלייזט. ווען זיא האָט געלייזט צעהן קאָפּיקעס הלעגט זיא צו דער מאַמען טעלעגראפירען, אז פינף גילדען. דיא מאַמע האָט געוואוסט, אז זיא איבערטרייבט. פלעגט זיא זיך אָבער נאָך מעהר אויסעסען דאָס הארץ: פלעגט ווינשען איהר צו לינען א יאָהר אין נעהאקטע וואונדען פאַר יעדען גראָשען וואָס זיא האָט צו־געלעגט. און פלעגט בלייבען אָהן כחות קאָכענדיג זיך און שילטענדיג; און מלכה פלעגט מאַכען אלערליי אוואיעס און שמייכלען געלאסען. שילטען האָט דיא מאַמע געקענט בעסער. אָבער יענע פלעגט דאָס מאַכען אויפ'ן וואונק און בלייבען דיא זיעגערין. זיא איז געווען א גרויסע בריה אויף „מימיק“, מלכה — אויף איבערקרימען, אויף אלערליי מינעס, פון וועלכע אנדערע קרעמערקעס, נים קאָנקורענט־קעס איהרע, פלעגען בלייבען אָהן זייטען לאַבענדיג. ווען זיא וואָלט געווען אן אַקטריסע, וואָלט זיא מסתמא געהאט טאלאנט צו קאָמישע ראָלען. איך רעכען, אז דיא ביהנע האָט אין איהר א קראַפט פאַרלאָרען... דיא מאַמע האָט זיך מיט איהר פּראָסט ניט געקענט ספּראווען; וואָרים זיא, מלכה, פלעגט פון יעדער קריגעריי האָבען הנאה; עס איז ביי איהר נעווען אזא מין „ספּאָרט“, און דיא מאַמע פלעגט בלייבען אָהן א הארץ און אָהן כחות קאָכענדיג זיך, שיל־טענדיג מיט טויטע קללות, און צוזעהענדיג וויא יענע עסט זיך ניט אָפּ דיא הארץ און שמייכעלט נור. „מלכה דיא משומדת'טע“ — פלעגט זיא איהר רופען, אָדער עפּעס אן אנדער זידעל־וואָרט. איך האָב אָפּט געקענט זעהן, אז דיא מאַמע ליידט פון רעם וואָס איהר נאָמען איז גראָד מלכה. ווען עס וואָלט געווען חיה אָדער שרה, למשל, וואָלט זיא איהר נערופען „חייקע“ אָדער „שרה'קע“. וואָס קען מען אָבער מאַכען מיט א נאָמען וואָס ענדיגט זיך שוין מיט א „קע“? זיא האָט ראָך איהר ניט געקענט רופען „מלכה'קע“ —

איינגעזעקץ בחורווייז, אי דאָס עפּעס אַזוי וויא דורך אַ וואָלקען געזעגט איך איהם. איך ווייס נור, אַז ערגעץ וואו אין רוסלאַנד איז פאַראַן מיינער אַ ברודער. עס איז ניט מעהר וויא אַ נאָמען; אָבער דער נאָמען ניט מיר אַמאָל אַ צוּפּ ביי'ן הארצען. ער איז געבען אַרים. און אַז איך מיט בעללאַ'ן וואָלטען ניט צוגעשיקט אַ פּאָאַר דאָללאַר, וואָלט ער ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָהלען דירה-געלט אָדער פּסח צו מאַכען. בעללאַ געדיינקט איהם נאָר ניט, וואָרים ווען ער האָט חתונה געהאַט איז זיא געוועזען נאָך נאָר אַ קינד. איך מוז אָבער זאָגען דעם אמת: בעללאַ היט אָפּ צו געבען געלט פאַר איהם ניט ערגער וויא איך, נאָך בעסער. אַז איך פאַרגעס זיך אַמאָל, דערמאָהנט זיא מיר. זיא האָט אַ גוט הארץ, בעללאַ, און אַ פּפליכט איז ביי איהר הייליג. דאָס קען מען ניט לייקענען. אמת, איהר געוויסען איז ניט אַלע מאָל ריין; אָבער ס'איז דאָך ניט מעהר וויא אַ מענש. מיינען מיינט זיא געוויס גוט. איך האָב איהר ליעב וויא דעם לעבען, בעללאַ'ן, און זיא מיר אויך. פון דעסטוועגען פאַרבייטערען מיר זיך אָפּט איינע דיא אַנדערע דיא יאָהרען. אַ מאָל קומט דאָס אַרויס צוליעב מיינע שדוכים. זיא לאָזט מיר פראָסט ניט רוהען איך זאָל חתונה האָבען.

און אָנגעהויבען האָט זיך דאָס אַלץ פון דעם, וואָס זיא איז אַנטלאָפען מיט אַ מאַלדאַט קיין אַמעריקאַ.

דיא מאַמע איז אין דער היים געוועזען פּאַרטאַן אין נאַלאַנטעריי קראָמיל און האָט ניט געוואוסט וואָס מיט אונז טוהט זיך. קיין חייטערע מאַמע איז אויף דער וועלט ניטאָ. אָבער דיא קאָפּ איז איהר שטענדיג געווען פערדרעהט. דיא אַנדערע גאַלאַנטעריי הענד־לערקעס האָבען איהר דיא בלוט אויסגעזאָפּט. מען האָט זיך געריסען איבער אַ פּויער אַזוי וויא דיא וואָס טרינקען זיך רייסען זיך איבער אַ שמיקעל חלה, וואָס שווימט אַרום. מעהר פון אַלעמען האָט איהר דעם לעבען געטרייטען אַ ווייבעל מיט'ן נאָמען מלכה, וואָס האָט געהאַלטען אַן גאַלאַנטעריי געשעפטיל פּונקט אַנקעגען. זיא פלעגט דיא פּויערים ביי דער מאַמען פון דיא הענט אַרויסרייסען,

# I

מיין אינגערע שוועסטערביילע, אדער בעללא, (וויא זיא האט זיך א נאמען געגעבען אין אמעריקא) איז אנטלאפען געווארען פון דער היים מיט א אידישען סאלדאט. דאס איז געווען דיא אורזאכע פאר וואס מיר זיינען געקומען אהער; אויך איז דאס איינע פון דיא אורזאכען פאר וואס מען לאזט מיך ניט לעבען איך זאל חתונה האבען. איך האב שוין דורכגעמאכט א היבשע ביסעל שדוכים. עס לאזט זיך אבער אוים אלץ אן אויסגעבלאזענע איי. א מאל פיהר איך זיך ארום מיט א יונגען מאן עטליכע וואכען, א מאל זאגאר עטליכע מאנאט. עס קומט אבער ארוים גאר־נישט מיט גאר־נישט.

יעדער חתן איז אן אנדער זארט מענש און מיין יעדער שדוך איז אן אנדער געשיכטע מיט אנדערע וואונדען.

מיר זיינען ליטוואקעס. מיין פאטער איז שוין לאנג טויט. ער איז געווען א ראש ישיבה און ער האט געהאט א שם איבער דיא ארומיגע שטעדטלעך. איך האב זיין אנבליק. דיא מאמע האט געהאלטען א גאלאנטעריי קרעמעל אפילו ווען ער האט געלעבט. איך בין ניט דיא עלטסטע אין אונזער פאמיליע. עס איז פאראן אן עלטערער ברודער, אויך א למדן. ער האט חתונה געהאט, ווען איך בין נאך געווען א מיידעלע. און פון יעמאלט אן האב איך איהם געזעהן בלויז א פאאר מאל. ווארים ער וואוינט ניט אין דער שטעדטעל, וואו מיר זיינען אויסגעהאדעוועט גע־ווארען, נור עטליכע מייל פון דארטען. צוויי מאל איז ער געקומען צו אונז צו גאסט; אבער איך געדיינק איהם נור וויא ער האט

גענומען בעמערקען. אז דאָס איז נאָר ווענען אַן אַנדער זאַך. בעלד האָט זי נעזאָגט עטוואָס פאַרשעהמט:

— אַ ביסעל פערשטעהט איך אליין. איך בין געקומען דערצו מיט מיין איינענעם שכל...

און ווערענדיג נאָך שטאַרקער פאַרשעהמט האָט זיא געזאָגט מיט אַ שטילערען קול:

— איך האָב עפּעס איינגעשריבען. עס איז אַן ערצעהלונג. עס איז אָבער אלץ אמת. מיין לעבענס־בעשרייבונג איז דאָס. אפשר איז דאָס אלץ נאַריש... און אפשר — ניט. איך בין ניט מעהר ווי אַן אונוויסענדע פּרויענצימער... ווען איך וואָלט געהאַט וועמען צו ווייזען וואָס איך האָב איינגעשריעבען...

זי האָט מיר שטאַרק פּעראינטערעסירט מיט איהרע פריהערדיגע בעמערקונגען, און איך האָב איהר פאַרגעשלאָגען איהר לעבענס־בעשרייבונג איבערצולייענען.

— איהר קענט מיט דעם טהאָן וואָס איהר ווילט. איך גיעב אייך דאָס רעכט אפילו דאָס צו פאַרברענען. אויב איהר וועט געפינען אַז עס איז כדאי צו דרוקען, איז אודאי גוט. איהר מעגט פּיקסען, ענדערען — טהוט וואָס איהר ווילט. אַז איהר וועט דאָס איבערלעזען, און איהר וועט וועלען זיין אַזוי גוט, וועט איהר מיר זאָגען צו דאָס האָט עפּעס אַ זין.

אויף מאָרגען האָט זיא מיר געבראַכט איהר לעבענס־בעשרייבונג. זיא איז מיט אַ כיון געקומען ווען איך בין ניט געוועזען צו הויז, און מיר דאָס איבערגעלאָזען. עס איז געוועזען אַ דיקער פּעקעל פאַרשריעבענע פּאַפּיער, איינגעפּעקט אין אַ פּאָאַר הונדערט בלעטלעך.

איך האָב איבערגעלעזען און בעשלאָסען דאָס איבערצוגעבען דער עפענטליכקייט. צו ענדערען איז מיר אויסגעקומען ווענינ. עס איז נויטיג געוועזען צו פאַרריכטען נור גראַמאַטיקאַלישע גרייזען און דאָס „אויסלייגען". ווייטער האָב איך אלץ געלאָזען ווי זיא האָט געשריעבען, מיט אלע איהרע אויסדריקע און ווערטער.

די ערצעהלונג פאַנגט זיך דאָ אָן.

— דאָס איז נאַטירליך א וויכטיגע פראגע. שפּייז און ליעבע זיינען דיא צוויי הויפּטזאכען אין דער גאַנצער נאַטור — האָב איך געזאָגט — אָהן שפּייז קענען מיר ניט לעבען, און אָהן ליעבע צווישען דיא זכרים מיט דיא נקבות וואָלטען קיין וויטערע דורות ניט געווען.

זיא האָט א האסטינען שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, און איהרע סארע אויגען האָבען אין דער לבנה־ליכט געשיינט מיט אָנגע־שטריינגטע אויפמערקזאמקייט און אינטערעס.

— אָבער וואָס סאָציאַליסטען דיינקען וועגען דער הייראַטה־פראגע קען מען פון העלער־הויט ניט זאָגען — האָב איך צוגעגעבען — מען מוז צוערשט וויסען זייער מיינונג וועגען דער ברויט־פראגע.

— איך פארשטעה. איהר ווילט, אז עס זאָלען ניט זיין קיין רייכע און קיין אָרימע; איך בין זעהר אַן אונוויסענדע, אָבער אזוי ווייט ווייס איך....

— ריידען רעדט איהר שוין גאָר ניט וויא אַן אונוויסענדע — האָב איך זיך אָבגערופען מיט א שמייכעל — צו וואָס ד'ארפט איהר זיך אזוי אראָפּוואַרפען?

— איך מאַך קיין שפּאַס ניט. איך בין אַן אונגעבילדעטע. לעזען האָב איך געלעזען א היבשע ביסעל, אפשר שוין גאָר א סך. אָבער אלץ אויף אידיש. און געלערנט האָב איך גאָר ניט. איז וואָס האָב איך געוועלט פרעגען? וועגען דעם וואָס סאָציאַליסטען ווילען אז עס זאָל ניט זיין אָרים און רייך. דאָס וואָלט געווען גאַנץ גוט, ווען מען וואָלט דאָס נור געקענט אויספיהרען. אָבער וואָס האָט עס צו טהאָן מיט פרייע ליעבע? איהר גלויבט דאָך אין פרייע ליעבע, ניט אמת?

— עס ווענדט זיך וואָס איהר מיינט מיט דיא ווערטער „פרייע ליעבע". ביי צולאָזענע מענשען, ביי הולטייעס, קען דאָס הייסען א הכשר אויף זייער שמוציגען לעבען. דער סאָציאַליזמוס פאָדערט אַ ריינעם, שעהנעם לעבען מיט א שעהנע ריינע ליעבע.

איך האָב זיך געריכט, אז זי וועט וויטער פרעגען וועגען דעם זעלבען ענין. זי איז אָבער פערטראַכט געוואָרען, און איך האָב

זי האָט מיר פֿאַראינטערעסירט. ווער איז זי? — האָב איך זיך געפֿרעגט. איך האָב געקוקט אויף איהר רינגעם געוועל און ניט־אינ־טערעסאַנטע כאַרע אייגען; אבער אין לבנהשיין ווייזען אלע פּנים'ער שטען. עס איז פּונקט ווי דאָס וואָס זי האָט געזאָגט וועגען שווייגען: אין לבנהשיין איז יעדע געוויכס א געהיימניס, און א געהיימניס איז שלעכט.

— פֿאַר א שווייגערינען האָבען ריידעוורינע מורא — האָב איך צוגעלייגט — ווי שטעלען זיך פֿאָר, אז אין איהם ליגט א פֿאַרבאָרגענע קראַפט.

דער געשפּרעך איז א היבשע צייט געגאַנגען צווישען מיר און דער ריקליכער פרוי. דיא איבעריגע האָט דאָס אויפגעהערט צו אינ־טערעסירען און זיי האָבען ביסלעכווייז גענומען שמועסען צווישען זיך וועגען אנדערע זאכען. דיא ריקליכע פרוי האָט אונזער גע־שפּרעך דערנאָך פֿאַרקערעוועט אויף א גאנץ אנדער ענין, און אראָפּ־קומענדיג איהר שטימע האָט זיא געזאָגט:

— ענטשולדיגט מיר. איך ווייס, אז איהר זייט א סאָציאַליסט. איך זוך שוין לאנג א געלעגענהייט צו ריידען מיט א מענשען, וואָס קען מיר זאָגען וואָס דער סאָציאַליזמוס וויל האָבען. מיר אינטע־רעסירען עטליכע זאכען. איך בין ניט קיין געבילדעטע. אבער אז מען זאָגט מיר פֿערשטעה איך.

— וואָס, צום ביישפּיעל? — האָב איך געפֿרעגט מיט א פֿריינדליכען טאָן.

— אַם, לאָמיר נעהמען דיא פראגע, וויא אזוי עס וועט ביי אייך זיין איינגעפֿיהרט וועגען חתונה האָבען. וואָס זאָל איך דאָ לייקע־נען? דאָס אינטערעסירט מיר מעהר פֿון אלץ.

זיא האָט א ברייטען שמייכעל געטהאָן, און אין דער לבנה־שיין האָט איהר שמייכעל געבליטשטעט עפּעס אזוי ווי א כּח וואָלט געלאַכט.

עס האָט זיך געפֿיהלט, אז א ציטער פֿון נייגעריגקייט איז דורך איהר דורכגעלאָפֿען.

# פראלאג

איך בין געזעסען מיט עטליכע בעקאנטע אויפ׳ן גראָז פון דעם גרויסען שטאָדט־פארק. מיר האָבען געשמועסט וועגען פערשיעדענע זאכען, לייכט איבערגעהענדיג פון איין ענין צום אנדערען. עס איז געווען זונטאג ביינאכט. דיא לבנה האָט געשיינט, דיא לופט איז געווען מילד. אויפ׳ן הארצען האָט זיך געפיהלט די גרינגקייט פון דעם אָבענד. קיין סודות האָבען מיר ניט געהאט, האָבען מיר גערעדט אין דער הויך; און ביסלעכווייז האָט אונזער געשפרעך בעקומען דעם פנים פון אן אָפענעם מיטינג. עס האָבען זיך ארומגעקליבען אנדערע מענשען.

איין מאָל זיינען מיר אויף א ווײלע אלע אנשוויגען געוואָרען.

— מסתמא איז ערגעץ וואו געבאָרען געוואָרען א נאר — האָט איינער געזאָגט א רוסישען ווערטיל, וועלכען ניט אלע האָבען פערשטאנען.

א צווייטער האָט דאָס איבערזעצט אויף אידיש. א דריטער האָט געפרעגט:

— וואָס עפּעס א נאר?

— טאקע וואָס עפּעס א נאר? שווייגען איז דאָך גאָר קלוג?

— האָט בעמערקט א דיקליכע פרוי מיט א דינעם נעזעל.

— מיינט איהר אז אלע שווייגעדיגע זיינען טאקי קלוג? — האָב איך זיך ארייננגעמישט.

— איך האָב שוין אויך וועגען דעם געטראכט, — האָט גע־ענטפערט די דיקליכע פרוי. — אין אמת׳ן זיינען פאראן פיעלע נאראָנים, וואָס ריידען זעהר ווענינ. נור ווייבאלד מען שווייגט, דוכט זיך, אז מען האָט וויכטיגע געדאנקען. מען איז א געהיימניס, און א געהיימניס איז א מין כשוף.

# פעננ'ים חתנים

גרעסטע צאָהל פּאָעטען, זינגער, מאַרטירער, טהייערע קעפּ און טהייערע הערצער.

קיין אתה בחרתנו'ניקעס ווינען ניטאָ. יעדע נאציאָן האָט איהרע שטראהלען און איהרע שאָטענס, און ווען עס וועט קומען א צייט, ווען מיר וועלען אלע זיין אינאיינעם, וועלען דיא מעלות זיך בעהאַלטען און דער כלל וועט זיין א שטאַרקערע מענשהייט, א בעסערע מענשהייט.

ענדע

גיט א שמייכעל, קלעהרט ער ביי זיך: „אַט האָב איך געגעבען א שמייכעל". רק ער שפּארט זיין „איך", רק ער דערמאָנט זיך, אז ער איז דאָ אויף דער וועלט. ער לאָזט ניט רוהען ניט זיך, ניט דעם אנדערען. שטעלט זיך פאָר א פעריאָנטע טהיער, פערשפּארט אין א פינסטערען ווינקעל און צעהנדליגע יעגער מיט טרומייטען און מיט הינט שטעהען ארום און ארום. דיא טהיער קוקט אין אלע זייטען מיט א מאָל; זיא הערט זיך צו צו דעם קלענסטען שאָרך; איהר יעדער חוש איז אָנגעשטרענגט שארף וויא א בריטווע. אַט אזוי האָט דער איד הונדערטער יאָהרען אָפּגעלעבט אין זיין גהעטאָ, צווישען פיינדליכע פעלקער. מיר זיינען א בינטעל נערוועז, און מיר זיינען דאָך אליין מודה, אז „מיט א אידען איז בלויז גוט קוגעל צו עסען".

דער אונאַנגענעהמסטער איד האָט אָבער זעהר אָפט א גיל־דערנע הארץ. דיא פעלקער אָבער זעהען ניט אונזערע הערצער. א פעהיגער ביזנעס־מאַן שטעלט ארויס זיינע בעסטע וואַארע אין פענסטער און דיא ערגסטע האַלט ער אינוועניג. אידען זיינען א פאָלק פון ביזנעס־לייט, אָבער וועגען זייער אייגענעם כאראקטער טהוען זיי פונקט פערקעהרט וויא מיט זייערע סחורה: אַלץ וואָס איז עקעלהאַפט איז ביי זיי פון דרויסען און זייערע גוטע מידות זעהט בלויז דער, וועלכער קען זיי זעהר גוט, וועלכער וויל זיי קענען...

קיין „פּאַטענט" אויף נשמה יתירה האָבען מיר ניט. גוים האָבען אויך אַן „אויבער־גייסט" (ווי עמערסאָן, דער אמעריקאַנער שרייבער, רופט עס) און דיא גרעסטע מענער פון דער וועלט זיינען דאָס רוב ניט פון אונזער שטאַם. נאָך אונזער קליינער צאָהל אָבער, וועדליג דיא הייפעלע וואָס מיר זיינען, האָבען מיר דיא

געהייליגטען פון אונזער צייט זיינען דא זונדעלעוויטשעס, קאהען־בערנשטיינס... דיא געשיכטע פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער בעוועגונג איז אויך א געשיכטע פון אידישען העלדענמוטה. אונזערע יונגע לייט זיינען געפאלען אין פייער וויא דיא גרעסטע און דיא בעסטע. ווען מען האט בעשלאסען אפשטעלען א וואגען מיט טויזענטער געלד, אום א פאר רעוואלוציאנערען זאלען געווינען איניגע מינוטען צייט, האט זיך א איד א ווארף געטהאן אינטער דיא קאזאקעס און איז צוטראטען געווארען... געדענקט ביזנעס? צו רופען דיא האלז אין תליה, אום שפעטער, נאך מיין טויט, זאלען אנדערע גרינגער לעבען, — דאס איז, דאכט זיך, ניט אזא גוטער געשעפט...

לאמיר זיך פארשטעלען, אז א איד אינטערעסירט זיך טאקע מיט דיא קישענס מעהר וויא מיט דיא קוויטעלעך און מיט דעם פורפורנעם הימעל. וויא זעהר קומט עס פארט, אז דער שעהנער הימעל אינטערעסירט איהם ניט און זיין לעבען פאר דער מענשהייט אפפערט ער יא?

עס זיינען פאראן גענוג אידען מיט שטיינערנע הערצער. אבער דורכשניטליך איז דיא אידישע הארץ א ווייכערע. „רחמנות־האַבער. קינדער פון רחמנות־האבער" — אזוי רופען מיר זיך אליין. עס איז אבער ניט קיין פוסטער ווערטעל.

אין געוועהנליכע, טעגליכע פערהעלטניסע צווישען מענשען און מענשען זיינען דריבסטע סימפאטישער וויא אידען; זיי קריכען ניט אזוי אין דיא אייגענע וויא מיר; זיי מישען זיך ניט אזוי אין יעדענ'ס נשמה. איך האלטען זיי ניט אזוי אין זינען זייער אייגענעם קעהר און ריהע, זייער יעדען ווארט, יעדע אזאיע. א איד איז אזוי פול מיט לעבען, אז ער איז ענליך צו א וועבער וואס ניט אכטונג אויף אבציע וועבעשטוהלען מיט א מאל. דא ווערט א קניפעל, דארטען נעהם איוס א פאדים; אלץ זעהט דיא אויג. דער אידישער געדאנק איז אן אומרוה: ער קוקט אויף טויזענד זאכען מיט א מאל; א ספעקטרין זיינען דיא אידישע נערווען. אז א איד

פינגער, שטעהט אויס דיא גרעסטע יסורים, און דיא וואס וויינען ווענינ, ווערען באלד צובראָכען.

אנטיסעמיטען ריידען וועגען דיא צוגעבונדענקייט און טרייהייט פון א אידען צו זיין משפחה. אט דיעזע גינציגקייט איז איינע פון דיא אורזאכען ווארום מיר האלטען זיך.

דארווין גיט צו פערשטעהן וויא אזוי דער געפיהל פון עלטערען צו קינדער איז אויסגעארבייט געוואָרען; וויא דאס איז נויטיג אלס א פונדאמענט פון דעם קיום פון דער וועלט. דיא אידישע גינציגקייט איז אלזאָ איינע פון דיא שטארקסטע פעסטונגען, וועלכע האָבען אויפגעהאלטען אונזער פאָלק.

אָה, דיא אידישע מאמע! ווער וועט זינגען דיא ליעד פון איהר ליעבע? וואו וואָלט מען געקענט נעהמען אָן ערהאבענערע פּאָעמא, א רייכערע מליצה וויא דאס בילד פון א אידישער מוטער מיט א קינד אויפ'ן האנד!

דיא קריסטען האָבען אזא בילד געמאכט פאר דעם צייכען פון געטליכקייט: א אידישע מוטער מיט א קינד אויפ'ן האנד...

דאס איז א בילד פון טרייהייט צו דער מענשליכער משפחה, זאָגען זיי. יעזוס איז געשטאָרבען פאר דער מענשהייט, לערנען זיי. און אזוי האָבען אויך געטהאָן גאָר דיא ערשטע קריסטען. אָבער דיעזער יעזוס און דיעזע ערשטע קריסטען זיינען געווען אידען! און דיא מעשות, וויא אזוי זיי זיינען מיט געזאנג געגאנגען צו זייער טויט, פילען אָן דיא הייליגע ספרים פון דיא, וואס ריידען וועגען אידישע קאלטקייט, וועגען אידישע גענז מיט אידישע שמאלץ צום פערקויפען.

האָבען דיא צוויי טויזענד ביזנעס־יאָהרען ביי אונז אוועק־גענומען דיא נשמה יתירה? אן אמעריקאנער היסטאָריקער שרייבט אין זיין געשיכטע פון קריסטענטהום: „אויב איהר ווילט זעהן וויא אזוי דיא ערשטע אפּאָסטאָלען האָבען זיך מוסר נפש געווען פאר זייער אידעע, לייענט וועגען דיא רוסישע ניהיליסטען". דיא ער־שטע אפּאָסטאָלען זיינען געווען אידען, און צווישען דיא רוסישע

אין דיא קרעסטען, זעלבע זיינען ביי דיא גוים אָנגעזעענע נד־
וואַרען אויף דיא ווילדקייטען פון דיא פינסטערע יאָהרהונדערטע, זיינען ביי אונז ניט פערדאַכט געוואָרען. אַנשטאַט זיך צו שלאָגען מיט דיא פויסטען, האָט מען זיך כסדר געזעצן מיט דיא מורות; מען האָט זיך איבערגעשטיינט אין גוטע מדות. דיא גאַנצע גמרא אונזערע, מיט דיא ספרים פון דיא שפּעטערע גאונים — דיעזער מיש־מאַש פון פּערלען מיט מיסט — איז פיל מיט פאַקטען פון מענשליכע ערהאַבענהייט. דיא היינטיגע אידישע פריהייטס־קעמפפער זיינען אייניקלאך פון דיא אידישע מאַרטירער, וואָס זיינען פאַר זייערע פּרינציפּען מיטהיג געגאַנגען אין דעם פייער פון דער אינקוויזיציאָן.

ווען מען פערפאָלגט איינעם צו שטאַרק און ער איז הילפלאָז, ווערט ער נידערגעשלאָגען, פערניכטעט. דיא אידען אָבער, אלס א פאָלק, האָבען אין זיך אַזוי פיעל לעבען, אַז זיי זיינען וויא שטאָל איבער'ן קאָוואַדלע: וואָס מעהר מען שלאָגט זיי, אַלץ שטאַרקער ווערען זיי.

דיא ריזיגען וואַנדערען זיך; הונדערטע גרויסע מעכטיגע פעלקער זיינען פערניכטעט געוואָרען, און דיא אידישע הייפעלע לעבט אייביג.

ווען איינער וויינט שטענדיג, ווערט ער שוואַך, „צוקראַכען". ביי דיא אידען אָבער זיינען דיא טייפען טרעהרען א מקוה וואו עס איז זיך מטבל דער גייסט. וואָס מעהר טרעהרען, וואָס מעהר צרות, אַלץ מעהר אידעאַליסטען און העלדען.

מען זאָגט, אַז א איד איז א קלאָגמוטער. בעטראַכט אָבער: א אידענע שרייט מיט ווילדע קולות ווען זיא שניידט זיך איין א פינגער; א גויה ניט נאָר א טרעהר. אין דאָך ווען דיא זעלבע אידענע איבערשטעהן צוואַנציג געפערליכע אָפּעראַציעס און ווייטער האָבען קינדער, וויימער רייסען קריעה, ווערהרענד דיא גויה פאַלט וויא א שטיין. אַס דאָס פאָלק וואָס שרייט אַזוי אויף א

ווען איך הער מוזיק, פיהל איך דאָס זעלבע, וויא בשעת איך בעגעגען אויפ׳ן גאס א מענשען און ער קומט מיר פאָר בעקאנט און איך קען זיך ניט דערמאָנען וואו איך האָב איהם געזעהן. ווען איך טרעף זיך מיט אזא אונבעקאנטען־בעקאנטען רייסט מיר דיא הארץ מיט א זאָנדערבארען וועהטאָג; עס איז אָבער א זיסער וועהטאָג; און ווען מען זאָגט מיר אוים ווער יענער איז, דערקען איך איהם מיט פערגעניגען, אָבער דער פערגעניגען געהט גלייך אוועק.

גאנצע שטונדען וואָלט איך געקענט פערברענגען מאטערענדיג זיך צו דערמאָנען ווער דער מאַן איז, און דיא גאנצע צייט איז דער אינטערעס אי א תענוג, אי יסורים. דאָס זעלבע איז מיט מוזיק. דאָס זעלבע איז מיט אַלעם וואָס טהוט אוים דעם מענשען פון דער וואָכעדיגער וועלט און פערטראָגט איהם אהין, וואו דיא נשמה יתירה געוועלטיגט.

א שוהל מיט מענשען, מיט דיא טליתים איבער דיא קעפּ, מיט א געדויש פון ערנסטע תפילות, איז א סימפּאָניע. ביי דעם גרעסטען ליץ ווערט ערנסט דער פּנים.

א בית עלמן פול מיט וויינענדיגע ווייבער אויף דיא קברים איז א מעכטיגערע פּאָעזיע וויא ליעב־געזאנג צו דעם הימעל מיט דער לבנה. דיא גאנצע געשיכטע פון אידישען פּאָלק איז איין פּאָעמא אזעלכע; דיא גאנצע געשיכטע פון דעם אידישען פּאָלק איז א בית־עלמן מיט פּאָטערס און מוטערס, שוועסטער און ברידער, וואָס וויינען אויף דיא קברים פון הרוגים.

* * *

מען האָט דעם אידען געהאלטען פערצאמט אין א גהעטאָ. מען האָט אונז ניט צוגעלאָזען צו דיא פערגעניגענס פון מיטעל־אלטער, ווען אייראָפּא איז געווען פערקאָכט אין א בלוטיגען „ספּאָרט”. דער איד האָט דיא זכיה ניט געהאט צו זיין א ריטער — צו פערברענגען זיין לעבען אין טורנירען, מלחמות, הוליאנקעס... האָט ער זיך אָבער געפונען „ספּאָרט” פאַר זיין שכל און גייסט.

מיר האָבען אין זיך מעהר לעבען וויא יעדער אנדער פּאָלק,

אין די נאטור־פאעזיע די איינציגע פאעזיע פון דעם מענש־
ליכען גייסט? איך שטעל זיך פאר א ראמענטיקווארען בטלן, אן
אויסגעהארעוועטען הינטער'ן אויווען. ער האט אפשר אויף זיין
לעבענס־טאג ניט געזעהן ווייט אזוי קארגאטענע וואלדען. אנשטאט
צו געניסען פרישקייט ווינטעלעך, האט ער דעם גאנצען לעבען פער־
בראכט אין דער טומט פון תלמוד־ליכט און אלטע גמרות, אין די
רישנעקייט און שוויץ, אין דעם גאנצען קערפערליכען אונצוכט פון
א קלויז. אנשטאט פיינע פעלדער מיט דעם געוואגג פון פוינגעלער,
האט ער פאר זיך טאג און נאכט, הענגעלייכטער, אלטע סטענדערס,
שמוציגעלעכע פון די ישיבה בחורים. אט צווישען אזעלכע
אידען טראגט זיך אפט ארום א נייטע, וואס איז שענער, העכער,
כאַבמינער און אידעלער וויא די רייכסטע געדאנקען, אויף
וועלכע א גילערנטער זון־אונטערגאנג קען ארויסברענגען. די גע־
דאנקען און די געפיהלען אין אזא אידעל שוועבען זיך אויף ווייטער
שטיינער. ווייטער פאעזיע האט דאס מעגליך געמאכט די פאעזיע
פון א העכעריך היינט.

איינע פון די גרעסטע פאעטען אין דער וועלט האבען קיין
שום טעם ניט געהאט אין מוזיק. וויא קומט עס, דאכט זיך? דער
הירוץ איז: די מוזיק איז ניט דער איינציגער טייער פון ערהאבענע
געפיהלען און בילדער. דאס זעלבע איז מיט דער שענער נאטור:
זיא איז אויך ניט די איינציגע מקור צו דער נשמה יתירה.

וואס מהוט די מוזיק? וואס טהוט א שענע נאטור־בילד?
זיי נעהמען אונז ארויס פון אונזער הומר. זיי פערטראגען אונז
ווייט ערגעץ, וואו אונזער וואכעדיגער לעבען האט קיין שליטה ניט.

עס שפיעלט א פיאנא. עס דוכט זיך אזוי וויא לעבעדיגע
בעשעפעניסען וואלטען צו אייך גערעדט. ווער רעדט דאס? וואס
זאגט מען צו אייך? ניטא קיין ענטפער. דאס זעלבע איז ווען א
מענש זינגט. ער רעדט צו אנדערע און צו זיך אליין; וואס ער
רעדט קען ער אליין ניט זאגען. די הארץ ציהט זיך איהם אויס:
געוואלד, וואס איז דאס ריעזער ניגעלע, ווער איז ער? וואס זאגט ער?

אָדער פעדערען קען מען פערקויפען, אָבער מיט א פורפורנעם הימעל וואָס פאַר א ביזנעס קען מען מאַכען?

אָט אַזוי אַן ערך געהט דיא אַנטיסעמיטישע רייד וועגען דעם אידען'ס וואָכעדיגקייט, וועגען זיין גראָבען געשעפטס־אינטערעס... וואָס איז אָבער דיא מעשה מיט יענער קאָמפּאַניע אידלעך, וואָס זיינען מחדש דיא לבנה? קען מען פון דער לבנה פליקען פעדערען אָדער גריבענעס פרעגלען? זעהט וויא דיעזע פּראַקטישע, וואָכעדיגע ביזנעס־לייט טאַנצען און שפּרינגען וויא חדר־אינגלעך. זעהט וויא זיי מאַכען זיך נאַריש, דיא קאַלטע נשמות!

איך קען אין רוסלאַנד אַן אַלטען פּארציייטיגען אידען, וועלכער בייגקט נאָך דיא פּורפּורנע הימלען ניט וועניגער וויא א גוי. וויא נאָר דיא לופט הויבט אָן צו שמעקען מיט פריהלינג, אַזוי הויבט איהם אָן דאָס הארץ צו ציהען הינטער'ן שטאָדט, אהין, וואו פעלדער ווערען גרין, וואו דיא נאַטור איז פריי און פריש. מיט פערביינקטע אויגען געהט ער אום גאַנצענע טעג נאָך פּסח־צייט. אַזוי וויא יעצט געדענק איך וויא שפּעטער א ביסעל פלעגט דיעזער פאַר־צייטיגער איד שבת פערקאַטשען דיא פּאָלעס פון זיין בורנעס און אוועקלאָזען זיך.

„טאַטע, וואו געהסטו?" פרעגען זיינע קינדער. „איך געה זעהן וויא דיא קאָרן געהט אויף", ענטפערט ער א ביסעל פער־שעהמט.

ער איז געבאָרען און אויסגעהאָדעוועט געוואָרען אויף א ישוב. מען זאָגט געוועהנליך, אַז עטליכע דורות נאָכאַנאַנד דארפען זיך אויסהאָדעווען ביי דער נאַטור, אום איהר צו קענען ליעבען. דאָס איז אמת, אָבער דער איד, וועגען וועלכען איך דערצעהל דאָ, איז ניט דער איינציגער.

איך האָב אָפט געזעהן אידען שטאָדט־לייט, וואָס האָבען זיך איינגעליעבט אין דער נאַטור, שטעהענדיג אויף זומער־קוואַרטיר עטליכע מאָל.

אָבער דאָס איז ניט דער עיקר.

מיט אַרער פיינלונג ניט רוימען. די אידישע חיטעלע געגען צעהנדלינגע מיליאָנען שונאים האָט געהאַט איהר נאַטירליכען גע־ווער אין איהר לעבענס־מאכט: געשייטקייט. אָבער די אידישע מוחות האָבען זיך געהאַרטעט — געשאַרפט זיך אויף צוויי אַרטען: שיבות מיט דער פיינדליכער אויסערליכער וועלט האָט ענטוויקעלט זייער געשעפטס־שכל און דעם געפיהל פון זעלבסט־פערטהיידיגונג; שיבות צווישען זיך (וועו דער איינפלוס פון דער אויסערליכער וועלט האָט זיך ניט אריינגעמישט) האָט געשפייזט זייער שענערען „איך". דער בית המדרש האָט געהאָדעוועט ניט נאָר דעם מאָח, נאָר אויך די האַרץ. און אין בית המדרש האָט דעם אידען גע־טריעבען דער אויסערליכער שונא.

עס איז געוואַקסען א נשמה יתירה ביי אידען, א נשמה יתירה, וועלכע האָט געשאַפען מוזיקער, קינסטלער, טרוימער, אידעאַליסטען, העלדען.

אנטיסעמיטען זאָגען, אז דער איד האָט קיין האַרץ ניט, אז אַלץ קומט ביי איהם פון קאָפ, פון חשבון, אז אין דער שענסטער זאַך זוכט ער געשעפט. אלס א ביישפּיעל ווייזט מען אָן אויף אידישע קאַלטקייט צו דער נאַטור. שטעלט אייך פאָר: א גרויסער פעלד; א ווינטעל שפּיעלט זיך מיט א ים קוויטלעך; פערלדיגע שמיקלעך וואָלקען שוועבען; דאָרטען גאַנץ ווייט פאַלט דער הימעל איבער א שוואַרצער מאַסע בוימער; עס איז פאַרנאַכטלעך, פייער־פורנע קאָלירען הויבען זיך אָן בעווייזען אויפ'ן הימעל מיט די וואָלקענס. און אָן טרייבט א פאַסטוך א סטאַדע ווייסע גענז!... א שענער בילד... א קריסט שפּאַצירט מיט א אידען און דער קריסט ווערט בעגייסטערט... ער זאָגט דעם אידען: וויא שעהן דאָס איז אַלעס; אָבער דער איד קוקט איהם אָן קאַלט. ער פערטראַכט זיך נאָר וועגען דער סטאַדע גענז... פון גענז קען מען האָבען שמאַלץ, פעדערען. דאָס אינטערעסירט ישראל'ען מעהר וויא די קוויט־לעך מיט דעם שעהנעם הימעל מיט די העדליכע פאַרבען. שמאַלץ

דאָס וואָס מען וואַרפט זיך אַרום מיט דיא אידען פיעלע יאָהר־הונדערטע, האָט זיי געטהאָן אי שלעכטעס, אי גוטעס.

פיעלע פון אונז פעהלט שטאָלץ, זעלבסט־רעספּעקט. זייענדיג אימער אַרומגערינגעלט מיט בלוט־פיינד, האָט זיך דער איד גע־דרעהט אין דרייען; ער האָט מורא געהאַט פאַר יעדען גוי'אישען פּנים. אין דער שטענדיגער ערנידערונג און געפאַהר האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט נידערגעשלאָגענהייט און ביטערקייט.

פיעלע פון אונז פעהלט רעספּעקט צו דעם אַנדערען'ס אינ־טערעסען, צו דעם אַנדערען'ס געפיהל. ווען מען ראַנגעלט זיך דעם אייגענעם לעבען צו ראַטעווען, ליעגט דעם צווייטען'ס לעבען ניט אין זינען — ביז מען קומט צום שכל, אַז אין פעראייניגונג ליעגט רעטונג און זיכערהייט. היינט קומען דיא בערויבטע צו דיעזען שכל אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וואו מענשען רייסען זיך וויא חיות פאַר אַ ביסען אָדער פאַר אַ גע'גנב'עטען אוצר; און היינט געפינט איהר אידען אויבען־אָן אין דיא מחנות אַרבייטער וואָס קעמפּפען דיא מענשען פאַר אויס־חיות צו מאַכען, און איהר געפינט זיי אויבען אָן צווישען דיא חיות אין מענשען־געשטאַלט. אין פריהערדיגע צייטען, ווען דיא וועלט איז געווען צוטהיילט אויף פּריצים און פערקנעכטעטע פויערים, ערד־אַרבייטער, איז אין דעם פויער ערצויגען געוואָרען אונטערטהעניגקייט; ער איז אָבער זיכער געווען מיט זיין חיונה, דער פויער, און עס האָט זיך אין איהם אויסגעאַרבייט אַ שקלאַפּישע רוהיגקייט, דער נידערגעשלאָגענער כאַראַקטער, דיא צופריעדענהייט פון אַ קנעכט. דער איד איז קיין קנעכט ניט געווען. ביי איהם איז דער „איך" קיין מאָל ניט דער־שטיקט געווען; ער איז אָבער מיט זיין ברויט און מיט זיין לעבען קיין מאָל זיכער ניט געווען.

דאָך אונטער דיעזע צרה'דיגע אומשטענדען איז געוואַקסען אַ שעהנער גייסט, אַ הויכער שכל, הויכע געפיהלען.

ווען איין מענש טרעפט זיך אָן מיט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע וועלף, און ער זוכט מיטלען זיך צו ראַטעווען, וועט איהר איהם

ריזענבערג'ן וואָס איהר ער הויט געמיינען אויפ'ן ערשטען.

צוויי וועלטען איז פון איין וועלטעל געוואָרען.

• • •

אַן אַמעריקאַנער יהודי האָט זיך פאַר מיר געקלאָגט אויף דעם היינטיגען אַנטיסעמיטיזמוס. מיטים אַמאָל, די קעניגין פון די דינגל „פיקר הנדקרט", לאָזט קיין מאָל ניט איין קיין אידישען מיליאָנער צו זיך. נו, און אַ אידישער מיליאָנער לאָזט אַ אידישען שניידער יאָ איין צו זיך?

צוויי וועלטען אויף איין וועלט. אַ ים טהיילט אָפּ אידען פון אידען, גוים פון גוים, — אַ ברייטערער ים ווי דער וואָס זונדערט אָפּ דעם קריסטליכען גביר פון דעם אידישען...

אין באַטראַכט: פירסט קראָפּאָטקין איז געווען אַ גרעסערער יחסן ווי מיטים אַמאָל. אין די אַמאָליגע יאָהרען, ווען ער איז נאָך געווען אין רוסלאַנד, וואָלט זיא געווען בערייט זיך צו לאָזען קאָסטען שטיקער טויזענדער פאַר דער עהרע אין זיין הויז אריינצוקומען. און דיעזער פירסט קראָפּאָטקין האָט געהייראַטעט אַן אָרימע אידישע טאָכטער.

ווי אַזוי קומט עס?

דער אַנטוואָרט איז, אַז די נשמה יתירה וויים היינטיגע ציימען ניט פון איר אין גוי. דאָרטען וואו עס געוועלטיגט די אמת'ע אריסטאָקראַטיע, די אריסטאָקראַטיע פון גייסט, דאָרטען זיינען אַלע אמת'ע מענשען — אריסטאָקראַטען.

ווען אַן אמת'ער מענש איז געבאָרען אין אַ פּאַלאַץ, גערט ער אויסער פון פּאַלאַץ צו די קינדער פון אָרימע טענעמענט הייזער און קעמפּפט מיט זיי צוזאַמען אָבצושאַפען די בלוטיגע קולה פון דער וועלט.

די נשמה יתירה איז די איינציגע מאַכט, וואָס קען איבער דעם אָבגרונד צווישען די צוויי וועלטען אויף דער וועלט.

דער פּאַראָאָן, וואָס טהיילט אָפּ די רייכער פון זייערע קרבנות, איז אַ הייבער. אָבער די נשמה יתירה פליהט איהם איבער.

## IX

איך נערענק דיא צייט, מיט אכצעהן יאהר צוריק, *) ווען דיא רוסישע קאלאניע האט דא בעגעגענט דעם ערשטען ניי־יאהר. דיא געזיינדעלע איז דאן געוועזן א קליינע, און אלע זיינען געוועזן אין איינעם. מיר זיינען אלע דאן געוועזן קבצנים, און דער הער־שענדער גייסט איז געוועזן דער גייסט פון דיא ענטהוזיאסטען וואס זיינען אין אמעריקא געקומען מיט טרוימען וועגען קאמונעס, וועגען אויסלייזען דעם אידישען פאלק, וועגען א סאציאלע רעוואלוציאן. אויב עס זיינען געוועזן וואכעדיגע נשמות, זיינען זיי בטל בששים געווארען.

אײן וועלט איז ביי אונז דאן געוועזן, און מיר פלעגען האבען איין ניי־יאהר באלל.

עס זיינען אוועק יאהרען. איינינע זיינען רייך און פער־ווילדעט געווארען; אנדערע זיינען רייכער ניט געווארען, אבער ווילדער יא.

היינט האבען מיר שוין צוויי ניי־יאהרס־בעלער: איינער איז אויפ'ן אלטען שטייגער, מיט סאציאליסטישע רעדעס, מיט עראי־נערונגען אן דיא אמאליגע חלומות, מיט בעגייסטערונג פאר דער מענשהייט'ס ליכטיגער צוקונפט. אויף דיזען באלל טראגט מען זונטאגדיגע רעקלעך און אז מען טרינקט, טרינקט מען ביער. אויף דעם צווייטען באלל געהט מען אין פול־דרעס סוטס, מען טרינקט שאמפאניער, און טרוימען מיט אידעאלען האט מען אין דער ערד. בונימאוויץ, ראטלין און ריווקין געהען אויפ'ן צווייטען באלל.

---

*) ווען דיזער ביכעל ווערט ארויסגעגעבען, אין 1913, איז שוין דאס „מיט 31 יאהר צוריק".

ער איז דא ניט רייך געווארען; זיין שוואגער מיט זיין קאמ־פאניע זיינען אייך אריטע לייט. ארבייטער, פעדלער, אגענטען. אבער מיט וייער גייסטיגען לעבען זיינען זיי דיא רייכסטע, און כאטשע האט זיך אין דיזען לעבען דא אויסגעהאדעוועט.

צוערשט האב איך געצווייפעלט, אז דיא ענדערונג וועט האבען א ממשות. איך האב זיך געקלערט, אז דער אלטער ווארים קען צו יעדער מינוט ארויסשפרינגען. אבער ווען איך האב זיך צו כאטשע'ן גוט צוגעקוקט, האב איך ווירקליך געזעהן א נייעם מענשען. — מיט א מיתת בענייכסטערונג האט ער זיין נייעם לעבען געפיהרט. — אזוי וויא ער וואלט וועלען אבצאהלען פאר דיא אמאליגע יאהרען פון זעלבסטערניעדריגונג.

ער איז מיר געוועזען אהן א ברעג אינטערעסאנט. איך האב יענע שמארס נאך א מאל בעזוכט, און שפעטער א דריטען מאל. איך פלעג פערגלייכען אין מיין געדאנק דיא צווי כאטשעס — דעם היימישען און דעם איצטיגען — מיט דיא צווי שניאור זאלמאנינקעס. ער איז מיר טהייער געווארען. כאטשע. און שניאור? איך פלעג מיינען, אז איך האב איהם דא. ניין, איך האב איהם ניט; מיין הארץ בלוטעט מיט רחמנות אויף איהם...

ביסעל יאָהרען, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין א געזעלשאַפט, אין ניט קיין גרויסע שטאָדט אין פּענסילווייניע. צווישען דיא, וואָס איך האָב דאָרטען געטראָפען, איז געווען — מאָטקע!

אָבער גלייך האָב איך בעמערקט, אז עס איז גאָר ניט יענער מאָטקע! גאָר אנאנדער טאָן, גאָר אַן אנדער האַלטען זיך. ער האָט מיר בעגריסט זעהר ווארים אהן מיט א זעלבסט־ווירדע, וועלכע האָט זיך גאָר ניט געפּאַסט צו מיין אַלטען בעגריעף וועגען איהם. מיט א זאָנדערבארען שמייכעל האָט ער מיר בעגריסט. אָהן ווער־טער האָט ער זיך ביי מיר געבעטען, אז איך זאָל פערגעסען אָן „מאָטקע דעם משוגענעם“, ניט דערצעהלען וועגען זיינע היימישע שטיק.

ער האָט דאָרטען געהאַט א שוועסטער, און זיא איז געווען פערהייראַטה פאר א העכסט סימפּאַטישען מענשען. אמת שעהנע מענשען זיינען אין איהר שטוב אריינגעגאַנגען. א שעהנער גייסט האָט אין זייער וועלטעלע געהערשט.

א „גרינער“ האָט דיא ערשטע צייט ניט זיין אייגענעם „איך“. ער איז נידערגעשלאָגען, צושראָקען, שעהמעוודיג. ער איז ניט ער. אָט אין דיעזע גרינע עטליכע וואָכען, וואָס מאָטקע האָט נאָך קיין מוטה ניט געהאַט זיינע שטיק צו מאַכען, און מען האָט איהם בעהאַנדעלט ניט וויא א וואָרים נאָר וויא א מענשען, האָט דער ארומיגער מענשליכער גייסט איהם דעם ערשטען טאָן אין זיין אמעריקאַנער לעבען געגעבען. ער האָט פּראָסט ניט גע־סמייעט דאָ מאָטקע דער משוגענער צו זיין. איך האָב א מאָל געמיינט, אז ער איז געבאָרען געוואָרען אַ מיאוס'ע נידעריגע בריאה איך האָב א טעות געהאַט.

אין דער היים האָבען איהם דיא קירזשנער בעהאַנדעלט וויא א פּאַסקודנע בעשעפּעניש, האָט ער זיך צוגעוואוינט זיך אליין אזוי צו בעהאַנדלען. דאָ האָט מען איהם פון דער ערשטער מינוט אָן געגעבען צו פיהלען, אז מען האָט רעספּעקט צו איהם, האָט ער ביס־לעכוויין אליין צו זיך רעספּעקט בעקומען.

אפשר האט ער א מצות. ער פרובט ווייטער זיך טשעפען צו איהם, אבער מאטקע ברינגט זיך איין און מיט זיינע שטומע ווילדע קולות וויל ער כלומרשט ארויסדרייסען א שטיין פון ברוק אום דעם פויער אין קאפ צו געבען. איינער פון די קירושנער ראטעוועט דעם פויער זיך מיט איהם ניט אנצוהייבען, ווארים שטומע זיינען געפעהרליכע מענשען. דער פויער דערשראקט זיך און נעהמט נעבעך אוועק מיט ליידיגען.

פאר די אנדערע קירושנער פלעגט ער אפט נאכמאכען די פערשידענע משוגעים פון אונזער דולהויז, אדער די שטילע וואהנזיניגע, וואס פלעגען ארומגעהן איבער'ן שטאדט. אז מען פלעגט לאכען פון זיינע אוואיעס, פלעגט איהם געוואונדער צוקומען. אלע מאל פלעגט ער אויסטראכטען עפעס א נייע משונה'דיגע שטיק: בילען וויא א הונט, „כראקעטשען" וויא א חזיר, איבערקריכען פערשידענע אונאנשטענדיגע זאכען. מען האט אויף איהם געקוקט וויא אויף אן עקעלהאפטע בריאה, און ער האט דאס ליעב געהאט; מען האט איהם געהאלטען פאר דעם נידעריגסטען פון די נידער־ריגסטע, און ביי איהם איז דאס געווען א מחיה. איך האב אמאל געזעהן וויא אן אנדער קירושנער האט פון אן עפעל אבגעביסען א האלבען און דעם אנדערן האלבען האט ער א ווארף געטהאן אין אן עקעלהאפטע לוזשע, אז מאטקע זאל דאס אויפהייבען.

— ער וועט דאס ניט אויפהייבען! — האבען די אנדערע קירושנער זיך געוועטעט מיט איהם און צוגעגעבען השק מיט דעם.

מאטקע האט געשמייכעלט מיט אן אונבעשטימטען שמייכעל.

— ער איז א כרוס, ער האט קיין כוונה ניט צו עסען אזא שמוציגע עפעל. — האבען די קירושנער איהם צוגעטריעבען.

דער סוף איז געווען, אז מאטקע האט דאס ארויסגענומען פון דער לוזשע און אויפגעגעסען. מען האט זיך געקייכט לאכענדיג, און ער האט זיך געפיהלט וויא „דער העלד פון טאג".

איין מאל, ווען איך בין אין אמעריקא שוין אבגעוועזען א היבשע

## VIII

אָבער אויב שניאור איז אין אמעריקאַ פערגרעבט געוואָרען, זיינען פאראַן אנדערע, וואָס ווערען דאָ פעראיידעלט. עס ווענדט זיך אין וואָסערע אומשטענדען מען פאַלט אריין. מאָטקע דער קירזשנער איז אין דער היים געווען פונקט דער היפּוך פון שניאור'ען. אויף דעם נידעריגסטען שטאפּעל האָט ער זיך געפונען. מאָטקע דער קירזשנער איז געווען זיין יום־טובדיגער נאָמען. געוועהנליך איז ער בעקאַנט געווען אַלס „מאָטקע דער משוגענער". ער איז אָבער אין אמת'ען משוגע ניט געווען. ער האָט פּראָסט ליעב געהאַט צו פערפיהרען אַלערליי ווילדע שטיק, זיך צו מאַכען משוגע. עס זיינען פאַראַן מענשען, וואָס האָבען הנאה ווען מען שפּייט אויף זיי, אבי זיי ציהען מיט דעם אויפמערקזאַמקייט. אָט פון דיא דאָזיגע איז מאָטקע געווען. א קורצע צייט פאַר זיין אָוועקפאָהרען נאָך אַמעריקאַ איז ער געווען א פאַקטאָר אין א האָטעל; געבראַכט מיידלעך פאַר דיא געסט. ווי עס האָט אויסגעזעהן, איז ער צו דעם געבאָרען געוואָרען — א פאַקטאָרשע נשמה, א לאַקיי, א טעלער־לעקער פון קאָפּ ביז דיא פיס! צו קושען דיא פיאַטע וואָס טרעט אויף איהם איז ביי איהם געווען דער געשמאַקסטער מאכל. צו מאַכען פון זיך אַליין א בארג אש — זיין גרעסטער „ספּאָרט".

איך געדענק א סצענע וואָס איך האָב א מאָל געזעהן. ער האָט א פויער פערקויפט א היטעל און איהם בעשווינדעלט אין דיא „רעשטע". אין א פערטעל שעה ארום קומט דער פויער צולויפען מיט גוואַלדען. מאָטקע מאַכט זיך פאַר א שטומען. ער שרייט מיט שטומע קולות, אַז עס נעהמט אָן אַן אימה און אַן עקעל. דיא אַנדערע קירזשנער שמייכלען. דער פויער שטעהט וויא א צוטומעלטער. ער הויבט אָן צו צווייפלען אויב דאָס איז דער זעלבער.

דער פלינגענדער צוקאָפּליכט; דער געוויין פון דיא יתומים מיט דעם געהודער פון דער לויה — דאָס האָט איהם דערמאָנט אָן די אַמאָליגע יאָהרען, אָן זיין אַמאָליגע היים. ער האָט זיך ערינערט אָן דעם געוועזענעם שניאור זאַרעבּניק, אָן דעם שעהנערען, בעסערען.

געהענדיג מיט מיר הינטער'ן קאַסטען, און ריידענדיג שטילינ־קערהייד, האָט ער זיך צורעדט.

— איהר מיינט איך פערשטעה ניט? — האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַן אומעדיגען טאָן. — איך ווייס גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ מיינונג איהר האָט וועגען מיר, און איהר האָט רעכט אויך! ווען איך וואָלט געקענט אוועקפאָהרען אַהיים און צוריק ווערען דער אַמאָליגער שניאור זאַרעבּניק וואָלט אודאי געווען גוט. אָבער עס איז שוין פערפאַלען... מסתמא ווייס דאָך גאָט וואָס ער טהוט...

א שווערער זיפץ האָט זיינע ווערטער איבערגעבראָכען. אין דיעזער מינוט האָט אַ ריינער פּערעל אויף זיין האַרצען געלויכטען. נאָך זיין פערגאַנגענהייט האָט ער געבענקט. זיין שמוציגע געגענ־וואַרט איז איהם איצט עקעלהאַפט געווען.

עס האָט מיר טיעף גערירט. איך האָב אויף איהם רחמנות געהאַט. ער איז מיר ליעבליך געוואָרען.

עטליכע שטונדען שפּעטער איז ער ווידער געווען א קאָמפּאַני־מאַן. דער ריינער פּערעל איז פערלאָשען געווען. דער קלונג פון דיא לויה־פּייפּעס איז פערגעסען געוואָרען. ס'איז ניט געבליבען קיין בּליצער פון דעם אַמאָליגען שניאור'ן...

פלעגט ער אָפּט אַ ברוּם טהאָן, פּונקט אויף דעם זעלבען שטייגער וויא דער אָלדערמאַן פון זיין דיסטריקט פלעגט טהאָן.

טאָמער פלעגט אַ מאָל איהם אַריינפאַלען אין זינען צו בע־טראַכטען דיא קאָמפּאַניע זיינע, פלעגען איהם דערביי זיינע גע־פיהלען אַליין ענטפערען: „נו איז וואָס איז דאָרטען? זיי זיינען דאָך אַלע דאָקטוירים, לאָיערס, גרויסע לייט, די פּני, ניט אַבי ווער“.

דיא מאָראַל איז פערהעלטניסמעסיג. אפילו אנשטענדיגע מענשען האָבען אויף פערשיעדענע מאָראַלען אין פערשיעדענע דורות. אָבער אין דעם זעלבען דור איז זיא אויך ניט ביי אַלע קלאַסען דיא זעלבע. למשל: גנבים און פּראָסטיטוטקעס האָבען צווישען זיך זייער מאָראַל. דיא צאָהל פון גאַסען־מיידלעך און זייערע בחורים אין אידישען קוואַרטאַל איז אַזוי גרויס, אַז דאָס איז אַ גאַנץ גרויסע וועלט פאַר זיך. דיא בעשעפּעניסען וואָס לעבען אין דיעזער וועלט זיינען אַרומגעריננעלט מיט אַזוי פיעל פון זייער אייגענעם קלאַס, אַז זיי זיינען איינפאַך ערוויטערט פון אנשטענדיגע מיינונגען און אנשטענדיגע געפיהלען. זיי האָבען זיך זייער אייגענע פּראָסטיטוציאָנס־מאָראַל, און וועגען אונזער מאָראַל קלערען זיי וויא פון אַ ווייטע, ווייטע זאַך. זיי האָבען זיך זייער אייגענעם לעבען, זייערע אייגענע שאַנדע און כבוד. אָט אויף דיעזען אַרט לעבען זיך אויך דיא „אַמעריקאַניזירטע“ זאַדאָבניקעס.

צו וואָס ער ריהרט זיך צו, ווערט פון דעם גאָלד — דיא מזל ברכה איז אין יעדער זאַך. אָבער וואָס פאַר אַ נפקה מינא איז צווישען זיין אַמעריקאַנער מזל און זיין אַמאָליגען!

איך האָב איהם אַמאָל בעגעגענט ביי דער לויה פון אונזערען אַ לאַנדסמאַן.

עס זיינען געוועזן אַנדערע לאַנדסלייט אויך. דער טרויעריגער מאָמענט האָט שניאור'ן פון דעם הור־הא פון זיינע אַמעריקאַנישע גליקען אויפגעוועקט. דיא פּנים'ער פון דיא מענשען, וועלכע פלעגען פאַר איהם בושה האָבען אין דער היים, און דיא מוזיק פון

באַטס, געהאַט פריין אין שיינע צוליעב איהר. דער שוואַבינקער, האַלבמיטשער גייסט האָט מיט דיא לעצטע כחות געשעפּטשעט: „פּאַטם עס, שניאור!" שניאור האָט געענטפערט: „זיי טרויען דען איהר פּאַפּא? אַך, דאָ איז ניט רוסלאַנד; אין אַמעריקא מאַר מען ניט זיין שמאָלץ. דאָ איז ניטאַ קיין שניאור זאַראַבניק, דאָ זיינען אַלע גלייך".

אין דיא אַמעריקאַנער גלייכהייט איז ביי איהם בעשטאַנען אין דעם, וואָס אַן אַנשטענדיגער מענש און אַ באַם זיינען גלייך...

ער איז געוואָרען אַ משכיר אין לאָדזשען; געשאַכערט אין געמאַכלערט אין עלעקשאַן פאַר טאַמעני; גענומען טראָן טובות אין עמעצענס כמריט קאָורט; זיינע געסט אין שטוב זיינען געווען פּאָלי־טישענס, דאָקטוירים פון מ־איס'ע הייזער; אין כאָלון איז געווען פּיל; באַלד האָט זיך אונטערגעריהט אַ פּראָפּערטע; דיא פּראָפּערטע איז געווען בעזעצט מיט אונאַנשטענדיגע פרויען; נאָך אַ הייזקע, פאַרקויפט דיא און געקויפט צוויי אַנדערע — ביז שניאור זאַראַבניק איז געוואָרען איינער פון דיא בעריהמטע „ביילערס" פאַר דיא גאַסען־פרויען און וויעדע בחורים.

צו דיעזער צייט איז ער שוין גאַנץ נישקשה'דיג פערגרעבט געוואָרען — אין פּנים אַזוי גוט ווי אין כאַראַקטער.

נאָך פאַר'ן אוועקפאָהרען פון דער היים האָט ער גענומען זיך יונג מאַכען, פּוצען זיך וויא אַ יונגער מאַנטשיק צוליעב זיין יונגע ווייבעל. איצט האָט ער געטראָגען דימענטענע רינגען, געקרויזט רויט „וויא אַנטאַטהע דער נולן", דיא בערדעל האָט ער גענומען אַרונטערשערען כמעט ביז'ן סאַמע מאָרדע. אויף זיין פּנים איז איצט געלעגען דער זיגעל פון ביער און לימפינע קאָמפּאַניע. עפּעס אַ פאַרבלאָזער מין פּנים: פליישיג, רויט אין עפּעס זאַמדיג. אין דער היים האָט ער אויך געטראָגען אַ הויכען קאַפּעליוש. אָבער זיין אַמעריקאַנער כמאָוירביים איז ביי איהם פערוקט אַן אַ וויט, דיא דער האָט רוב אין די קעסטענעס; אפילו אַ שבוי מהאַן האָט ער זיך איבערלעגט איפ'ן טעמעני שטיינער. „וואָס ע' הגלל!"

קיין זאך ניט; אז מען זעהט ניט א גאס עטליכע מאנאט, דערקענט מען איהר ניט; רק מען ווארפט און מען רייסט און מען קלעפט אלץ ווי מיט ניכטערע שפייעכץ. קיין זאך איז ניט היילינג. א מישעניגע, א טיפעלשער קאך און ווייטער גאר ניט. דיא קינדער האבען ניט צו וואס צוגעבונדען צו ווערען, נאך וואס דאס הארץ זאל בייגקען...

האט שניאור'ס הארץ געבייגקט נאך זיין אמאליגע היים... טרעהרען פלעגען איהם אנקוועלען אין דיא אויגען...

נויט ברעכט אייזען, זאגט מען. זאדאבניק האט זיך אויסגע־לערענט צו זיין „פראקטיש". ער האט אויסגעשטודירט דיא פילא־זאפיע פון „מיינד יור און ביזנעס"; ער האט איינגעזעהן, אז רוס־לאנד איז „א גרינע"; ער האט אויפגעהערט צו בייגקען, — ער האט זיך אויסגעגרינט. און אזוי וויא א שטיין קייקעלט זיך אראפ־בארג וואס ווייטער אלץ האסטיגער, אזוי האט שניאור זאדאב־ניק זיך אוועקגעלאזען אראפצו־צו, וואס ווייטער אלץ שנעלער ארונטער אין זומפ אריין.

א לאנדסמאן, צום ביישפיעל, מאנט ביי איהם אן אלטען חוב. ער פערלייקענט, לאכט זיך אויס. דער אמאליגער גייסט פרופט נאך מיט א שוואכינקע שטימעלע זאגען: „ס'פאסט ניט, שניאור!" אבער שניאור שטויסט דעם גייסט אב פון זיך און זאגט: „אה, דא איז ניט רוסלאנד!"

און אזוי איז דאס געגאנגען — ארונטער, ארונטער. פון דיא דריי־גודס סטארקע איז געווארען עפעס א האלסייל־גראסערי; פון דער האלסייל גראסערי — א סאלון. שניאור איז בעקאנט גע־ווארען, בעפריינדעט געווארען מיט אידישע באמס. צו א סאלון מוז מען זיין „אלל רייט" מיט פאליטישענס! — איז ער געווארען א גוטער ברודער מיט פאליטישענס.

וויא דער לעזער ווייס שוין, איז זיין צווייטע פרוי א שעהנע ווייבעל. נו, האט ער גענומען שפירען, אז דיא פאליטישענס, דיא

דער חיים איז דעם סיון שכל ניט. ער האט זיך געוואונדערט, און אין אויער האט איהם געהוישעט אלץ העכער און העכער: „דא איז ניט הוצלאנה. מען דארף זיין פראקטיש". און דער חיים פלעגט דער איינלעלער נייסט צו איהם זאגען: „עס פאסט ניט". דא איז ניט געווען וועד עס זאל האט זאגען; דא האבען אלע און אלעס געשריגענס היא א בצהר: „קיין זאך איז קיין בושה ניט. מען דארף קיין גרינער ניט זיין".

און אנדער בעקאנטער ווינער האט געוואוינט „געקכט דער" פון א פאר שטראסען־ווייטער. זיין שניאור האט געפרעגט פאר יחס ער מיינט ניט איהם האט יענער געענטפערט: „איך האב אמאל אויך געהערט ווייא איהר. אבער וואס ווייס איך, אז אין צו אנדער היינט וועט זיין בעסער? און וואס אארט מיר וואס געקכט דאָרט פרוס זיך? אין אמעריקא איז דא א כלל: „מיינד יור אָון ביזנעס" (גיב אכטונג נאר אויף דיינע אייגענע עסקים).

צו שניאור פלעגט זיך גוט ארויסזעהן וואס דא טהוט זיך, פלעגט ער זיך פלעהרען: „וויא קום איך אהער? א שווארץ יאהר אויף אמעריקא מיט איהרע מאשינאציע וועגען, מיט איהרע אלפאגעבעס! וויא קומט עס צו מיר?" און זיין עלענד פלעגען דיא פערציג־יעהריגע הייזער מיט דיא באהנען, מיט דיא אלע טונעלען, מיט דעם גאנצען תוהו, מיט דיא מאשינען. איהם איבערזעהן עפעס אזוי וויא געטראכט בלויזן, געפאלשטעלטע. א דריי־פערטעלגע הויז א היימישע האט געהאט מעהר כבוד און מעהר ממשות וויא דיעזע אלע טורעמס וואס מען ווייט איבער נאכט. צו די היימישע הייזער האט מען צייט צוגעוואוינט צו ווערען; מען ליעבט איהר, מען האט צו איהר צוטרוי. און דא — עפעס אזוי וויא מיט גיכטע... אלע געווען צוזאמענגעקלעפט! איינער מען ווערט צוגעוואוינט. שוין ארומגעוואנדערט און א נייע מאַ־כעריי וואקסט אויף. און דער חיים האט יעדער ליעב דעם פלאץ, וואו ער איז איינגעהאלטען געווארען, און דא! — דא האלט זיך

גראָבע יונגען, אנטלאָפענע גנבים האָט ער געזעהן ביי דער ספר תורה מיט'ן טייטעל. אין אייניגע שולען האָבען אלפאָנסעס פאר זייער אתנן זונה בעקומען דיא שעהנסטע עליות; לענדלאָרדס פון טענע־מענטס, וואָס זיינען פול מיט מיאוס'ע הייזלעך, האָבען געטהיילט פסוקים פון „אתה הראית". אמת'ע לומדים צאפלען זיך אין נויטה. גראָבע יונגען, טעלער־לעקער, זיינען פעטע רעוורענדס אין קאָפע־ליושען. שניאור האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווי א סטאָר־קיפער האָט געגעבען געלד פאר א באַנדע טרעמפּס, אז זיי זאָלען שרייען הוררא פאר איהם, ווען ער וועט ארויסגעהן פון שוהל, און ווען ער האָט געפרעגט, וויא יענער שעהמט זיך דאָס ניט צו טהאָן, האָט דער סטאָר־קיפער געענטפערט: „וואָס ארט דיך, מען לעגט דערצו ניט צו. עס איז אַן אדווערטייזמענט. דאָ איז ניט רוסלאנד."

שניאור האָט געקוקט און זיך געוואונדערט. אויפ'ן הארצען איז געווען ביטער. אין דיא אויערן האָט איהם געהוזשעט: „וואָס ארט דיך; דאָ איז ניט רוסלאנד", און דיא נשמה האָט געביינקט און געביינקט.

ער האָט געזעהן וואָס פאר א בריות אמעריקאנער זיינען. איידער אין רוסלאנד גיט מען זיך א קעהר, וואַקסט דאָ אויף דער גרעסטער געשעפט, 40־שטאָקיגע הייזער, טויזענדער מייל באהנען. איז דאָך טאַקע א סימן, אז רוסלאנד איז אין גאַנצען א „גרינע". ער פלעגט זיך אָפּשטעלען קוקען וויא א פּאָר אינגלעך שלעפען דאָ אריבער מעהר משא אין פינף מינוטען וויא אין דער היים צעהן גרויסע מענשען אין א שעה. דאַכט זיך א פּראָסטער שכל: מען גליטשט אראָפּ דעם קאסטען איבער א גלאַטע איינגעבויגענע ברעט, מען גיט איהם א שלעפּ מיט אזאַ קרוק, מען רוקט צו אזאַ מין טאַטשקעלע; די משא שלעפּט זיך אליין. אז מען דאַרף א וואָגען קוילען אויסלעדייען, גיט זיך דער וואָגען א קעהר אויף רעדלעך, א בויג — און די קוילען שיטען זיך גלייך אין קעלער אריין — גאָר פון זיך אליין. דאַכט זיך, אזוי איינפאַך, און דאָך האָט מען אין

לער, און דאָ, אין אידישען קוואַרטאַל, וויינען דאָס רוב דאָקטוירים וועלכע עס האָרצים מיט דיא לאַקייסקע שטיק פון אַ הייטישען ציוהלניק און מיט דער חוצפּה פון אַן אַמאָליגען רעקרוטען־כאַפּער. אין דער היים אַ דיפּלאָמירטער אַדוואָקאַט איז אַ יוריסט, אַ מאַן וואָס איז דורכגעגאַנגען גימנאַזיע און אוניווערזיטעט און איז בעלעזען אין ביכער. דאָ האָט וואַראַבניק געזעהן אַ גאַנצע באַנדע חברה מיט ריטענשטע פינגערלעך אויף דיא פינגער און מיט קיי־טאַבאַק אין מויל. דיעזע חברה געהאַלטינגס אין פּאָליס־קאָורטס, און דיא צוויי סיוויל קאָורטס פון קוואַרטאַל; זיי וויינען גאַנצע „שמעלקעס" מיט דיא דעטעקטיווס, און ווען עס מאַכט זיך אַן איידעלער רוסישער אַדוואָקאַט קומט אַריין אין דיעזע קאָורטס, איז ער אַזוי ווי אַן עלענדער און קען ניט צוקומען.

וואַראַבניק האָט געקוקט און זיך געוואונדערט וואָס פאַר אַ פערקעהרטע וועלט דאָ איז און זיין האַרץ האָט געקלעמט און געבענקט.

ער האָט געזעהן, אַז מענשען וואָס האַלטען קאַרטעזיועס און פּיאָניס'ע הייזער, וויינען דיא פּני פון קוואַרטאַל (און דער אידישער קוואַרטאַל איז ביי שניאור'ען געווען גאַנץ אַמעריקאַ. עס איז דאָך דיא גרעסטע אידישע שטאָדט אין דער וועלט יעדענפאַלס). ער האָט געזעהן, אַז „אַלפאָנסעס", יונגען, וואָס לעבען פון נאַכט־מיידלעך, זיינען גאָר „פּאָליטיקער"; אַז זיי זיינען דיא נאָהענטע פריינד פון אַ גרעסערען „פּאָליטיקער", וועלכער איז דער נאָהענטער פריינד פון נאָך אַ גרעסערען „פּאָליטיקער", וועלכער איז פיעל העכער וויא דער „גאָלאָווע" פון שטאָדט.

שניאור איז געשטומט געוואָרען. „גוואַלד וואָס בין איך דאָ אַריינגעפאַלען!" האָט ער מיט האַרצווערטאָג צו זיך געזאָגט. אַן עלענד איז אויף איהם אַרויף.

ער איז געגאַנגען אין שוהל זוכען טרייסט און פרומקייט. אָבער וויי געשריען! אפילו אין שוהל האָט ער געפונען אַ פערקעהרטע וועלט, אפילו דאָ האָט ער געקוקט וויא אַ צוטומעלטער.

פאר א סטארקע איז שווער צו זאגען. עפעס א ביסעל דריי־גודם, א ביסעל סטיישאנערי, א ביסעל זאגאר אידישע ביכלעך. אבער שניאור האט אנגעווענדעט אלע זיינע פעהיגקייטען, אלע זיינע חושים אויף צו מאכען א „סאקסעס". ער איז שוין ניט קיין „גרינער". „א, ווען איך וואלט דאן געהאט דעם שכל, וואס איך האב איצט!"... פלעגט ער זאגען, צושאקלענדיג מיט'ן קאפ אויף דיא ערשטע פאאר יאהר, וואס ער האט פערבראכט אין אמעריקא.

וואס זשע אזוינס האט ער זיך דא דערוואוסט אין די דריי יאהר? פאר וואס האט ער דאס בעצאהלט עטליכע טויזענד דאלאר שכר למוד?

די ערשטע צייט פלעגט שניאור זיך האלטען אין איין וואונדערען. צום ביישפיעל: אין דער היים אז ער פלעגט זעהן א מענש איז שעהן אנגעטהאן, געהט אפט אין טהעאטער, וואוינט אין רייכע צימערען, האלט דיענסטען, איז א מבין אויף א גלעזעל וויין, — איז דאס רוב געווען א סימן, אז ער איז אנטוועדער אן איידעלער מענש, א געבילדעטער, אדער וועניגסטענס אזעלכער וואס שניידט זיך אויף איידעלקייט. דא אבער האט ער אויף טריט און שריט געטראפען פראנטען וואס זיינען געווען אנגעטהאן און האבען געלעבט ווי אין דער היים אן אריסטאקראט, און וואס ריידען האבען זיי גערעדט דיא גרעבסטע און מיאוסטע רייד, געפיהרט זיך וויא אין רוסלאנד פערד־גנבים. זייערע חברים זיינען דיא וואס לעבען פון גאסען־פרויען און פיעל פון זיי האלטען מיאוס'ע הייזער אליין. אין דערהיים, אז מען מאכט וויבארעס, און מען קלייבט אוים א גלאסנעם (אלדערמאן), איז ער איינער פון דיא שעהנסטע בעלי־הבתים אין שטאדט, און דא זיינען די אלדערמען, דיא געזעץ־געבער — דיא ניעדריגסטע סאלון־קיפערם, שכורים, גראבע יונגען אין איידעלע קאפעלושען.

שניאור זאדאבניק האט געקוקט און געקוועטשט מיט דיא פלייצעס, און זיין הארץ האט געבענקט אהיים.

אין רוסלאנד א דאקטאר איז א געבילדעטער מענש, אן איידע־

איהר אייגענער שוועסטער. נאר זיא האט געזיפצט אויף וואראב־ניק'ס לאגע.

אזא אומר! אזא אוצר! זאל דער אייבערשטער זיך מרחם זיין!... אזוי פלעגט זיא טראכטען, דיא שוועסטער, און דיא יונגע כשרה וואראבניק האט געוואוסט, אז אין הארצען טהוט איהר וועה. פריהער האט זיא איהר ניט פערגינען, — נעבראָכען. גע־ חנפה'ס זיך און ניט פערגינגען; און איצט איז זיא אויס'ן זיעבעטען הימעל, וואס זיא וואלט אויך יחכן'עט, שניאור'ס ווייבעל.

זיא וואלט געפלויגען אויף יענער זייט וועלט. איהר שאנדע איז נאך געווען א שטרענגערע וויא איהר מאן'ס. זיא האט זיך געפיהלט וויא איינער וואס גיכט אָפּ א פערלער. האנדעלט ביי איהם א גאלדענעם רינג פאר עטליכע שילינג, און וואס עס צייגט זיך ערויס, אז דער רינג איז נאר א מעסינגער...

איהר כעס אויף איהר מאן איז געווען פונקט אזוי גרויס וויא איהר פערדרוס אויף דעם מעסינגענעם רינג. אפשר נאך גרעסער.

כאראקטער האט שניאור'ען ניט געפעהלט, און ווען ער האט זיך גענומען טרייבען אין וועג, האט זיא זיך אין הארצען געפרעהט.

זיי זיינען געקומען אין אמעריקא. וויא געווענליך, האט וואראבניק דיא ערשטע פאר יאהר פערבראכט אויף פערליערען דיא עטליכע הונדערט דאלאר, וואס ער האט מיטגעבראכט פון דער היים. רוחיל'ס נקמה איז דא ניט מוחל'דיג. עס האט אין זיך דעם ריח פון בושה — ניט פיעל, נאר עטוואס — אבער דיא אמעריקא־נער געזעלשאפטס־וועלט קען אפילו דעם קלענסטען ריח פון דיעזען ריח ניט פערטראגען.

אז שניאור האט אין אמעריקא שוין פערלאָרען דעם לעצטען רוסישען גראָשען מיט דעם לעצטען טראָפּען היימישע בושה און ער האט זיך אנגעליטען א יאהר צרות אלס א שטראף פאר וואס ער האט נאר אמאל געטרייעט צו זיין א שטיקעל מענש, האט ער געשווינדעלט. געליהען ביי לאנדסלייט, זיך געבראָכען און גע־שמאָכען, ביז עס האט זיך איינגעוואָרפען עפּעס א מארקע. וואס

אמעריקא אלס אין „ערי מקלט”, וואוהין מען אנטלויפט פון בושה; וואו אלץ מעג מען און אלץ פאסט — אבי מען „מאכט א לעבען”.

דערביי האט דער געפאלענער היימישער סוחר אין אמעריקא מיט זיינע עטליכע רובעל גרויסע געשעפטען צו מאכען. אז חיים־קע דער שניידער איז דארטען געווארען א רייכער קויפמאן; אז ברוך׳קע דעם בעל עגלה׳ס איידעם איז דארטען געווארען א גאנצער פאבריקאנט — היינט א פשיטא שוין ער, שניאור זאדאבניק! ער וועט דארטען וועלטען איבערקעהרען!...

די יונגע ווייבעל האט צוערשט ניט געוואלט הערען וועגען אמעריקא. אין אמעריקא פאהרען טאקע שניידערס מיט בעלי־עגלות, מיט אלע־ליי אנדערע ארימע לייט. היינט צו וואס האט זיא בעדארפט חתונה האבען מיט א שניאור זאדאבניק? זיא האט דאך געקענט נעהמען א יונגען קבצן און מיט איהם פאהרען אין דיא ווייטע לאנד, און דארטען רייך ווערען;... זיא האט דיעזע רייד ניט ארויסגערעדט, אבער דער אומעט פון איהרע אויגען האט דאס מיט ווערטער וויא שווערדען אין שניאור׳ס הארצען אריינ־געשטאכען. איהר שוויגען האט איהם פיעל מעהר געקריינקט וויא ווען זיא וואלט גערעדט.

ער האט געמיינט, אז ער וועט פון זינען אראפ.

ער האט איהר אבער ניט גוט פערשטאנען. זיא האט זיך אליין ניט גוט פערשטאנען. א ווייבערשער פלאנטער איז ביי איהר אין הארצען געוועזן.

איהר האט זיך נאך מעהר געוואלט אוועקפאהרען פון דער היים וויא איהם. דיא אויגען פון דיא ווייבער — בעקאנטע און אונבעקאנטע — האבען איהר געצאפט דיא בלוט אזוי וויא איהרע אויגען שניאור׳ען. עס האט זיך איהר געדוכט, אז מען רייצט זיך מיט איהר, אז מען לאכט פון איהר מיט איהר רייכען שידוך. פריהער האבען איהר אלע מיידלעך מקנא געווען, און איצט האבען זיי זיך געפרעהט וואס עס געהט איהר מאן מיט דיא פוטער אראפ. מעהר פון אלץ האבען איהר געערגערט דיא רחמנות־ווערטער פון

ווי א איטער איצט געגלויבט צו לעבען. אבער דיא רעדעל האט זיך אלץ געדרעהט צוריק.

זיין שעהנע, יונגע ווייבעל האט געשיקט מיט א וואנדערבארען אינסטינקט אין דיא אויגען — אזוי ווי זיא וואלט זיך דא אבגענארט. דער דאזיגער אומשטאנד האט שניאור'ן געפייניגט אין הארצען וויא מיט מעסערס. עס האט געדויערט אזוי וויא אן איבעריגע מתנה צו איהם, און דיא מתנה האט געווירקט וויא א שטענדיגע ערינערונג, אז ער איז איצט שניאור, אראפ פון מארק! עס איז געווען שרעקליך. דער מוח האט זיך איהם געריבען.

א נייער געדאנק האט זיך ביי איהם אנגעפאנגען צו פלאנ־טערען: פאהרען קיין אמעריקא; — צונויפנעהמען וואס גיכער זיינע עטליכע טויזענדער, איידער זיי זיינען אין גאנצען צושפאלטען געווארען און זיך אוועקלאזען מיט ווייב און קינדער קיין ניו יארק.

א געוויסער קלאס אידען פאהרט פון רוסלאנד נאך אמעריקא אויף דעם זעלבען שטייגער וויא אמעריקאנער בעזעצען זיך אין אייראפא. ווען אן אמעריקאנער האט „בלויז" פינף און צוואנציג טויזענד דאלאר א יאהר איינקונפט און ער בעלאנגט צו דעם היגען אריסטאקראטישען קלאס, מאכט ער זיך א היים אין דרעזדען אדער מינכען, אין רוים אדער אין פלארענציע. דארטען קען מען איהם ניט, פאסט איהם צו לעבען א ביסעלע איינפאכער. אנב איז דאר־טען אלץ בילינגער. אין דרעזדען, מינכען און אין עטליכע איטא־ליענישע שטעדט זיינען דא גאנצע קאלאניעס פון אמעריקאנער גבירים אזעלכע.

מיט געפאלענע רוסיש־אידישע גבירים איז אזוי דיא מעשה: אין דער היים זיך נעהמען פאר אבי־וואס פאסט ניט. אין אמעריקא אבער, ווייט פון דער היים, איז קיין חרפה ניטא. דא זיינען אפילו דא א כך לאנדסלייט, אבער אין אמעריקא פאסט גלאט אלעס; דא איז איבערהויפט ניטא קיין בזיון. דאס ווייס מען גאנץ גוט אין רוסלאנד, און ניעדערגעשלאגענע רייכע סוחרים פאהרען איז

אַמעריקא! ער איז דאָ אויך רייך, דאָ געהט איהם אויך גוט, צו וואָס ער ריהרט זיך צו. ער שיינט דאָ אויך, — נאָך מעהר וויא אין רוסלאַנד אפשר. אָבער קוקט זיך צו: די הארץ וויינט, ווען מען בעטראַכט וואָס עס איז געוואָרען פון שניאור זאַדאָבניק.

שניאור׳ס ווייב איז געשטאָרבען. ער האָט גענומען אַ שעהנע יונגע מיידעל. ער איז פון דאָס ניי יונג געוואָרען. אָבער גלייך נאָך דעם האָט זיין רעדעל זיך גענומען דרעהען צוריק.

אז מען האָט גענומען טרייבען אידען פון מאָסקווע און פעטער־בורג, האָבען אין שניאור׳ס שטאָדט זיך אָנגעקליבען אַ היבשע ביסעל נייע סוחרים. זיי זיינען געווען דאָרטיגע געבאָרענע. זיי האָבען אָבער לאַנג געוואוינט אין פעטערבורג אָדער מאָסקווע. זיי האָבען געהאַט געלד און זיינען געווען געניט אין געשעפט. אַ קאָנ־קורענץ איז געוואָרען אַ פייערדיגע, און די אידישע צרות זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז די אידישע שטעדט זיינען געווען טויט אין געשעפט.

דיא רעדעל האָט זיך גענומען דרעהען צוריק.

פיעלע פון שניאור׳ס בעלי חובות האָבען באַנקראָטירט. ער האָט פערלאָרען העכער ווי אַ העלפט פון זיין אייגענס און דיא אַנדערע העלפט האָט גענומען צוגעהן. אין געוויסע אידישע שטעדט איז דאַן געוואָרען אַ מישעניגע. די אָנגעפאָהרענע מאָסק־ווער און פעטערבורגער גבירים האָבען פערפּלאָנטערט ניט נאָר דיא געשעפטס־וועלט, נאָר אויך דעם „שטאַט“, וויא מען רופט דאָס. דיא נייע סוחרים זיינען צוגעוואוינט געווען צו מאָסקווער פיהר־רונגען, צו ברייטע פּאַראָנדקעס; זיי האָבען גאָר מיט אַן אַנדער מאַניער צוגערופען אַן איזוואָשטשיק. גאָר אַנדערש געזידעלט אַ שניידער פאַר וואָס דער ראָק ליעגט ניט גוט. הקיצור, ביי דער אַלטער אריסטאָקראַטיע זיינען אַ ביסעל אָפּגעשלאָגען געוואָרען דיא פליעגלען.

צוליעב זיין יונגע שעהנע ווייבעל האָט זיך שניאור׳ן מעהר

כּלל ווייניגער און ענדיגען מיט אַן אמת'ע בּאַגייסטערונג. און די ערשטע מינוטען נאָך זייער אויפגעברען, זיך קלאָהרען מיט'ן גאַנצען האַרצען, או מען האָט די לומדים מעהר ניט צולאָזען צו זיך, או סוסקים, גמרא מיט די אַלע ויקבען וסבען זיינען נישט מעהר ווי דומיים אין תהוף, או מען דאַרף פערשפרייטען בּילדונג און ליבּע.

שונאים האָבּען געזאָגט, או ער איז אַ צביעה: אַ פרומאַק מיט פרומאַקעס, אַ משכּיל מיט משכּילים, אָן אפּיקורס מיט אפּיקורסים. ווי האָבּען איהם ניט פערשטאַנען.

ווי די מעשה איז, אַבּי בּיי זיך אין שטוב פיהלט ער אַן איידעלען גייבּט. אין דיעוער גייסט פּראַאיידעלט זיין מזל. דער גראָבּער גליק, וואָס שטעקט אין זיין געשעפט, איז געוועזען דער גוף פון זיין פערגעניגען, און דיעזע איידעלקייט איז געוועזען דיא נשמה פונ'ם פערגניגען. זיינע הענגונים האָט ער בּיי זיך אין דאַרצען צר מהיילט אויף צוויי מהייל, אויף קודש און חול, הייליגטהום און וואָכעדיגקייט. זיין געלד־פערגעניגען, די כּבוד, וואָס מען האָט איהם אָבגעגעבּען, די נקמה איבּער שונאים, דער טעם פון געבּראָטענע קאָפּשטעקעס מיט וויין, דער „מהיה” פון דעם וואָס אַלע פלעגען זיך פאַר איהם בּייגען אין דרייען — דאָס אַלץ איז געוועזען „חול”. די אמת'ע עניוות, וואָס אויף איהם פלעגט אָנקומען אויף אַ סעקונדע, די איידעלע געפיהלען, וואָס די פיינע קאָמפּאַניע פלעגען אין איהם ארייננבּרענגען, די זיסע, אונבּעשטימטע טרוימען ווענגען אַ רייגעם, פיינעם לעבּען — דאָס איז געוועזען דער קודש פון זיין מזל. וואָכעדיגע טעג האָבּען מיר זעקס; שבת איז בּלויז איין מאָל אַ וואָך. אַזוי איז מסתמא געוועזען מיט שניאור'ס גליק: עס איז מסתמא געוועזען זעקס מאָל (און אפשר זעקס הונדערט) ענגאָאיסטישע גליק געגען איין מאָל „הייליגע”. אָבּער אַ קליינינקע טהיילכעלע נשמה יתירה איז אויך ניט.

דאָס אַלץ ווייזט אויס וויא דער געוועהנליכער בּורזשואַזנער גליק. יאָ. אָבּער דער בּורזשואַזנער לעבּען איז אויך ניט אומעטום דער זעלבּער. וועהט וואָס פון שניאור'ס מזל איז געוואָרען אין

וועלכער האָט זיך געצאַפּעלט אין זיינע הענד, איז אויף איהם פּלוצלונג ארויף דער דאַזיגער איידעלער גייסט.

„פּע, עס פּאַסט ניט“, — האָט דער גייסט געזאָגט. און שניאור האָט זיין קרבן אָפּגעלאָזען, און איהם נאָך געהאָלפען אויך. און העלפענדיג איהם, איז שניאור'ס הארץ צוגעגאנגען פון ליעבע צו זיך און פון רעספּעקט צו אַלעס גוטעס און איידעלעס. טאַקי דערביי פלעגט ער זיך אליין חנף'ענען פּונקט ווי איהם פלעגען חנף'ענען אלע קבצנים. אָבער, ווי שוין געזאָגט, א נשמה יתירה איז ביי איהם פּאַרט געווען, און אז ער פלעגט טאָן עפּעס גוטעס, פלעגט זי איהם צו־ווארעמען די גלידער, אוועקטראָגען זיינע געדאנקען ווייט ערגעץ־וואו, אין איידעלערע מקומות. ער האָט געהאט געקענט זיך פאָרשטעלען פערשיעדענע זאכען, זיך פערטרוימען א מאָל...

אז ביי איהם אין שטוב פלעגען זיצען עטליכע לומדים און זיך מפלפל זיין, פלעגט שניאור פון אָנהויב צוהערען מיט א זאָנדערבאַרען שמייכעל. דער שמייכעל האָט געזאָגט צוויי זאכען מיט אמאָל. ער האָט געזאָגט: „רעדט דברי תורה, רעדט! איך בין א גביר און איהר זייט אביונים, דאָך פערשטיי איך פון אייערע שווארצע פינטעלעך אויך“. צו דער זעלבער צייט האָט דער שמייכעל אויך געזאָגט: „איהר זייט שלעפּער און איך בין שניאור זאדאבניק; אָבער מיין שטוב איז אָפען פאַר אלעמען“. אָבער ביסלעכווייז פלעגט ער זיך פעראינטערעסירען אין אמת'ן, פערגעסען זיך אָן זיין עשירות, איבערפרעגען א שטיקעל וואָס ער האָט ניט גוט פערשטאַנען און ווייטער הערען מיט'ן גאנצען הארצען, מיט שיינענדיגע אויגען, מיט א פארב אין די באקען, און מיט יענעם טרוים פון א העכערען זאַרט לעבען אין זיין נשמה.

בעת מעשה, אויף דער הייסער מינוט, פלעגט ער ווערען אמת פרום, און מאַכען א ברכה, אָרער בענשען נאָכ'ן עסען מיט עהרליכע התלהבות.

דאָס זעלבע איז אָבער געווען ווען עס פלעגען זיך צונויפקומען געשטודירטע, אפּיקורסים. ער פלעגט אָנהויבען מיט יענעם שמיי־

וואַלטן געבילדעטע יונגע לייט, געשמדירטע חברה, היינט־וועלטיגע, פֿלעגט דער בעל־הבית פֿון שטיב צווישען זיי אויך זיין וויא אַן איינענער.

קיין שלעכטע קאָפּ האָט ער ניט געהאַט. ער איז ניט געווען קיין למדן, ניט קיין אמת׳ער משכיל, און קיין געבילדעטער געווען ניט. קיין גראָבער יונג איז ער אָבער אויך ניט געווען. ער האָט זיך אָנגעהערט א סך. אַלץ האָט איהם אינטערעסירט — א ביסעל ווייל עס האָט זיך אַזוי געמאַכט צו זיין ראָלע, א ביסעלע אָבער טאַקע ווייל זיין קאָפּ האָט בעקומען און האָט הנאה געהאַט. הקצור, ער איז געווען א מחותן צווישען די לומדים. א גאַנצער מאַכער צווישען די משכילים. און א „מעצענאַט", א שטיצער פֿון בילדונג, צווישען די געשמדירטע. ער האָט געשאָנקען געלד צו העלפֿען די אָרימע אינגלאַך געהן אין גימנאַזיע, און דערנאָך אין אוניווערזי־טעט. ער פֿלעגט געבען א פֿיינע מתנה פֿאַר יעדען ספר וואָס א מחבר פֿלעגט איהם ברייגגען; ער האָט געשטיצט די ישיבה. אַזא צוזאַמענמישענס טרעפֿט ניט זעהר אָפֿט. אָבער שניאור זאַלמאַניק איז געווען שניאור זאַלמאַניק, און זיין הויז איז געווען צווישען די סתירות.

מענשען פֿלעגען איהם מקנא זיין הינטער די אויגען און חנפֿ׳־ענען אין די אויגען.

ער האָט געהאַט פֿאַרגעניגען, ווען ער פֿלעגט אין אמת׳ן בעגייס־טערט ווערען. ביי איהם אין שטיב פֿלעגען זיך צונויפֿקומען די בעסטע מענשען, פֿלעגט ער פֿיהלען, אז א מין עדעלער, פֿיינער גייסט שוועבט ביי איהם אין הויז. פֿון דעם איז איהם געווען גוט אויפ׳ן האַרצען. און דורך דעם וואָס ביי איהם איז אַזוי געווען אויפ׳ן האַרצען, איז ער טאַקי געווען א בעסערער מענש אויך.

אָפֿט פֿלעגט ער באַגיין די גראָבקייטען און ווילדקייטען פֿון די געשעפֿטסוועלט, אָבער א מאָל פֿלעגט איהם דער גוטער גייסט פֿון זיין שטיב אָפּהאַלטען. צום ביישפּיל: א מאָל, ווען ער האָט גע־האַלטען ביים אויסקוועטשען די נשמה ביי אן אָרימען סוחר׳ל,

זיי אזוי וויא דיא מן וואס דיא אידען האבען געגעסען אין דער מדבר. דיא מן האט געהאט אלערליי טעמים: עס איז געווען ברויט, פלייש, קוגעל — וואס מען האט נור געוואלט. דיא גאלד ביי דעם אמת'ען קארגען איז זיין טהעאטער, זיין מוזיק, זיין כבוד, זיין ליעבע — אלע פערגעניגען פון דער וועלט אינאיינעם. שניאור אבער איז ניט געווען אזוי, ער האט געזוכט תענוג אין אלץ. ער האט גוט געגעסען, צוגעוועהנט זיך צו א גוטע גלעזעל וויין ביים טיש, געהאט כבוד אויף שריט און טריט, געהערט דעם שטאדטחזן ביי זיך אין שטוב, ליעב געהאט זיינע קינדער און אויך דיא קבצנים, וואס האבען איהם ליעב געהאט, און פון אלץ געהאט הנאה. און אזוי וויא אין געשעפט אזוי דא אויך: ווען ער פלעגט אויסגעבען איין טויזענדער פלעגט דאס איהם איינברענגען דריי. ער האט געהאט אן אפענע האנד, און פלעגט שיטען הונדערטער אויף אלערליי צדקות, אבער פון יעדער הונדערטער וואס ער פלעגט געבען פלעגט ער זיך גלעטען איבער'ן הארצען און קוועלען פון זיך אויף טויזענד רובעל.

דיא געשטודירטע פון זיין שטאדט פלעגען אויף איהם זאגען אז ער איז אן עגאאיסט. ער האט אבער געהאט א הארץ, און אפילו זיין עגאאיסטישער פערגעניגען איז אויך געווען פערקנאטען מיט א ריינערען געפיהל. ער האט געקענט בעגייסטערט ווערען, שניאור; ער האט געהאט א נשמה יתירה.

טאקע ער פלעגט קוועלען פון זיך, טאקע ער פלעגט קוועלען פון זיין איינענע נשמה יתירה, אזוי וויא זיין ווייב פון דיא פעריל אויף איהר האלז. אבי ער האט געהאט א נשמה יתירה! ניט קיין גרויסע, ניט קיין געזונטע, א נוטלינקע, א נעבעכעל, — אבער פארט א נשמה יתירה'קע, אלץ בעסער וויא גאר ניט.

ביי איהם פלעגען זיך צוזאמענקומען דיא שעהנסטע לומדים פון שטאדט, און ביי איהם פלעגען זיך צוזאמענקומען משכילים. זיינע קינדער זיינען געגאנגען אין גימנאזיע, און אז עס פלעגט זיך מאכען ביי זיי עפעס אן אונטערהאלטונג און עס פלעגען זיך פער־

VII

„אַז מען ענדערט דעם אָרט ענדערט זיך דער מזל". זאָגען אידען; אָבער צו דען איז מעהר אמעריקא א פּאַרקעהרטע וועלט? וואָס איז דאָ געוואָרען מיט מיין לאַנדסמאַן שניאור זאַראָבי־ניק? — דיא דאָזיגע קשיא פרעג איך מיך ווען איך בין אינגער געווען. היינט פרעג איך שוין אַזעלכע קשיות ניט.

אין דערהיים איז ער געווען פון דיא איינגעקומענע נגידים. ער איז שוין אָבער געווען רייך א יאָהר צעהן, צוועלף. און פון דיא מעדרישע קריעג איז ער נאָך רייכער געוואָרען. געלד מאַכט געלד. „מזל האָט ערפאָלג", ווי דיא אמעריקאַנער זאָגען. — מזל מזל'ט זיך אָב, הייסט עס, פונקט ווי א קאַץ קעצילט זיך אָפּ. צו וואָס זאַראָבניק פלעגט זיך צורירען, פלעגט די מזל ברכה אין דעם אריין. מען דערצעהלט ווענען א מאַן, וואָס האָט געהאַט א „גאָלדען מאַסטס"; ווען ער פלעגט זיך אָן וואָס־עס־איז אָנרירען, פלעגט פון דעם ווערען גאָלד; אפילו ווען ער האָט זיין טאָכטער א גלעט געטאָן, איז זיא פאַרגליווערט געוואָרען, און פון איהר איז געבליבען א שטאַטוע, קאַלטער, גילדערנער גאָלד. אַזוי, א שטייגער ווי פון לוט'ס ווייב איז געוואָרען א שטיק זאַלץ. און אמת'ען איז דאָך מיט יעדען מיליאָנער אַזוי. צו וואָס ער רירט זיך צו, ווערט פון דעם מיליאָנערער. (און דאָס רוב ווערט אויך אַלץ פאַרגליווערט און פער'ציל'ט אינמיטען זיינע הענט).

שניאור איז אין כאַראַקטער געווען פון יענע מענשען וואָס ליעבען הנאה צו האָבען. קיין שלעכטער איז ער פון דער נאַטור נים געווען. ושאַלעווען. קרינען א שלעכטען נאָמען — דאָס ניט. דיא כאַרגע האָבען אָזא הנאה פון זייערע אוצרות, אַז דאָס איז ביי

יאַריד; ז י י ע ר ע קערידזשעס מאַכען ציטערען דעם איסט־
בראָדווייער ברוק; ז י י ע ר ע ווייבער׳ס בריליאַנטען פאַר־
בלענדען דיא אויגען, ז י י ע ר ע פּאָוקער־טשיפּס קלינגען אין
דיא פּאַרלאָרס.

געלט מיט שפיזען פון געוויכטנכביגע ווי אלטע ען געשמאכטען...

אין א ווינטער־טאג האט מען דעם פיינטער אינטער א בערגעלע קאלטע ערד איבערגעלאזען. טרערען האט זיך איט'ן בערגעלע נע־גאסען גענוג. און אפשר האט רייטשעל מיט מאזי'ן און — ווער וויים? פיליכט הערדי מיט דיא אנדערע אויך — אפשר האבען זיי געפיהלט, וואס פאר א גילדערנע נשמה מען האט דא אין דער פערפרארענער גרוב פערשאטען?... האט אבער איטיצער א ווארט געזאגט והנגען דעם טרויערינגען קינד פון אונזער מאלה?... עם איז ניט געווען ווער...

דער קבר איז געבליבען עליין; דער ווינד האט געוואיעט; דיא ערדיגע ווייסע מצבות ויינען שטיל געשטאנען. ניטא קיין געגאנגע קאלטער! אזוי וויא קיינמאל ניט געווען!...

דארטען אין ניו יארק איז קיין צווייטער ניט אוועק וויא אין שטיב האט ווייטער געקלונגען מיט מאיקערטשיקס. און די געגאַ־טען, וועו זיי האבען געהערט צו קאמלער איז געשטארבען, האבען זיי אפילו דאס ניט געטפלדעם אין זייערע צייטונגען. וואס איז דא וויכ צו מעלדען?... ניט קיין רעדנער, ניט קיין שרייבער, ניט קיין וויכטיגער... און דיא פיימס האבען גאר זיין נאמען פערטומעלט...

מאזי האט זיך איבערגעוויינט, און עס איז אידם אזוי וויא א בעלבען צראפ פון אויג. רייטשעל נעהמט זיך א קלייד אויף נייע־יאהר; עס וועט עפעס זיין אן איינגאהם; איהר בעסטע פריינדין, דאקטאר ריווקין'ס וויב, נעהמט זיך אויך א טהייערע קלייד. זיי זיינען טרייע, חיבה פריינדינען, און יעדע האט צו איהר קלייד וועט זיין אזוי פיעל רייכער און שענער, אז ביי איהר טהייערער פריינדין וועלען דיא אויגען ארויסקריכען קוקענדיג. נו, האט זיא ניט קיין צייט צו געדענקען דעם מאטען. הערדי, ראטלין, ריווקין מיט זיין גאנצען קרוישאק, — וויא קומען זיי צו טראכטען וועגען א טראגעטיוואטען אלטען פיינטער?... עס איז ז י י ע ר

און־צוואַנציג ראָלארדיגע העטס, וועלכע קליידען איהר שיינענדיגען פעטען פּנים, ליגען איהר געוויס מעהר אין זינען וויא דער טאַטע. זיא וועט לאַנג נאָך איהם ניט זיפצען...

ער איז אויסגעגאַנגען וויא אַ ליכט. בשעת ער איז געווען אַ האַלב־לעבעדיגע, האַלב־טויטע טראַגעדיע, אַז ווענט האָבען געדאַרפט גיסען טרערען, האָט קיינער איהם קיין בליק ניט געשאָנקען; ווען מען האָט איהם דערזעהן אַ געלען וויא וואַקס, אַ געשטאָרבענעם, ווען עס איז שוין ניט געווען וואָס צו וויינען, איז פּלוצלינג געוואָרען אַ געשריי, אַ יללה. אפילו הערשי האָט געוויינט. מאָזי האָט גע־קלאָגט מיט אמת׳ע טרערען, און רייטשעל האָט גע׳חלש׳ט עטליכע מאָל.

קיין צבוע׳צקער יאָמער איז דאָס ניט געווען. דאָס זיינען גע־ווען טרערען אויף אַ מענשליכע בעשעפענים, וואָס מען איז צוגע־וועהנט צו זעהן אומגעהענדיג, ריידענדיג, לעבענדיג.

דער מענש ציטערט פאַר׳ן טויט. ווען דער ערגסטער שונא שטאַרבט ווערט מען צושראָקען און אויפגעריהרט. דאָס דערשרעקט מען זיך פאַר׳ן בילד פון טויט. אחוץ דעם: נאָכ׳ן טויט איז דאָך שוין ניטאָ אויף וועמען אין כעס צו זיין, וועמען צו האַסען. דער לעבענס־קאַמפּף איז געענדיגט; דער געשטאָרבענער איז אונז מעהר קיין קאָנקורענט ניט, מעהר קיין לאַסט ניט. ער צורייצט אונז מעהר ניט. ער שטערט ניט, ער ערגערט ניט. מיר קענען שוין „אפּפאַרדען" אויף איהם רחמנות צו האָבען... דער אַלטער פיינטער איז מעהר קיינעם אין וועג ניט געווען, מעהר קיין „נוסענס" ניט געווען.

נאָך אַ זאַך: דיא לעצטע עטליכע יאָהר איז ער געווען אַ לעבע־דיגער געוויסען ביי זיין איידעם און ביי דיא אַנדערע געוועזענע סאָציאַליסטען פון הערשי׳ס קרוזשאָק. איצט איז דיעזער געוויסען געשטאָרבען; זיי זיינען בעפרייט געוואָרען...

יאָ, בעפרייט געוואָרען... בלויז אויף דער הייסער מינוט, ווען דער געשטאָרבענער איז נאָך ניט געווען בעגראָבען, האָט זיין טויטער

רעדט פון אײנציגע טרויםט. וואָס רײַבסט איהר זיך? או איהר ווילט דיא אנדערע כאַציאַליסטען, מע וואָס וואָלען שוין אוועלכע וויא ראַטלין רעדען?" דאָס אָבער האָט ער ניט געוואוסט וויא צו זאָגען; זיין תורה האָט איהם פערזוויסטעט דערענדיג וויא מען ווילט דיא, וואָס ער איז צונטוויקעלט געווען צו האַלטען פאַר עהרליכע בעגייסטערטע געדאַנקען; אלזא, האָט ער זיך גלאַט געבעטען מען זאָל זיך ניט קריגען. נ. פלעגט איהם יעדער צר האַלטען פאַר א „ניט־אויסגעטרעטען" און אלע אינאייגעם פלעגען פון איהם כאַכען חוזק.

אין ריזענבערג האָט איהם פערשטאַנען, און קאַפּלער האָט געפיהלט או ער פערשטעהט איהם. אָבער ווען זיי פלעגען זיך בעגעגענען, פלעגען זיי זיך אָבשטעלען אויף א ווײַלע, ניט וויסען וואָס צו זאָגען אײנער צו דעם אַנדערען, און זיך צוגעהן מיט א שמייכעל. עס איז שוין אזוי: די, ביי וועמען דיא הערצער זיינען פרעמד און ביטער, קענען לאַכען און באַלבען צוזאַמען שטונדענווייז, און די ביי וועמען דיא הערצער זיינען פול מיט סימפּאַטיע אײנער צום אַנדערען, ווייסען אָפט ניט ווי אַנצוהייבען צו רעדען; א מין שעמעדיגקייט שטערט זיי — עפּעס אזוי ווי צו האָבען וואַרעמע נשמות וואָלט געווען א שאַנדע היינטיגע צייטען.

כאַזי'ס ביססמטיק־פאַרמי האָט קאַפּלער לאַנג ניט איבערגעלעבט. אין דערהוים איז ער געווען גרוים אין די אויגען; פון „זיין גאַנצען לעבען", פון זיין טרוים, אויף וועלכען ער האָט זיך געבליטינט, האָט זיך איבערגעלאָזען אן אויבגעבלאָזענע אוי; ביי דיא געדאַנקען איז צרות און מען קרימט איהם איבער; ניטא קיין ברעקעל מנוחה; אין דערציו נאָך דיא קראַנקהייטען מיט דיא ווערטשאַפטען פון דער עלטער... אָפט פלעגט ער זיך ווינשען דעם טויט; אָבער ער האָט זיך דערביי ארומגעזעהן, אז קיינער וועט נאָך איהם ניט בענקען; אז הערדי וועט זיך פרעהען וואָס ער איז בטור געוואָרען פון א שמיה צרה, און רייטשעל, — אפילו זי וועט אויך גיך פערגעסען. איהרע רייכע מאַנטלען מיט פוטער און איהרע פינף־

דיא קאָמפּאַניע איז געזעסען און געשפּיעלט אַן אָפּעטיטנעם „פּאָוקער“, און אַלע זיינען אין כעס געוואָרען, וואָס די „אַלטע פּאַרלע“ שטערט דאָ דיא שפּיעל.

— ווהאט'ס־ע־מעדרער? — האָט הערריי אויסגעשריען אַ בייזער.

קאָטלער האָט ערקלערט; ער האָט נעבעך גאַנץ גוט געוואוסט אַז ער טרעפט דאָ ניט דעם אָרט, אָבער ער האָט ניט געקענט אַנ־דערש. ניט ווילענדיג האָט ער נעבעך געשריען און געשאָלטען טאמאני.

— אַך, לאָזט צו רוה מיט אייער טאמאני אויך! — האָט הערריי אויסגעשאָסען. — ס'געהערט! דער באָי האָט אַ טשאַנס, וויל ער דאָס ביי איהם אוועקנעהמען! און אַלץ צוליעב זיין גרינ־האָרנשע אידיאָטסטווע. פרעהט זיך אַז אייער זוהן איז ניט אַזאַ גולם וויא איהר זייט.

ראַטלין האָט געשמייכעלט מיט אַ ניפּטיגען שמייכעל. ריוווקין האָט געקוקט און געשוויגען וואַזשנע, אָבער ניט פערגעסען צוצו־דעקען זיינע קאָרטען, אַז ראַטלין זאָל זיי ניט קענען זעהן. רייטשעל איז געווען בלאַס ווי איהר פאָטער.

— אַן אַלטער גולם? אי ך בין אַן אַלטער גולם? אָל־רייט! אָל־רייט! — האָט דער אונגליקליכער געסטראַשעט. וואָס „אָל־רייט“ האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

ער איז אַרויסגעלאָפען, און ווען רייטשעל האָט זיך נאָך איהם נאָכגעיאָגט, האָט ער פון צרות נעבעך כל חמתו אויסגעלאָזען צו איהר און — איז אַנטלאָפען.

אַזעלכע סצענעס האָבען זיך געטראָפען אָפט. דער פּיינטער האָט געזוכט טרויסט ביי די סאָציאַליסטען, אָבער אומזיסט. יעדער פון די דריי צדדים האָט געפאָדערט ער זאָל זיין דוקא אויף זיין זייט, ער זאָל צובאַמקען, ווען מען פלעגט מאַכען וויא דיא בלאָטע דיא אַנדערע. ער האָט ניט פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך. זיין האַרץ האָט זיך געבעטען: „קינדערלעך, גענאָסעלעך! איהר זייט

פון געבראטענע פלייש. דער צימער איז פול מיט רויך פון ציגארעטן מיט לולקעס, מיט דיא פערגלעצטע פון דיא כמייקס, מיט דעם ריח פון ביער און וויין, און מיט דעם געשמאנג פון טיכלע ווייצן — דיא עקעלהאפטע ווייצן ווערן ניט געוואגט און נעווערגליכע גע־שפרעכען, נור אמיצינל, פון דער פלאטפארמע. עס וויינען אויך דא אנשטענדיגע ביזנעסטיקפרויען. אבער דאס וויינען און איבערנאהמט, און דיא ביזנעסטיקפרויע פון דעם טעמאני־ליטעדער איז קיין איינגאהמע ניט געווען.

קאמלער איז אריין, א בלאסער, א צואויערמאגעטער און א צושראקענער; אריין און זיך געשטעלט קוקען. ער איז געשטאנען אין א ווינקעל, צווישען דיא וואס כמייען ניט צו צוגעהן אייבענאן. ער האט זיך דערוואָרט. מען האט פארגעשטעלט: „מיסטער מאָקס קאמלער, א פיעלפערשפרעכענדער יונגער דעמאקראט". ביי קאמלער'ן האבען דיא הענד זיך אראפגעלאזען, דיא פיס האבען ביי איהם גענומען ציטערען. ער האט געוואלט אפוואָרטען ביז מאוי וועט זיך צוריידען; ער האט אבער ניט־ווילענדיג איבערגע־האקען איהר צובראכענע ענגליש געמישט מיט אידיש:

— מיסס!*) מאדער! יו'ר מיסס! מאמאני! גיב מי מיי באי! מאוי, א קריינק...

ער האט זיך צושריען מיט אזא ווילדען קול, אז מען האט זיך דערשראקען. מען האט איהם אבער גלייך אנגענאפט, און א שרייענדיגען, א קווייטשענדיגען איהם ארויסגעשלעפט און ארויסגע־שליידערט אויס'ן גאס.

א צובייזעלטער, א פערבאפעטער, א בלייכער, און איינגעריכטער אין בלאטע, איז ער געלאפען אהיים; אזוי איז ער אריינגעלאפען אין שטוב.

— אן עת! א כות! זיי האבען איהם אריינגענומען צו זיך, גע'הרג'עט ואלען זיי ווערען!

---

*) „מיסס" — גנבים.

טרויעריגען קוק; א שטיין האט בעדארפט וויינען. אבער דיא שטיינער פון איסט־בראָדוויי וויינען ניט.

קאטלער האט דאן נעבעך אליין ניט געוואוסט אין וואס פאר א בלאָטיגען טייך זיין קאטשקעלע איז געשוואומען; עס איז אבער געקומען א טאג ווען ער איז עס געוואהר געווארען.

עפּעס האט ער גענומען שפּירען, אז מאזי גרייט זיך צו עפּעס — צו א רעדע, וויא עס האט אויסגעוויזען. ער האט געשריבען, געלערענט אויסווענינ, אומגעאנגגען איבער'ן שטוב און געמורמעלט, געמאכט מיט דיא הענד, זיך „געשטעלט אין פּאסאָן אריין", וויא ווילנער בעלי־מלאכות רופען דאָס — געבאדערט זיך מיט „עלאָ־קיושאָן", מיט דער קונסט פון „שעתק רעדען" פאר אן עולם.

אזוי וויא זיך אליין זאלץ אויף דיא וואונדען צו שיטען, האט דער אלטער אלץ נאָכגעקוקט. דיא הארץ האט איהם געגריזשעט, אָבער ער האט ווייטער געקוקט. און מאזי? דער גרינהאָרנשער טאטע איז איהם אין דער לינקער פּיאטע ניט געלעגען...

הקיצור, קאטלער האט מאזי'ן נאָכגעהיט, נאָכגעשפּיאָנעוועט, געצאטעוועט, און דערגאנגגען וואו ער איז יענעם אבענד אוועק. וואס פאר אן אָרט איז דאס? ווער איז דעם אלטען סאָציאליסט, דעם פּיינטער! א טאמאני קלאב, א רעגעלער קלאב פון דעם דיסטריקט ליעדער!

אויב איהר ווילט זיך פאָרשטעלען וואס מיט קאטלער'ן איז געווען, האט פאר דיא אויגען א בילד פון אן אמת'ען פרומאק, וואס הערט פּלוצלינג, אז זיין בן־יחיד, דיא קרוין פון זיין קאָפּ, איז אריין אין קלויסטער זיך צו שמד'ען! דיא הארץ האט זיך ביי קאטלער'ן אָבגעריסען; אין דיא אויגען איז איהם געווארען פינסטער, א הילפ־לאָזער צאָרן האט איהם דעם אָטעם פערכאפּט. ער וועט געהן, ער וועט טהאָן, ער וועט איבערקעהרען דעם גאנצען קלאב; זיי א טויט, איהם א טויט! א סוף! זאָל זיין א סוף!...

א „ביפסטייק־פּארטי" איז א הולאנקע, אויף וועלכע מען בראָט פרישע סטייקס און מען האלט פּוילע רעדעס. עס גיסט זיך פּעטס

אין יעדע ישיבה אין אידישען קווארטאל איז זי דא, די טרויעריגע געשיכטע פון עלטערן און קינדער אויף דעם דאזיגען ספעציעל־אמעריקאנישען נוסח. צוויי וועלטען אבגעטיילט מיט א גרויסען ים; א בערדיטשעווער מיט א ניו יארק אין איין שטוב. ווער קען אבמעסטען דעם ים וואס איז איצט געלעגען צווישען אונזער פא־טער און זיין זוהן? ווער קען אבמעסטען דעם טרויער וואס האט גע'תוכ'ט אויף קאפעלער'ס הארצען?

— ווינע חברים! ווינע חברים! — האט ער זיך געקלאגט פאר רייכעלען, ווען קיינער איז ניט געווען אין שטוב. — געבלי־בען זיך, דעם ביסען פון מויל אויסגעגעבען פאר זיין קאלעדזש. צום סוף — וואס?

און ניט געפינענדיג קיין ווערטער, האט ער בלויז א מאך געטהאן מיט'ן האנד און די בלוט האט זיך איהם א ווארף געטהאן צום קאפ.

כאָטש איז ניט געגאנגען איבער דעם וועג וועגען וועלכען דער אלטער פייגעלער האט געטרוימט. פון א רעדנער זיין ביי סאציא־ליסטען איז שוין קיין רייד ניט געווען. הערי וואלט איהם אויס־געלאכט, ווען ער וואלט געטרייען דאס צו דערמאנען אפילו. אבער וואלט מאָזי כאטש אזוי געווען עפעס פיינקייט, איידעלקייט... צו פערזענליכע באציהונגען האט מאָזי בעלאנגט; א רעדנער איז ער ערגעץ וואו געווען און אז דער אלטער פלעגט נעהמען פרעגען קשיות, פלעגט מען איהם פערשרייען און מאכען חוזק פון איהם.

יונגע מענשען האבען פיינט דיא געזעלשאפט פון „אלטע פאלקס". יעדער זיפץ אדער קרעכץ קאפעלער'ס פלעגט הערי'ן דערנערווירען וויא מיט מעסערס. דער אלטער פייגעלער איז אלע־מאל גרויס געווארען אין דיא אויגען, און זיין מאָזי, „זיין גאנצער לעבען", איז וואס א טאג געווארען אלץ מעהר אבגעפרעמדט פון איהם. דיא [illegible] שווימט אוועק אלץ ווייטער און ווייטער. דיא אלטע הויז זיצט נעבעך אויפ'ן ברעג און קוקט מיט א

## VI

מאזי — אדער מאי — קאטלער איז בעקאנט צווישען דיא איסט־בראדווייער קאלעדזש־באים אלס א פערביסענער ביטערער יונג. ער האט שוין געענדיגט אי דעם סיטי־קאלעדזש, אי דיא לאא סקול. בייטאג איז ער ביי א לאיער דאן־טאון, און ביינאכט קאמאנדעוועט ער אין אן אייגענעם שטיקעל אפיס אויף הענרי סטריט. א הויכליכער, א דארער, מיט בלישטשעדיגע צייהן, מיט קליינע וואנצעלעך, מיט אן אמעריקאנער קאלטקייט צוגעמישט צו דעם ביטרען קוק פון זיינע שווארצע אויגען. היינט זיינע אוואיעס און מינעס! אזוי וויא יעדע נאציאן האט איהר שפראך, האט יעדע נאציאן אויך איהרע בעזונדערע מינעס. דיא שפראך אהן ווערטער, דער לשון מיט דיא אויגען, הענד, פלייצעס, איז א לשון מיט אלע קליפערלעך. און עס זיינען דא זיעבעציג לשונות אזעל־כע. קוקט נאך אן אמעריקאנער וואס ער טהוט מיט'ן פויסט, האנד, קערפער, קאפ, שולטערען, בעת ער וויל אויסדריקען כעס, שפאט, געבעט, וואונדער, אדער וויים איך וואס פאר א געפיהל. איהר וועט זעהן, אז עס איז ניטא ביי איהם קיין קעהר, קיין ריהר, וואס זאל ניט זיין פערשיעדען פון אונזערע. די היע־געבארענע אידישע קינדער רעדען ענגליש עטוואס מיט אן אידישען אקצענט. (ניט אלע, נאר אייניגע פון זיי ריידען אזוי) אבער אין זייערע אוואיעס און מינעס איז דיעזער אקצענט א סך שוואכער. מאזי'ס אוואיעס זיינען אמת'ע אמעריקאנישע, און זיין טאטע קען זיי פראסט ניט פארטראגען — אזוי ווי ער קען ניט פארטראגען מאזי'ס אמעריקאנער „ר" אין זיינע אידישע ווערטער.

דאס איז דיא אלטע מעשה מיט דיא הוהן וואס איז אויסגע־זעסען קינדער אויף קאטשקענע אייער. א טראגעדיע! כמעט

לעך מיט דיא „איזמיטען" אין ער והלרט א גראבער יונג מיט דיא גראבען צהלייך... נאטירליך, דא זיינען איך דא איבנאהמען, אבער והנען איבנאהמען, והנען אבת'ע נשמה יתירה'ס, רעדט מען ניט.

עס האָט זיין צו אייניגע פון דיא לעזער והלען זיך וואונדערען וואס איך זאג, צו דאס דיב דאקטוירים לעזען קיינמאל ניט. כסיימט, מען והרט האָר ביי זיי אין דיא אמיסעס אזעלכע פיינע שראַנקען מיט אויסיעל שטהנע ביכער! והל, לייענט אייער דאקטאר זיין קערירוס? אוי לייענט ער זיינע גרויסע, בענולדעטע ביכער. דעם קערירוס דארף מען צו ביזנעס, און דיא ביכער אויך. זיי זיינען פאר איך, ווייבער, ניט פאר'ן דאקטאר. קוקט אין והרט וואס פאר גרויסע ריסען בעגולדעטע ביכער אייער דאקטאר האט! וויא נעבילדעט ער איז! ביכער זיינען פוירניטשיר. ניט רעכענענדיג דיא איבנאהמען, וואס איך האב דערמאנט, עסזיגט דער דאקטאר זיי קיינמאל ניט אויף. צו וואס? ער וואלט זיך רעפרעזענטען פאר אויסיעל שווערע ווערטערלעך. זאלען זיך בעסער דיא ווייבער שרעקען אין האבען אבהיי פאר'ן דאקטאר'ס ביכער,— פונקט וויא פאר'ן קערירוס... עס זיינען דא איבערבראדווייער וואס ביי זיי שטעהען שיין וייסע ביכער צוועלף, דרייצעהן יאהר אויף דעם זעלבען ארט. מען האט זיי קיינמאל ניט געעפענט. עס וואלט זיך לוינען צו שטעלען אזעלכע איבענעמאלטע אלמערס, וואס זאלען אינווענינג אויסווייזען וויא פיל מיט ביכער, וויא אין מהצאר־כתר כרום מען צבאל...

וויא באלד אז צו זיין אונוויסענד איז דיא רעכטע מאָדע, זיינען זיי דאָך פונקט אויפ'ן אָרט.

דער וואָרט „קאונט" הייסט אויף ענגליש אויך א גראף, און מיר ווילט זיך אָפט דיא קאונט־חברה רופען איסט־בראָדווייער גראפען... זיי רעגיערען, דיא גראפען, זיי געוועלטיגען, זייערע ווייבער פארבלאנקען דיא גאסען מיט זייערע מאָדעס.

איך קען אמאָליגע פעדלערס וואָס זיינען געוואָרען דאָ דאָקטוירים און זיינען אויך געוואָרען באלעזענע און ענטוויקעלטע מענשען. זיי זיינען אָבער קליין אין צאָהל.

אזוי וויא דיא „פראָפערטע", אזוי איז אויך דער קערידזשעל — מען דארף דאָס צום ביזנעס. איהר האָט געזעהן וויא פיין אמע־ריקאנער סוחרים פארבען און פולירען זייערע ביזנעס־וועגען? אויפ'ן וואָגען איז אויסגעמאָלט אן אדווערטייזמענט. נו, ווען איהר קענט לעזען אזעלבע זאכען וועט איהר אויף דעם דאָקטאָר'ס קערידזש איבערלייענען: „א רייכער דאָקטאָר, גרויסע פראקטיקע, ווייל ער ראטעוועט מענשען פון טויט". און דעם זעלבען אדווער־טייזמענט לייענט איהר אויך אין זיין סטאָוו־פייפ און אין דיא ווייב'ס 25־דאָלארדיגע העט. „מיין מאן איז א גוטער דאָקטאָר. ער האָט א גרויסע פראקטיקע!" — זאָגט די העט.עס איז פאראן א ספּעציעלער זאָרט גראפען, וואָס זיינען גרויס געוואָרען דורך דעם וואָס זייערע פרויען האָבען געוואוסט וויא זיי צו אדווערטייזען; אָבער דאָס איז אן אנדער ענין.

עס טרעפט אָפט, אז א געגאָסע, אן אנשטענדיגער מענש, אר־בייט זיך ארויף אויף א קערידזש. אין הארצען קוועלט ער וויא אן אינגעלע וואָס מען טהוט איהם אָן זיין ערשטע פּאָר הויזען, אָבער דיא ערשטע צייט שעמט ער זיך. ער זיצט מיט אַ רחמנות פנים, אזוי וויא ער וואָלט זיך רק פערענטפערט און געזאָגט: „וואָס זאָל מען טהאָן, אז מען מוז". א מארטירער ווייזט ער נעבעך אויס. אָבער נעהמען זיך דעם לעבען פון זיינ'ט וועגען דארפט איהר ניט. ער ווערט פולער, פעטער; ביסלעכווייז פארגעסט ער אָן דיא ביכ־

קינדעל נים נעהמען עסען א ביסעל. דאס איז דער אמת׳ער איבערגעראזוייטער סים. ווי האלטען אים „ריזשענטס עקזאמי־נייששאן" אויס׳ן קאפ. פאר יעדען עקזאמען וואס ווי האלטען אים, שטעלט מען ווי א „ציילונג" (קאונט). צוויי פאר דעם, דריי פאר יענעם; ביזשלעבנוויין נעהמט דער יונגערמאן צום עקזאמען און פלייבט „קאונטס" ביז ער האט שוין וויפיעל מען דארף. איידער ער נעהמט צום עקזאמען פון היסטאריע, פערגעסט ער די פריסהאנטשיט. און איידער ער קומט אן אין מעדיקאל קאלעדזש, פערגעסט ער אלע זיינע „סאבדושעקטס" — אבי די קאונטס בלייבען און ער שטודירט מעדיצין. דאס איז א מערקווירדיגע אמעריקאנער ערפינדונג — אויף דעם אינסטאלמענט פלאן געבילדעט צו ווערען. און די בילדונג איז מאקע וויא די פוירניטשיר וואס מען קויפט אויף אינסטאלמענטס, אויף אויסצאהלען: איידער מען צאהלט אויס צושיקען זיך די מעבעלס, צוברעכט זיך דער קארפעט.

צעהנדלינגע יונגע לייט פראגען זיך ארום מיט די דאזיגע מאנופעקטורטע בילדונג. „וויפיעל קאונטס האט איהר שוין?"... מען פרעגט דאס אזוי וויא מען פרעגט: „וואס מאכסטו?" צעהנדלינגע פעדלערס, אינזשיניערס, וויא די מאמע האט זיי געהאט, צעהנדלינגע אוועלכע פראקטיצירען מעדיצין און פאהרען אין קערידזשעס און קויפען הייזלעך. (די הייזעל, די „פראפערטי", איז איינע פון די נויטיגע שטאפלען. אמאל קויפט מען א הויז איינפאך, ווייל עס איז בעסער צו בויגעט: זאלען די ווייבער הערען אז דאקטאר דעראנדערער האט א „פראפערטי". אז ער האט א פראפערטי איז דאך א סימן אז ער איז „גוט אפ", איז דאך א סימן אז ער איז א גוטער דאקטאר.) און דערהיים וואלטען אוועלכע קאונטי־דאקטוירים זיך געסטאראנעט צוצולערנען: וויא פאסט דאס צו זיין א דאקטאר א גראבער יונג? דא אבער זעהען זיי אז די וואס האבען אמאל יא געלערנט פרייען זיך צו פערגעסען די ביכלעך מיט די אלע זאכען וואבען. נו, פיהלען זיי זיך אויס׳ן פערד.

ראַטלין האָט זיין „סוקסעס" גענומען מיט גוואלד; צו ריוור־קינען איז דער סוקסעס אליין געקומען.

עס איז שוין געווען א היבשער דאָקטאָרסקער עולם ביי אונז, א שעהנע עטליכע הונדערט, און ראַטלין מיט ריווקין'ען זיינען איצט פריי געגאנגען אויפ'ן געוועהנליכען וועג פון זייער קלאַס — דאָס רוב פון אונזערע דאָקטוירים זיינען גאַנץ אונוויסענדע יונגען און זייער אידעאַל איז דער דאָלאַר, ריעל עסטייט, א קעריעדזש און א קערטעל. וואָס אָנבעטרעפט די דאָזיגע זאכען, איז ראַטלין מיט ריווקין'ען מיט בונימאָוויץ'ען געווען אמת'ע דאָקטוירים. אויב זיי זיינען ניט געווען קיין עם־הארצים, זיינען זיי אָבער ניט אָבגעשטאַנען פון חברה אין די אַנדערע זאכען.

אין דערהיים א דאָקטאָר מאַכט זיך, יערענפאַלס, אז ער איז אַן איידעלער מענש. דיא מאָדע פאָדערט דאָס. און דאָ אויף איסט בראָדוויי, הענרי סטריט, ריווינגטאָן, ברוקלין און אפּ־טאַון, אומע־טום וואו דער איסט בראָדווייער גייסט הערשט נור, איז די מאָדע ניט צו האָבען קיין ברעקעל נשמה יתירה. עס זיינען דאָ עטליכע אויסנאהמען: דאָקטוירים, וואָס כאָטש זיי זיינען דאָקטוירים, לעזען זיי ביכער, האָבען זיי געדאנקען, אינטערעסירען זיי זיך מיט איי־דעלע בעוועגונגען. עס זיינען דאָ עטליכע אזעלכע — סאָציאַ־ליסטען, צי ניט סאָציאַליסטען, אבי שבת'דינע נשמות — נו זיינען דיעזע עטליכע אזוי ווי יתומים ביי דיא איבערינע קאָמאַנדע. עס איז ניט זייער יום־טוב. ווער קוקט אויף זיי? די וואָכעדיגע נשמות רעגיערען! ז י י ע ר וועלט! ז י י ע ר גרענדע! די פון דער מאַיאָריטעט וואָס האָבען אמאָל געלערענט, געלעזען, האָבען אָוועקגעוואָרפען די ביכלעך; זייערע חברים זיינען ניט קיין איידעלע מענשען, וויא אין דערהיים ביי א דאָקטאָר; זיי „האַלטען קאָמפּאַניע" מיט דיא וואָס האָבען פינף און צוואַנציג דאָלאַר פאַר דער ווייב אויף א העט, מיט אמעריקאַניזירטע באַל־טרעמאַנצער בעלי־עגלות.

דאָס רוב אָבער זיינען דאָס פון דיא דאָקטוירים, וואָס האָבען

עטליכע אַרימע מענשען האָבען איהם געשטיצט און געהאַלטען, בישעת ער האָט שטודירט אין קאָלעדזש. ער האָט זיי אָפּגעצאָהלט מיט לומפּעריי, מיט גראָב־יונגישע גאוה. זיין גאַנצער לעבען איז געווען דיא געלד וואָס ער האָט געמאַכט אין דיא פּאָקער, וואָס ער האָט געשפּיעלט מיט אַלערליי אונזויבערע חברה.

דאָקטאָר ריווקין איז גאָר געווען אַן אַנדער מענש. ער פלעגט גאַנץ ווענינ רעדען מיט דיא ווייבער. קיין אידיש פאַר קיין געלד ניט; נור אויף דייטש, כאָטש איהם איז דאָס אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים; געשיקט וואַזשנע, געהוסט ווי א פּראָפעסאָר; אָפט א מאָל געקראַצט מיט'ן האַנד איבער דיא האָר, זיך פאַרטראַכט ווי א מיניסטער; וואַזשנע אויסגעשטרעקט דעם פוס, געלאָזען אַראָפּפאַלען זיין מהיורען שמאַק אויף א כיסא, גערייבען דיא הענד ווי אַנצו־וואַרעמען איידער ער איז צוגעגאַנגען צום חולה; געשטאַנען און זיך צוגעהערט ווי דיא בעל הבית'טע דערצעהלט פון דער קראַנק־היים — אַלץ מיט אריסטאָקראַטישע חן. היינט דאָס איהר בע־ראַטעט וועה, ווי ער פלעגט שטעהן און פּאַטשען זיין פערד פון קערידזש מיט ליעבע. מעשה אריסטאָקראַט, — אויף מהיורע ששערבעלעם א בעלן! „לאַפּ־לאַפּ־לאַפּ" פלעגט ער זאָגען, שיינענדיג. דאָקטאָר בוגיבאָוויץ האָט אויך א קערידזש מיט א פערד; אָבער אַזוי ווי יעדער מענש, אַזוי איז אויך יעדער איבט בראָזוויער קערידזש און פערדעל א גאַנץ בעזונדער וועלטעלע. א שענער איז ער געווען, דר. ריווקין, נו, איז אַן איינדרוק געוואָרען ביי דיא ווייבער, אַז ער איז א וואונדער דאָקטאָר. זיי האָבען פּראָבט געציטערט פאַר איהם. אַז ער פלעגט אריינקומען, פלעגט יעדען א געלאָף. דיא הארץ פלעגט ביי דיא בעל־הבית'טע קלאַפּען, אַז זיא פלעגט איהם דערצעהלען וואָס מיט איהר קינד טוהט זיך. זיין שווייגען, זיין וואַזשנעקייט, זיין שטאָלץ האָט אויף זייער שטיינער געווירקט פּונקט ווי ראַטלין'ס וואָכעדיגקייט. דאָקטאָר ריווקין פלעגט זיי בעצייבערען, דיא ווייבער, און זיין פּראַקטיקע איז גע־וואַקסען און געוואַקסען.

ווען ער פלעגט אויסהיילען א פינגער, פלעגען צעהנדליגע פאמיליעס וויסען אז ער האט געראטעוועט פון טויט; פערקעהרט ווידער, ווען א קינד פלעגט אונטער זיינע הענד שטארבען, ווייל ער האט ניט פערשטאנען די קראנקהייט, פלעגט א האהן ניט קרעהען. נאך א וויכטיגען קונץ האט ראטלין געקענט: ווען עס פלעגט צו איהם אריינפאלען דיא קלענסטע קיים, פלעגט עס שוין זיך ציהען און ציהען. ער האט געוואוסט וויא צו מאכען א מעלקעדיגע קוה פון דער געוועהנליכסטער פערקיהלונג. ער איז געווען דער גרעסטער קינסטלער איבערצושרעקען א אידענע; ער איז געווען דער גרעסטער בריה צו פערשרייבען „נעכטיגע־טאגעדיגע" מעדיצין. א מאל אבער האט ער אויך געוואוסט וויא צו זאגען: „עס איז גאר נישט מיט גאר נישט; עס דוכט זיך אייך; אט שלאפט זיך גוט אוים, וועט איבערגעהן; איך קען אומזיסט קיין געלד ניט נעהמען". ער פלעגט עס אבער אריינשטעלען פונקט וויא מען דארף, און זיין גוטער נאמען, זיין עהרליכער נאמען האט געקלונגען און געקלונגען; פער־לארען איין דאלאר און געוואונען הונדערטע...

כל חמתו האט ער אויסגעלאזען צו דיא סאציאליסטען. אזוי וויא אלעמען פלעגט ער ליבען, פונקט אזוי פלעגט ער זיין גאנצע גיפט אויסגיסען אויף זיינע אמאליגע גענאסען, וואס אויף פראק־טיקע האט ער זיך ביי זיי ניט געקענט ריכטען. וויא עס ווייזט אוים האט ער עפעס יע געהאט א צרה'דיגען שטיקעל געוויסען — א פיצעלע. און אום צו פערענטפערען זיך פאר דיעזען ברעקעלע, וואס ער איז אזוי פערלומפט געווארען, פלעגט ער האלטען אין איין שילטען און שימפפען דיא סאציאליסטען. דיא אויגען פלעגען ביי איהם פלאמען דערביי; אלערליי פוילע וויצען פלעגט ער אויף זיי אויסשיטען; זיך בעריהמען, אז ער איז „אוים"; טייטלען אויף זיין קערידזש מיט אן אוננאטירליכע עזות־פנים'ערייי, הירזשען,ריידען אלערליי נארישע רייד. אמאל פלעגט ער כאטש אן איידע־לער מענש זיין. ער איז זעהר פערגרעבט געווארען, דער דאקטאר ראטלין.

וועגן זיינע וואונדערבארע קינדער, וויא אזוי ער האט געהאנדעלט
א געהערגען לייטנאנט וויא א פראפעסאר, וויא אזוי ער האט מיט'ן
נאז דערשמעקט, אז אן אפיציר האט געשאלטענע א פאטריאט;
וויא אזוי ער האט געראטעוועט א קינד פון טויט נאכדעם וויא
צוויי פון דיא גרעסטע איבער בערלינער דאקטוירים האבען ניט
געוואוסט וואס מיט'ן קינד טוהט זיך. ראטלין האט געהאלטען
אין איין ראטעווען דעם לעבען... די ערשטע צייט אז ער פלעגט
זיך בעריהמען, פלעגט איהם אליין ווערען מיאוס. אבער ער האט
געפיהלט, אז עס נעהמט אויף א גאנג און ער איז געגאנגען ווייטער.
דער עיקר פלעגט ער זיך זעצען און ריידען מיט דיא ווייבער. דיזע
זייער יונגער מאן איז געווען א געבילדעטער פון דער חיים. איצט
האט ער שוין עפליכע יאהר קיין ביכעל ניט איבערגעלערנט. א
מאל פלעגט ער קיין אינטערעס ניט האבען מיט אונזויבערע מענשען
צו פארברענגען, איצט האלט ער גאר אין איין פיהרען געשפרעכען
מיט אלערליי אונזויבערע נארישע לארזשען־ביידער. אבער הויפט־
זעכליך מיט דיא ווייבער. זיין געפיהל, זיין נאז האט איהם געזאגט,
אז אן ווייבער ווענדט זיך דער גאנצער שיקזאל פון א דאקטאר.
אויף דעם איינגעזעכענען מאכעליגען פלעגט ער מיט זיי ריידען,
און וויערע כמעט אריינקריכען און האלטען און איין לויבען זיי. און
אנדערען, וואס ווייס ניט וויא מיט דיזען כארט מאכען זיך צו
בענעהמען, וואלט עס מיאוס געווארען. עס איז א געפעהרליכער
אינסטרומענט; מען קען זיך דיא פינגער אפהאקען; אבער ראטלין
איז געווען א קינסטלער. הונדערטער ווייבער פלעגען זיך מיט
איהם האלטען עצות וועגען הונדערטער זאכען.

איבער בערלין איז א גרויסע וועלט מיט וועלטעלעך. עס
זיינען דארטען דא דאקטוירים לא יוצלח'ים, וואס האבען שוין אזא
כח, אז ווען זיי ראטעווען אין אמת'ען פון א געפעהרליכע קריינק,
ווייס קיינער ניט פון דעם; ווען מען רופט זיי אבער צו א געשטאר־
בענעם א מינוט פאר דעם טויט, קלינגט דער קווארטאל, אז זיי
האבען געהיילעט א מענשען. ניט אזוי איז אבער געווען ראטלין.

איז געווען אַט פון דיעזע. זיין געפיהל האָט איהם גלייך געזאָגט, אַז קיין מאַגנעט צו מענשען איז ער ניט. דיא נאַטור האָט איהם קיין שום חן ניט געגעבען, ניט אין אויסזעהן און ניט אין ריידען. דער זעלבער געפיהל האָט איהם אָבער נאָך א זאַך געזאָגט: אַז מען בעריהמט זיך נאַכאַנאַנד, קלעפּט זיך פּאַרט עטוואָס צו. מען זאָגט א ווערטעל: „וואַרף נאָר בלאָטע אויף יענעם; עפּעס וועט זיך דאָך צוקלעפּען". דאָס זעלבע איז מיט בעריהמעריי: דאכט זיך, מען האָט פיינט א בעריהמער; אָבער אַז מען האַלט שטענדיג אין איין קלינגען, בלייבט דאָך עפּעס. אזעלכע זאכען בעקלעהרט מען ניט — מען דערשמעקט זיי ביסלעכווייז מיט אַלע חושים. הקיצור, ראָטלין האָט אין זיך אויסגעאַרבייט א גאַנצע סיסטעם פון בע־ריהמעריי. ער האָט זיך אַליין געהאַלטען אין איין בעריהמען און ער האָט געוואוסט וויא צו מאַכען, אַז אַנדערע זאָלען איהם ריהמען. צווישען מענשען איז דאָ א ניט געשריעבענער קאָנטראַקט: דער וואָס לויבט מיין סחורה, יענעמ'ס סחורה לויב איך. דערצעהלט א מענשען, אַז דער און דער האָט וועגען איהם געזאָגט א גוט וואָרט, ווערט זיין הארץ אָנגעוואַרעמט און ער רעדט שוין וועגען יענעם מיט גאָר אַן אַנדער טאָן. ראָטלין האָט געהאַלטען אין איין שיטען גוטע מיינונגען וועגען מענשען. פריהער פלעגט ער נאָר ריידען לשון הרע. זינט ער איז געוואָרען א דאָקטאָר, האָט דיא מעדיצין איהם פון דיעזען פעהלער אויסגעהיילט; און אַזוי האָט ער פון אַלעמען געמאַכט אָומזיסטע אַדוועַרטייזערס פאַר זיך. דער עיקר האָט ער זיך אויסגעלערענט מאַכען אדווערטייזערס פון דיא ווייבער אין דיא מענעמענט הייזער. מיסיס קאָהן, צום ביישפּיעל, פלעגט זאָגען צו מיסיס ליוויי: „דאָקטאָר ראָטלין צורייסט זיך אייך לויבענדיג", און נעכסטען מאָל, ווען מיסיס ליוויי האָט זיך עפּעס פערקיהלט און עס איז זיך אויסגעשטאַנען, פלעגט זיא אַלעמען דערצעהלען וויא דאָקטאָר ראָטלין האָט איהר געראַטעוועט דעם לעבען.

דער הויפּט אָבער פלעגט ער זיך אַליין בעריהמען. ווען ער פלעגט נאָר זעהן פלעגט ער דערצעהלען וועגען זיין פּראַקטיקע,

ווערען צייטיג — נים ווען זיא איז א יונגע מיידעל. נאָר ווען זיא איז א יונגע פרוי פון 30 ביז 45 יאָהר. רייטשעל איז געווען א ווייבעל אין רעכטען גלאַנץ פון דיעזע יאָהרען, אין דיא פרישקייט, וואָס האָט איהר געפעהלט פאַר דער חתונה, האָט איצט געבליבי בען פון איהרע אויגען, פון איהר געזיכט, פון איהר יעדען קערה רער מאַמען האָט זיא ליעב געהאַט; דיא האַרץ פלעגט איהר פערי קלאַפען, אז זיי פלעגט פון איהם מאַכען א בארג אש; אָבער וואָס האָט זיא געקענט העלפען? איהר מאַן האָט איהר אי ליעב געהאַט, אי איהר געהאַלטען פאַר א שמיק גאָרנישט א אידענע. אין איהר כאַראַקטער האָט געפעהלט דאָס, פאַר וואָס מענער האָבען רעכנעמט אין מורא פאַר א פרויענצימער.

פון דיא אַלטע געגאַכטען זיינען צו זיי אין שטוב איינגעגאַנגען בלויז צוויי: ראָסלין און ריווקין. ביידע זיינען זיי שוין איצטער דאָקטוירים, ביידע זעהר גוט צו. זיי קומען שפּיעלען אין פּאָוקער. זיי האַלטען זיך ביי דיעזער הויז צוליעב דער קערסעל און ווייל עס ציהט אַלטע חברה צו אַלטע בעקאַנטע, וועלכע זיינען געוואָרען אַזוי „אָלל ריים" אַזוי וויא זיי. צוזאַמען געוועזען סאָציאַליסטען, צוזאַמען אויסגעוואָרפען דיא „גאַריטשקייט". צוזאַמען געוואָרען אַיים קבצן. אייב עס האָט ביי וועמען עס איז פון זיי געגריזשעט דיא האַרץ, איז דאָך געווען א טרייסט צו זעהן ארום זיך נאָך אַזעלכע חברה, וואָס האָבען אַוועקגעוואָרפען דיא אַלע צערעמאָניעס און — „אַז געלעבט, זאָל זיין געלעבט..." ווען פרעהט זיך א רויקער? — ווען ער דערזעהט א גרעבערען פאַר זיך.

ראָסלין האָט דעם אַלטען דיינסטער גאָר פערביטערט דעם לעבען. זיין ערייטשוסטען פלעגט קאָנלער'ן דורכנעהמען וויא מיט מעסערס.

א פּאָר ווערטער וועגען דיעזע צוויי דאָקטוירים.

ראָסלין איז געבענע אייגענטליך קיין בעריהמטער נים געווען; קיין דימטער, צווייטיימינער אויך נים. עס זיינען אָבער דאָ א סך ניט־צעבזעצטע, וואָס זיינען ערגערע מענשען וויא צבועקעס. ער

אתינגעקומען יענע גרויסע פערזאַמלונגען? וואו איז דיא אַמאָליגע בעגייסטערונג, דיא אמת'ע, פון הארצען געהענדרע בעגייסטערונג? ניטאָ כמעט קיין מיטינגען, ניטאָ וואו זיך אהין צו טהאָן, ניטאָ וואו צו לעבען, צוליעב וואָס צו לעבען. חשך, פינסטער, פוסט... יעדען פריהמאָרגען פלעגט ער זיך כאַפּען, אז עס איז ניטאָ קיין טרייסט, ניטאָ וואו זיך אהין צו טהאָן, און שווער פלעגט איהם ווערען אויפ'ן הארצען. אן אלטער, א פערדארטער, ניט קיין געבילדעטער, א פיינטער — ווענען אינטערעסירט ער? ווען ביי הערהי'ן פלעגען זיך צוזאמענקלייבען מענשען, ווער האָט אויף איהם געקוקט, אויף דיעזע מענשליכע סקאָרינקע? אמאָל, אין יענע גוטע צייטען, פלעגט מען אויך גאנץ ווייניג אכטונג געבען אויף איהם; אָבער זיין הארץ האָט זיך געפיהלט מיט אלעמען צוגלייך, זיך געפיהלט, אז זיא איז א סאָציאַליסטקע, א גענאָסין, ניט ערגער וויא דיא הערצער פון דיא יונגע. אָבער איצט... אין קאָרטען שפּיעלט מען גאנצענע נעכט ביי הערהי'ן, — ניט קיין סאָציאַליסטישער פינאקעל, נאָר פּראָסטע קרעמערשע, ריעל־עסטייטישע, דאָקטאָרשע, לאָיערשע, — מיט טעמעני קלינגט פון דיא טעצעל־געלד. ער איז א פרעמדער, א ווילד־פרעמדער איז קאָטלער.

אזוי פלעגט ער אומגעהן אָהן מוטה גאנצענע נעכט. קיין טעם ניט געפונען אין זיין עסען, קיין רוהע ניט אין שלאָף; רק נעגריזשעט זיך און אנדערע, אליין ניט וויסענדיג פאר וואָס, ביז דיא קראנקהייטען פון עלטער האָבען אָנגעהויבען אָנקומען פון אלע זייטען: לעבער־קראנקהייט, מאָגען־קראנקהייט, נירען־קראנקהייט.

רייטשעל איז איצט געוועזען פיעל שעהנער וויא פאר דער חתונה. זיא האָט שוין לאנג ניט אויסגעקוקט וויא א פערגליווערטע פּארשוין. דאָס איז געוועזען דיא פערגליווערטקייט פון רייטשעל דיא מיידעל. רייטשעל דיא ווייבעל האָט גאָר אן אנדער פנים געהאט; הויפּט־זעכליך זינט דיא טרימינג סטאָר האָט גענומען געהן, האָט זיא געבליהט וויא א לעבעדיגע פלאנצונג. באלזאק זאָגט, אז דיא אמת'ע שעהנקייט פון א פרוי איז דאן, ווען איהרע לעבענס־קרעפטען

אזוי צוריק; אבער דאס איז איהם ניך מיאוס געווארען; זהיצור, דיא הצלחה פון געשעפט האט פארגומען זיין שוה.

אין הוליפאטר יאהר איז איהם גאר ניט געווען צו רעדענען.

כאטשער פלעגט זיך דאן מיהלשהן צו זיין אייגעל: וואוהין גהייט ער? וואס מהוט ער? פאר וואס איז ער אזוי און ניט אזוי? מאוי פלעגט מיט איינגעהאלד זיך א קרים טהאן, א מירכעל מהאן עפעס אויף ענגליש און מהאן דאס ווייניגע, און הערדי פלעגט דערביי עפעס זאגען צום אלכען:

— א, דרעהט ניט קיין קאפ! וואס ווילט איהר פון איהם? ער איז אן אמעריקאנער באי; איהר ווילט אז ער זאל אויסוואקסען א קאליקע, א כאציאליסט, וויא אלע בלאפערס?

כאמלער פלעגט טריצען מיט די ציינער, כאפען, רויט ווערען, בלייך ווערען, ארויסבאפען אויף זיך דיא היטעל און ארויסלויפען. רייטשעל פלעגט איהם נאכלויפען, בעטען זיך ביי איהם און הצלל ער זאל אריינגעהן צוריק, און כבוד אזוי.

וואס פאר אן ענדערונג אויף דיעזען פיינמער איז דאס געקומען! אזוי וויא א פערבלאנדזשעטער פלעגט ער זיך ארומשלעפען. זיין הארץ האט שמערצענ עפעס געזוכט...

ביי דיא אינגערע איז קיין לאך און דיא הערצער ניט געבליבען. דער האט זיין כאציאליזמוס פון זיין ברוסט ארויסגעשטופט אום צו מאכען ערט פאר א כאריערע אלס דאקטאר, רענטיסט, לאיער; יענער — פאר ריעל עסטייט, פאר א סטאר, וויא הערדי; און ווייטער „ביזנעסמען" זיינען זיי געווען פערקאפט; און דיא נייעס פון ווייטער ראלען אויף דער וועלט...

כאמלער אבער, דער אלטער, אבגעלעבטער, הילפלאזער קאמ־לער, — וואס פאר א ווערטה האט ער געבענך געהאט אויף דער וועלט? ביי איהם אין הארצען איז ניט געווען מיט וואס דיא לאך צו פערגרעכטען, ווען ער וואלט אפילו געוואלט...

צוריכען איז געווארען דער אינטערעס פון זיין לעבען; פער־בינטערס איז געווארען דיא שיין פון זיינע אויגען. וואו זיינען

פאר אן אוצר זיי האָבען געהאט. יענער געגענד האָט געהאלטען אין ענדערען זיך אזוי, אז עס איז געוואָרען אלץ בעסער און בעסער פאר אזא געשעפט. אלזאָ, איז ביי הערריןן די סטאָר אויס־געוואַקסען אין א גאנץ קורצער צייט. ער איז שוין לאנג אויס געגאַסע — ניט ווייל ער האָט געביטען זיינע מיינונגען, וואָרים ער האָט ניט געהאט וואָס צו ביימען; אויך ניט ווייל ער איז א צבועק, וואָרים קיין צבועק איז ער אויך קיינמאָל ניט געווען. פאר וואָס איז ער געווען א סאָציאליסט? איינפאך ווייל איהם האָט פון דער נאטור געצויגען צו קהל'שע ארבייט. אזוי וויא עס זיינען פאראן מענשען וואָס ווערען געבאָרען מיט א גרויסען אפעטיט צו זיסע זאכען אָדער צו זויערע, אזוי קומט איינער א מאָל אויף דער וועלט א געבאָרענער קאָך־לעפעל. סימעלעוו איז אויך געווען אזא, אין גרונד ריידענדיג. עס זיינען אָבער דאָ אלערליי קאָך־לעפעל. סימעלעוו'ן האָט זיין עהרגייץ געצויגען זיך מתעסק צו זיין מיט קהל'שע געשעפטען; הערריןן — פּראָסט די פּרעהליכקייט און די גוט־ברודערשאפט. ער איז טאקע געווען א סימפּאטישער יונג אין נאטור, אָבער ער האָט געקענט אָנטרעטען א מענשען זעהר גראָב, פערגיסען בלוט, פּראָסט ווייל ער האָט זיך ניט גענומען אין זינען צו בעקלעהרען וואָס ער טהוט. ווען ער וואָלט פערשטאנען, וואָלט ער דאָס פּיעלייכט ניט געטהאָן. דאָס אלעם געהט אויף די צרות, וואָס זיין שווער איז פון איהם איצט אויסגעשטאנען.

נאָך אמאָל: ווען הערריי איז געווען א סאָציאליסט, איז ער געווען א סאָציאליסטישע קאָך־לעפעל מיט'ן גאנצען הארצען. ווען די מחלוקות האָבען אָבער די בעוועגונג צוריסען, ווען צו שימפּפען און אָפּצולאכען פון דעם סאָציאליזמוס איז געוואָרען א מאָדע, — הויפּטזעכליך, ווען מיטינגען זיינען געוואָרען זעהר זעלטען און די קאָך־לעפעל האָט געהאט ווייניג וואָס צו מישען, — דאן האָט ער זיך ביסלעכווייז ארויסגעגליטשט. פון אָנפאנג האָט זיא געהאט ארבייט, די קאָך־לעפעל: עס איז געווען געגוג קאשע, פּליאָטקעס; און הערריי איז געווען א ברענענדער חסיד אין איינעם פון די

## V

יאָהרען זיינען אוועק. עס האָט זיך פיעלעס איבערגעביטן. מחלוקות האָבן זיך אָנגעפאַנגען.

אייניגע חברות וויא כיפעלעס, חברה אהן א כרעקעל נשמה יתירה האָבן נאַטירליך געגעבן דעם ווארעמסטען אנטהייל אין דער פיהרונג. דער „איגמוס" איז זיי אין דער לינקער זאה ניט געלעגען. דערפאר אבער זיינען ווייטערע הערצער געווען פול מיט דיא קלאַפּעקעס, און, וויא דער שטיינער איז, האָבן דיעזע חברה געהאַט דיא הויפּטמאַטעס. און אייניגע מענשען וויא ריזענבערג זיינען אייביג געבליבען.

אלעס איז פערפלאָנטערט געוואָרען, און אזוי וויא עס נעהמט א סך ווייניגער צו צואַוואַרפען וויא אויפצובויען, איז אין א קורצע צייט פון דעם גאַנצען גלאַנז אינגאַנצען געוואָרען א חשך. איין שרייבער האָט געזאָגט איינ'ן אנדערען, אז ער איז וואָס אין קאָרט שפּיעלט. דער רעספּעקט וואָס פריהערע האָבן געהאַט צו אונז אין קווארטאַל איז אויסגעוועטשט געוואָרען.

• • •

יאָהרען זיינען אוועק. מאַזי איז אויסגעוואקסען א הויכער, מיט א ראָטער אמעריקאַנער הלוקל, מיט אַן אמעריקאַנער גאַנג, מיט אמעריקאַנער שטילקייט אין דער היים און לויטערשטע שרייעריי מיט זיינע חברים. עטליכע מאָדנע חברים האָט ער געהאַט. זיין פאָטער האָט ניט געוואוסט פון וואנען זיי קומען צו איהם.

אלס האָט זיך געענדערט אין הערי'ס הויז. ער איז רייך געוואָרען. לעצטענס האָט ער זיך צוגעפלאַנט צו א טרימינג סטאָר. ער האָט זיך ארויסגעצויגען, אז דיא סטאָר איז אין א גוטען פלאַץ, נאָר דיא פריהעריגע בעלי בתים האָבן אליין ניט געוואוסט וואָס

היינט. דאָקטוירים וועלען אייך זאָגען, אז אלץ ווענדט זיך אָן אייער מוטה. הקיצור, קאָטלער האָט געגעסען געשמאַק, געשלאָפען מיט אַפּעטיט, זיך פּראָסט געפּיהלט איננער. און זיין מאָזי, זיין מאָזי! איהר האָט בעדארפט זעהן דעם פּיינטער ערב עלעקשאָן, בשעת מען איז געזעסען און מען האָט צוזאמענגעלעגט דיא סאָציאַליסטישע טיקעטס. מאָזי האָט געשריעבען דיא אַדרעסען געשווינדער וויא אַנדערע דריי און דיא האַנדשריפט זיינע איז אויך געווען דיא בעסטע. מאָזי איז געזעסען און געשריעבען מיט זיינע כיטרע ליפּען פעסט פערמאַכט, מיט אַ שטאָלצען קוק אין זיינע שווארצע אויגען. אַלע זיינען געווען גרינהאָרנס; ער איז געווען דער אמעריקאַנער באָי, דער קאָלערזש־באָי. דיא געגאָסען האָבען בעװאונ־ערט דיא פלינקייט פון זיין האַנד און זיין טאַטע האָט געקוואָלען. „דאָס איז מיין גאַנצער לעבען!“ האָט זיין שיינענדיגער פּנים געזאָגט אָהן ווערטער.

דאס איז געווען דיא בעסטע צייט פון אונזער בעוועגונג. אין יענע יאהרען זיינען דיא גרעסטע זאאלען געווען צו קליין. מיטינגען האט מען אבגעהאלטען צעהנדליגעוויין. דיא פאסען זיינען געווען באגייסטערט און חוץ זיי אויך ווייטערע רעדנער. דיא סאציאליס־טישע פארטיי אין דעם אידישען קווארטאל איז געווען א מאכט; און אזוי דיא מאכט איז אויך רעכט, פלעגט מען וועגען אונז ריידען מיט גרויס רעספעקט. א קינד אין וויעג האט געוואוסט, אז עס זיינען דא סאציאליסטען און זיי זיינען וואקסענדע חברה. ווען דיא בעקער יוניאן האט געדרוקט איהר לייבעל, האבען אין א גאנץ קור־צער צייט אלע בעלי בתים זיך געמוזט אונטערגעבען. עס האט זיך אנגעהויבען מעשים, רינגערטער אינטערעסאנטע סצענען אין דיא סטארס אדער רעסטאראנטען. „סמייטס, איהר האלט ברויט אהן דעם יוניאן לייבעל? קען איך ביי אייך אין סטאר קיין איין זאך נים קויפען, אפילו פאר א פעני וואלט איך נים. עס וועט מיר מעהר נים פעהלען צו קומען צו מיין מאן אהן א לייבעל". און פרעמדער מאמאני האלניקעס זיינען געצוואונגען געווען נאכצוגעבען.

דאס איז אויך געווען די גליקליכסטע צייט ביי קאטלער'ן אינ'ן הארצען. א מענש לעבט איינענטליך אזוי וויא מען לעזט אין א בוך. ווען עס נעהמט אויס א בלאט נאך א בלאט און עס איז אלץ דאס זעלבע, ווערט דער בוך מיאוס, און אמאל ווארפט מען איהם נאר אוועק. ווען עס נעהמט אויס א טאג און עס איז קיין אינטערעסאנטעס. קיין נייעס נימא, ווערט דער לעבען מיאוס, און אמאל דערגעהט מען אויף אזא ארט צו זעלבסטמארד. ווען קאטלער פלעגט איינשטעהן אין דער פריה, פלעגט ער זיך באלד דערמאנען וואס פאר א מיטינג ביי נאכט וועט זיין אדער וואס פאר א קאמיטעט דינסטאג ער וועט האבען — פלעגט זיך איהם דער ברעק־פעסט עסען מיט מעהר אפעטיט. פלעגט זיך נאר אנדערש ארבייטען א גאנצען טאג. ווענען איז דאס נים בעקאנט דער אונטערשיעד, צי מען ריכט זיך א גאנצען טאג אויף אן אינטערעסאנטען אבענד, צי מען ווייס אז היינט וועט זיין וויא נעכטען, און מארגען וויא

— דו פערשטעהסט, דו פערשטעהסט, מאַזינקע ? — האָט קאַטלער אַלע ווײַלע אין דער שטיל געפרעגט. מאַזי האָט מורא געהאַט צו זאָגען אַז ניט, און ער האָט געענטפערט „שור“.

דער רעדנער איז געווען אַ שעהנער מאַן, מיט אַ פיינער באָרד, און וויא ער איז איצט געשטאַנען און גערעדט אין דיעזען שטורם פון רויטע פאָהנען, טרומפּייטען, שיינענדיגע פּנים׳ער און פון האַר־צען געהענדע הורראַס, איז ער קאַטלער׳ען אויסגעקומען וויא אַ מין נביא, וויא דער מעכטיגסטער מאַן אין אמעריקא.

וויא ער האָט אַזוי אַ דריק געטהאָן מאַזי׳ס הענטעל, איינפאַך ווייל ער האָט ניט געקענט איינרוהען, איז איהם אַ געדאַנק אריינ־געפאַלען אין זינען.

— מאַזי, ווילסט געהן אין קאַלעדזש ? זאָג מיר צו, אַז דוא וועסט זיין אַ גוטער סאָציאַליסט, געהסטו אין קאַלעדזש. איך וועל זיך בלוטיגען פאַר דיר אַז דוא וועסט נאָר זיין אַ מענש ; דו הערסט, מאַזועלע ?

און אין דעם פיינטער׳ס קאָפּ האָט זיך פאַרגעשטעלט וויא זיין זוהן וואַקסט אויס אַ געבילדעטער, אַ געשטודירטער, און וויא ער שטעהט אויף אַ פּלאַטפאָרמע אַזוי וויא דיעזער רעדנער, און זיין שטימע קלינגט פאַר אָט אַזעלכע מאַסען ; וויא זיינע ליפּען ריידען וועגען פרייהייט, וועגען גלייכהייט, וועגען אַ צייט פון גליק, ליעבע און יושר.

* * *

וויא נור מאַזי האָט געענדיגט סקוהל, איז ער אַנגעקומען אין קאַלעדזש. קיין שלעכטע קאָפּ האָט ער ניט געהאַט, האָט ער אויסגע־האַלטען גוט דעם איינטריטס־עקזאַמען און איז אריין.

דעם ביסען פון מויל האָט דער פיינטער געשפּאָרט ; דעם איינגעל געקליידט, ער זאָל זיך ניט האָבען צו שעהמען פאַר די חברים, ער זאָל „אויסוואַקסען אַ מענש“, אַ געבילדעטער, ער זאָל זיין אַ כבוד פאַר דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג און פאַר זיין טאַטען.

רעלס אין דיא אייגענע מיט הימעל מאַלירען, מיט דיא פייערלעך פון משחקלען. קאָמלער'ס הערץ האָט זיך אזוי ווייא צוזאַמענ־געקריפּט: אויף אזוי פיעל התלהבות האָט זיא קוין פראַגט קיין כח ניט געהאַט.

פּלוצלונג איז שטיל געוואָרען. דער משגיחאַן האָט זיך בע־וויזען צווישען דיא פאָהנען פון דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט גע־האַלטען א רעדע; ער האָט געזאַגט, אז צו דער זעלבער צייט הילפען אויך דיא טריט פון מאַרשירענדע ארבייטער אין דייטש־לאַנד, אין פראַנקרייך, אין דער גאַנצער וועלט; ער האָט ווייטע צוזאַמען געהייסען האַלטען אין זינגען דיא מאַרשירענדע ארבייטער אויף יענעם זייט ים. — אין קאָמלער האָט מיט אַלע קרעפטען געקלאַפּט אזוי כראַן; ער האָט געהייסען זיך פאָרשטעלען דיא רויטע פאָהנען אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין בעלגיום — אין קאָמלער האָט אַנגעשטרענגט זיין כח צו טראַכטען וועגען זעלבער מיט רויטע פאָהנען. דער משגיחאַן האָט פאָרגעשטעלט דעם ערשטען ענגלישען רעדנער. ער איז ארויס — א מעריעזער, א בלייכער פון דעם אַפּאַרישמענט, פון דעם רעט — און איידער ער האָט געהערט זיינע ליפען, האָבען זיך אַלע ארקעסטרען צוזאַמען צוזאַמען אין איין פּערטייבענדען קראַך פון דער מאַרסעליעזע, בע־גלייט מיט א הורא פון צעהן טויזענד מענער אין פרויען.

דיא האַלז האָט קאָמלער'ן פערדריסט; א פייער האָט זיך צוזאַמען איבער אַלע זיינע גליעדער, א שטראָם הייסע טרעהרען האָט אַנגעגאָסען אין זיינע אויגען.

— הורא! הורא! מאַרסעלעז! הורא, מאַמינקע! — האָט ער געשריען מיט אַלע כחות, מיט א פערוויינטען קול, אַליין ניט וויסענדיג וואָס ער שרייט.

דעם רעדנער האָט ער ניט גוט פערשטאַנען, ווייל עס איז דאָך געווען אויף ענגליש. דאָס איז אָבער געווען אונזער הויפּטרעדנער, יעדער א פערזינער, אין אַפּלאָדיסמענטען האָבען איבערגעבראָכען יעדע מינוט.

האַלטען וואָרט. דער גראָסער האָט צוגעזאָגט אַ טאַמאַני־מאַן אויף, און ווען זיא האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט זיא אויפגעהערט ביי איהם צו קויפען.

ווען עס איז געווען נאָהענט צום ערשטען מאַי, האָט זיך קאָטלער געגרייט וויא אַ פרומער איד צו פסח. מיט טעג פאָראויס האָט ער געבראַכט צו שלעפען שטיקער רויטע שטאָף אויף אַ פאָהן ארויסצוהענגען פון שטוב, בשעת דיא געגאָסען וועלען פאַרביי־מאַרשירען, און ווען דער הייליגער טאָג איז געקומען, איז ער אויפ־געשטאַנען מיט אַ שעה פריהער וויא געוועהנליך. עס האָט זיך איהם מעהר ניט געשלאָפען. אַ גאַנצען טאָג איז ער געווען נערוועז וואָרטענדיג. אַ וויכטיגע פראַגע האָט איהם געמאַטערט דעם מוח: כדי צו האָבען אַ גוטען אָרט אויפ'ן יוניאָן סקוועער, דאַרף מען קומען בעצייטענס, פריהער וויא דיא פראָצעסיאָן וועט אָנקומען אויפ'ן סקוועער; ניט געהן אין דעם גרויסען מאַרטש, וויעדער, איז אונ־מעגליך. היינט וויא טהוט מען?

הקיצור, ער האָט טאַקע מאַרשירט, האַלטענדיג מאַזי'ן (ער איז שוין געווען אַ יאָהר דרייצעהן) פאַר'ן האַנד, און אַלע ווייל־שרייענדיג אויף איהם וואָס ער געהט ניט אין טאַקט. דיא מוזיק האָט געשפּיעלט, קאָטלער האָט געטראָטען דיא אויסגעברוקירטע גאַס, דיא נשמה האָט זיך ביי איהם צוואַווארעמט, טרעהרען זיינען געשטאַנען ביי איהם אין האַלז.

מען איז געקומען אויפ'ן סקוועער. פון אַלע זייטען האָבען גענומען אָנקומען מאַרשירענדע ציילען מיט רויטע פאָהנען, מיט אָרקעסטרען. דער סקוועער איז אָנגעפּילט געוואָרען און עס האָבען זיך נאָך אַלץ געשאָטען נייע געגאָסען — געשאָטען און געשאָטען אָהן אַן אויפהער. אַ וואַלד מיט פלאַטערענדע פאָהנען, אַ מישענינע פון מוזיק. קאָטלער האָט זיך צוגעשטופּט צו אַ פּלאַץ עטליכע איילען פון דער פּלאַטפאָרמע — דעם איינגעל האָט ער פון האַנד אַלץ ניט אַרויסגעלאָזען. דיא פּלאַטפאָרמע איז געווען איינ־געוויקעלט אין פאָהנען. אַרום און אַרום האָט געראָדערט, געשוויג־

פּראָפעסאָרים, פלעגט זיך פון רעספּעקטירן נים רוקען, אַז זיא וואָרט נים איינגעהאַלטן כּדי זאָל קיין איינפאַלן; ווען זיא פלעגט זאָגען: „סיינעם, עטשט". פלעגט מען נים מורא האָבען, אַז אין האַרצען מיינט זיא: „וואָס האָט איהר זיך אַנגעלעגט אויף מיין קאָפּ?" נים קיין סטודענטיש יונגע לייט ציהט אין אַזעלכע הייזער. אַלזאָ, פלעגען זיך דאָרט אַפּט סטרואַפּלען נאָנאַטען. הערדי האָט געליעבט צו שפּילען די ראָלע פון אַ בעל־הבית, און קאָמלער פלעגט זיך פרעגלען אין נחת און די־פּלעסען פּהגות אין שטוב אַריין; דאָס פלעגט אַ הויזווירטשאַפט זאַך, דאָס אַ האַלבע כאָה עסעל, וואָס ער האָט געהאַנדעלט אַ מציאה.

און אַז מען פלעגט זיצען און טרינקען טהעע, און ריידען וועגען ליטעראַטור'ן איהר בעבעל'ן. איהר וועגען דער בעוועגונג ביי אונז אין גיו יאָרק, פלעגט ער העלפען רייטשלען אַגניטען דיא גלעזער. אָרויסטראַגען קייכט, צוהערען דאָס געשפּרעך און קוועלען. ווער איז געווען זיין גליכען?

אויף איהר שמייכער איז רייטשעל אויך געווען פריי דער בע־וועגונג; זיא פלעגט קיין מאָל נים הערען וואָס דיא רעדנערס האָבען געזאָגט, און דיא צייטונגען האָט זיא קוים געקענט לייענען; זיא האָט אָבער געוואוסט, אַז דיא סאָציאַליסטען ווילען עס זאָלען נים זיין קיין אָרימע און קיין רייכע, אַז אַלע זאָלען זיין גליכליך און איינע דיא אַנדערע זיך ליעבען; און דאָס איז איהר זעהר געפעלען געוועזען. איהר מאַמע און איהר מאַן זיינען געווען סאָציאַ־ליסטען, און אַלע שטודענט פרייגדען, וואָס זיא האָט נור געקענט, זיינען אויך געווען סאָציאַליסטען — איז זיא אויך געווען אַ סאָציאַליסטקע און האָט זיך גרויס געהאַלטען מיט'ן נאָמען. און עלעקטשאָן האָט זיא זיך איין מאָל צוגעשטעלט צו איהר בוטשער און גראָסער, אַז זיי זאָלען וואָטען פאַר איהר פּאַרטיי. זיי האָבען איהר גלייך צוגעזאָגט, אָבער זיא האָט חשד געווען, אַז דאָס איז גלאַט אַזוי, דאָס זיא אַזוי לאַנג געמשונה'ט און געבעטען כמעט מיט טרעהרען אין דיא אויגען, ביז דער בוטשער האָט איהר געשוואָרען אַז ער וועט

עהרליכער ענטהוזיאסט, און זיין עהרגייץ האָט בלויז נעהאָלפען איהם צו מאכען זעהר טהעטיג אין אונזער בעוועגונג. דאָס איז געוועזען א מערקווירדינער רכילות־טרייבער, א פלאָטקע־מאכער; גאנצע שטונדען פלעגט ער אָפּזיצען בערײדענדיג דיא פערשיעדענע גענאָסען; קיין בייז האָט אָבער אין זיין בעריידעניש ניט געשטעקט; ווייטער וויא זיין צונג פלעגט דיא גיפט ניט דערגרייכען.

פאָרלויפיג וועל איך דאָ דערמאָנען בלויז נאָך איינעם — ריוווקינען. דאָס איז געוועזען פון דיא געבילדעטע חברה — א גימנאזיסט פון דער היים. ער איז געוועזען גוט געוואקסען, א חן'עוודיגער, א שעהנער, מיט פערטראכטע פילאָזאָפישע אויגען און אויך מיט א פערטראכטען הוסט. איך מאך קיין שפּאס ניט: ניט אלע קענען אזא הוסט טהאָן. עס האָט גערעדט זיין הוסט. „וואָס איך קלעהר איז צו טיעף ארויסצורײדען מיט ווערטער, — האָט דאָס געזאָגט. — „איך האָב פיינט צו דעבאטירען, זיך צו קאָכען. מיינע אידעען זיינען אזוי איידעל, אז מען וואָלט זיי סיי וויא סיי ניט פערשטעהן". זיין גרעסטע בריה'שאפט איז געוועזען צו שווייגען — אָבער קלוג שווייגען, ניט אבי וויא, און אָפטמאָל דערביי דעם דאָזיגען הוסט טהאָן. מיידלעך זיינען פאר איהם אויסגעגאנגען; פיעלע פון דיא גענאָסען האָבען איהם אויך געהאַלטען פאר א הויך ענטוויקעלטען. אין אמת'ען אָבער האָט ער איינפאך ניט געהאט וואָס צו ריידען, — א פוסטע כלי, בעלעזען ניט א האָר. אויב עס איז ווען עס איז געוועזען א קונציגע קאָקעטקע אין א מאנסביל געשטאלט, איז דאָס געוועזען ריוווקין. אָבער דער עולם איז בלויז א מבין אויף דעם ביליגערען סאָרט קאָקעטסטווע — אויף דעם וואָס מען קען דערזעהן פאר א מייל.

הערריי האָט פערדיענט גוט און אין שטוב איז שטענדיג געוועזען פול. ער איז געוועזען א גאָסטפריינדליכער יונג, און רייטשלען איז קיין מאָל ניט מיאוס געוואָרען מכבד צו זיין. זיא איז געוועזען א ווייבעל אָהן א גאל, און ביי זיי אין שטוב האָט זיך געפיהלט א ווארימע ליעבליכקייט. זיא האָט געקענט זיין וועהר־ווייסט וויא

פלעגט זיין אויך זיך צוזאמענגעטראפען מיט ראבלין'ס, פלעגט ער ווערן אפהענגיג. פאטלער האט ער ניט געוואוסט וויא אויס־צודריקען, אבער אויף דיא מיטינגס פלעגט ער שטענדיג נעהמען א מיט ווייב פון איהם.

ריזענבערג איז געווען דער צווייטער. דאס איז געווען א נער־ווייזער כאפ, א „רידר מיך ניט אן"; נור וואס פלעגט זיך איהם דוכטען, אז מען מיינט עפעס געגען איהם; אייפערזיכטיג איז ער געווען וויא א פרויענצימער, און צו ביזנעס אינטערעסיג וויא א קינד; און דאך ביי זיין גאנצער אייפערזיכטיגקייט האט ער ניט געהאט קיין ביסעל ערנסטקייט. ווען ער האט גערעדט מיט מענשען, האבען פלעגט געקענט מיינען, אז ער איז א גרויסער נאר; ער איז אבער געווען פון דיא, וועלכע מאכען און רעדען נאריש, און דענקען קלוג. ער איז געווען א ביסעל אויך מענשען, א פילאזאף אויף זאכען. אן אימפולסיפער איז ער געווען און אייגענטליך א שוואכער, אבער זיין שוואכקייט פלעגט זיך עפעס ניט ארויסווייזען.

דער דריטער — מיטעלמאן האט ער געהייסען — איז אין איין זאך געווען גראד דער היפוך פון ריזענבערג'ען; ער איז געווען אנגעשטאפט מיט ערנסטקייט. אין דער פריה, אין שאפ, פלעגט ער שוין האבען אין זינען, אז ביינאכט וועט זיין א ביזנעס־מיטינג. אז ער וועט נעהמען דאס ווארט, פיעלייכט נאך זיין א טשערמאן אויך. ביי דיזע מיטינגס פלעגט זיין ספעציאליטעט זיין זיך צו מישען. וואס איינער זאל ניט זאגען, פלעגט ער שוין געפינען עפעס אן ארויסצונעהמען דאס ווארט און „אנטרייבען יענעם דיא ווייטען". ער פלעגט רעדען מיט אלע קולות, מיט אזא כעס, מיט אזא קאפ, דאס דער אנדערער וואלט געקענט מיינען, אז עס געהט איהם אין לעבען. עס איז אבער ניט געווען אזוי; אין דעם רעדענדען פלאמערען פלעגט ער זיך קלערען ביי זיך אין הארצען גאנץ קאלט־בלוטיג: „מיטעלמאן, דוא האלטסט א רעדע און אלע הערען זיך צו".

א פערטער איז געווען רעליגיעז. ער איז אויך געווען זעהר ערנייציג, אבער ער איז געווען דערביי א גאנץ ערנסטער יונג, אן

אַמאָל איז ביי איהם געווען אַ קלויסטער. ער האָט זיך פּראָסט „געברידזשעט“ פון זיי, וויא פון אַ פּאַדלע, וואָס פערשפּרייט מגפות. ווען ער האָט באַרגעטקען צום ערשטען מאָל אין עלעקשאָן רערזעהן אין אַ קאָרנער מיט אַ בלויען בעדזש אויפ׳ן הארצען, איז ער פון אָנפאַנג געבליבען שטעהן אַ בלייבער, דערנאָך האָט ער אַ שפּיי געטהאָן, אָנגעשאָלטען דעם פּאָליטישען אַ פולען קאָפּ און אוועק.

רייטשלען האָט דאָס הארץ געקלעמט: פּאָרט אַ קאָזין! זיך אויפגעהאָדעוועט אינאַיינעם... אָבער קאָטלער האָט מעשים אָנגעגעבען. וויא סמעיעט זיא גאָר קלעהרען פון אַזאַ זאַך?! וואָלט ער געקענט צולאָזען, אַז אין דיא ווייִן, וואָס מען וועט טרינקען, זאָל אריינגעגאָסען ווערען עפּעס אַן אונריינער טראָפּען? אַזוי האָט ער זיך געקענט פּאָרשטעלען אַ טעמעני־האָלניק ביי זיין טאָכטער אויף חתונה.

נאָך דער חתונה איז ביי הערריי׳ן מיט רייטשלען געווען אַ גאַנץ פיינע שטוב. פערשיעדענע איידעלע מענשען זיינען אריינגעגאַנגען צו זיי, און אַלץ סאָציאַליסטען.

אַ פּאָר ווערטער וועגען דיעזע איינגעהער. איינער פון זיי איז דאָס געווען דער ראָטלין, וועגען וועלכען איך האָב שוין גערעדט — אַ דאַרינקער, אַ קוואַרינקער, אַ נידעריגער, אַ שוואַרצינקער — אַ שוואַרצינקער, אָבער ניט קיין שוואַרץ־חן׳עוודיגער. ער איז ניט געווען קיין נאַר, פעהיגקייטען האָט ער אויך געהאַט ניט קיין שלעכטע, אָבער זיין שכל איז געווען וויא זיין פּנים: אָהן חן. ער איז געווען זעהר טהעטיג, שטענדיג געהאַט אַן ערנסטען פּנים, אָבער אַ מערקווירדיגע זאַך — אַז ער פלעגט זיצען נאָהענט לעבען אַ גענאָסע, פלעגט זיך יענער עפּעס שעהמען ווייזען זיין בעגייסטערונג. עפּעס אַזוי וויא אַ קעלט פלעגט ער אויף אַלעמען ארויפטרייבען; עפּעס פלעגט זיך דוכטען, אַז הינטער זיינע געלאַסענע אויגען ליעגט בעהאַלטען אַ שמייכעל — און ער לאַכט אָפּ פון דעם גאַנצען עסק. אַז איינער פלעגט צוקאָכט ווערען פון אַ הייסער רעדע און זיך וועלען אוועקלאָזען אַפּלאָדירען און דערביי

# IV

צו דער חתונה האָט קאַפּלער געוואָלט בעטען נור כּמציאַר ליטמען. ער איז אומגעגאַנגען ווי אַ פֿאַרפּאַרעמטער גאַנצענע טעג. דערלעבט צו פֿירען אַ קינד צו דער חופּה! — „צו דער חופּה" פֿלעגט ער זיך היטען ניט צו זאָגען. ער פֿלעגט איבערמיידען אַלע חורבות'ער איזעלבע. ביי רייכפֿעלדען, געמיינליך, האָט קיין חופּה ניט געטראָפֿט זיין — כּיידען דיא רוימטע פֿאַהן. זיין האַרץ איז איהם געווען צוגליהט און זיין קאָפּ פֿול מיט פּלענער: ער וועט מאַכען אַן אמת'ע סאָציאַליסטישע חתונה, אַ כּשר'ע, אַ פֿנימה'לע וואָל איהן איהר ניט זיין.

ווי געפֿעלט איהך אָבער אַן איינגליק: דאַרף זיך מאַכען, אַז געראָטען דער כּלה'ס אַ ליבליבער פֿלאַטער — איהר מוטער'ס עליה השלום אַ ברודער — איז געווען אַ ראש ישיבה, אַ פֿאַרברענטער פֿרומער; און אַז מען האָט גענומען צוזאַמענשטעלען דעם צעטעל, האָט מען זיך אַרומגעקוקט, האָט אַ שטיקעל ביסעל אַנדערע קרובים פֿון ביידע צדדים זיינען געווען פֿאַרצייטיגע אידען אָדער אַזוי ניט קיין סאָציאַליסטען. געזאָגט קאַפּלער האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבען: „זיי זיינען ניט קיין סאָציאַליסטען? — נאָך בעסער! זאָלען זיי קוקען, זאָלען זיי הערען, וועט זיך צו זיי אויך עפּעס צוקלעפּען!" און ער איז בעגייסטערט געוואָרען פֿאַר דעם געדאַנק, דאָס זיין רייכפֿעלד'ס חתונה וועט מאַכען פּראָפּאַגאַנדאַ.

מיט איין האַווין זיינען איז געווען צרות. דאָס איז געווען אַ יונגער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס, אַ חברה־מאַן מיט אַ געגאָלטע באָרד, מיט ביידערהענטליך, אַ מויל פֿול מיט ציינג, אַ קאָפּ פֿון אַ ... דיא קאַפּיטאַליסטישע פּאַרי טייען זיינען ביי אונזער קאַפּלער'ן געווען פֿיעל מאָל מיט'ער ווי א

אז ער האָט אפילו קיין לחיים ניט געקענט זאָגען. עפּעס האָט זיך איהם געוואָלט אויסדריקען, וויא ער האָט זיך מחיה געוועזען פון דער רעדע; האָט זיך איהם אָבער בלויז דיא בלוט א וואָרף געטהאָן אין קאָפּ און ער איז געבליבען שטעהן מיט א שעפּסענעם שמייכעל.

ווען עס איז געקומען צום בעצאָהלען, האָט ער גענומען שלעפּען פּענים פון פּאקעט, אז דעם רעדנער איז אין דיא אויגען פינסטער געוואָרען. עפּעס האָט איהם געפעהלט א פּאָר סענט. בעצאָהלען פאר איהם, האָט דער רעדנער איהם ניט געוואָלט בעליידיגען. הקיצור, א צופלאקערטער איז ער געלאָפען צו רייטשלען נאָך עט־ליכע פּענים.

אין פּיטשן מיט א שפּריטער. די קאַץ האָט ער געהאַלטן שטענדיג פּאַרחושיך. אייזנבאַהן־שטעלט א גאַנץ אנגעפּלעצטן פּנים — א לאַכע־דיגער יונג. א בריה צו פארטייטשן מיהאַבט אין פּאַרוועלקן אויף דיא סיסיגנים; גערעדט דער בעוועגונג וויא דער לעבען; א פּראַגטעל און א בעלן אויף א פּייס מיט אן אנאַרכיסט; דיא האָרץ א ניל־דערונג, דיא האָט א גראָבליכע; פלאַר אין דיא „שפּיטאָן פון פּאָלה" אין מכח דיא לייטערשיפלען — ניט פון ערט, אזוי וויא כאָטלער.

— וואָס'ס דיא מאַמע'ר וויסט הערי?

— הי'ז אַלל רייט!

— הי'ז אַלל רייט?

— הערי'ז אַלל רייט! *)

דאָס איז געווען איינער אַכטער שפּאַס וועגן איהם.

כאַטלער איז געשטאַנען ביין וואַגר און געוואַרט צו פּאַזי'ן; אין אויג האָט ער אָבער געוואָרפן אויף זיין טאָכטער אין איהר האַזישלייער אין געהעלבען נחת. דער רעדנער, וואָס האָט א האַלבע שטונדע פּריהער געענדיגט ריידען, איז פּאַרביינעגאַנגען. — האָט דער פּיינטער איהם געצוואונגען צו „פאַרהערן" זיין איינגעל. פון דעם אין פון רייכשלען מיט הערי'ן איז דיא ראַרץ ביי איהם אזוי צונאָכען געוואָרען, אז דער רעדנער האָט מיט איהם ניט אָנ־דערש געקומט נאָך צו דיא באַר. איהם צו ענטגעגען, וואָלט געוועזן אזוי וויא איהם מיט א שפּיז אין האַרצען צו דערלאַנגען; אנב איז דאָס געווען זיין בעליעבטער רעדנער. ביי דיא באַר זיינען געשטאַנען פּעליבע געגעבען, — א! צדראַנקיזונג וויפיעל מען טרינקט עס ביי אונז! דער רעדנער האָט געהייסען געבען א גלאָז ביער, דער פּיינטער האָט גענומען א גלאָז ביער אין האָט זיך אזוי פּאַרשעהמט,

*) — וואָס איז דער מעהר מיט הערי'ן?

— ער איז א פּאָלאַריאַן (א וואויליגער יונג).

— ווער איז א באָלאַריאַן?

— הערי איז א באָלאַריאַן!

מאָל אָפּגעפּארבט און אימער געהאַלטען אונטער אַ גלאָז, עס זאָל ניט אָפּגעהן.

אויף דעם ערשטען גרויסען באָל נאָך איהר אונגליק איז זיא געשטאַנען מיט העררי׳ן, און צוהערענדיג זיינע רייד, יעדע מינוט ברייט געעפענט איהרע ברוינע אויגען און געשמייכעלט מיט אַ האַלבען מויל, מעשה אמעריקאַנערין. אַלע ווייליע פלעגט זיא, שטיפענדיג, זיך ציהען אויף דיא פיס, אויף די ציפּקעס, אזוי וויא אַ הוהן ווען זיא מאַכט מיט דיא פליגלען.

העררי האָט געקוואָלען פון איהר; זיא האָט געקוואָלען וואָס ער קוועלט, און איהר פאָטער פוןביידען.

— אַי בעטשע יו דידנט סעל מאָר טיקעטס דען אַי.

— האַו דו יו נאָו?

— האַו דו יו נאָו! — האָט ער זיא איבערגעקרימט מיט אַ ליעבליכער אַוואַיעלע.

ערנסטערע רייד פלעגען אונזערע גענאָסען אפילו מיט דיא מיידלעך אויך פיהרען אויף אידיש. ענגליש איז געווען דיא שפּראַך פון אונשולדיגע קאָקעטסטווע. צוזאַמען מיט דיא ענגליש געהט שוין געוועהנליך אַ שמייכעלע אין דיא אויגען — יענער מין שמייכעלע, וואָס מען זעהט בלויז ביי אַ קאַוואַליער מיט אַ דאַמע, ווען עס הויבט אָן צו טאָגען אַ ליעבעס-געשיכטעלע. מעהר ניט וואָס ביי רייטשלען האָט דיעזער שמייכעל עטוואָס צו שטאַרק גע־בליסטשעט.

העררי. — ער איז געווען, דאַכט זיך, דער איינציגער ביי אונז, וואָס מיר האָבען גערופען מיט זיין ערשטען נאָמען, — העררי איז געווען אַ יאָהר זעקס און צוואַנציג, גיבער אַלע האָבען אויף איהם געקוקט וויא אויף אַ אינגעל, ארויפגעלעגט דיא הענד אויף זיין פּלייצע און פריינדליך שפּאַס געמאַכט מיט איהם. אַן איינגעפּונ־דרעוועטער יונג איז דאָס געווען, ניט קיין הויכער, מיט אַ פּאָאָר געזונטע פּלייצעס; זיינע האָאָר זיינען געווען כמעט ווייס און פון איין זייט צו דעם אַנדערען זיינען זיי געגאַנגען וויא באַרג אַרויף,

אַזעלכע געמאָלטע פּלאַנקען ווי טאָגאַ זיין אַחוץ אַ ברעג. ווען מאַר פּלאַנקע איבערגעזאָגט אַ שטיקעלע פֿון אַ תּורה, פּלעגט ער ביי קאַפּיטלאַך די אויגען שליסן. ער פּלעגט דעם אינגעל געהאַלטן גלעטן איבער די האָר און זאָגן: „אַז דאָס איז מיין גאַנצער לעבען!" אַזוי אַמאָל פּלעגט מען דאָס פֿון אויפֿן הערן. אַז איינער פֿון די וויצלינ־גען אַרייסאַן די געמאָלטע האָט אַמאָל אָנגעוויזן מיט'ן פֿינגער אויף כּאַץ'ן און אויסגעשריגן: „דאָס זייט דער גאַנצער לעבען!"

אָבער רייטשעלען, זיין מאַמע, האָט קאַפּיטל פֿינגער אַזוי ליעב געהאַט ווי דעם אינגעל. אונד אַזוי, ווען רייטשעלען וויל איך דאַ דערציילן.

דאָס איז געווען אין מיטן ווינטער. אויף די געלבע צייט ווען וועלכע מיר רעדן דאַ. רייטשעלען האָט זיך נאָך קיין ואַך אַפּילו ניט געחלומ'ט, אָבער קאַפּיטל, איהר טאַטע, האָט שוין דאָס הערץ געזאָגט, אַז פֿון דעם שידוך וועט זיך אויסלאָזן ווי פֿון יענעם צווי. ער האָט דערציילט שוין באַצייטענס געזוכט צווישען די געמאַכט פֿון אַנדער אידיש, און מיט הערר'ן האָט ער זיך מתחתן געווען פּונקט ווי מיט אַלעמען.

אָבער וואָס מער פֿון אַזעלכעניס! דאַכט זיך אַ בילדשענעס: ניט ער אַליין — אַ כּלה — זאָגט מען; אַלע זאָגען אַזוי. און אַז זעהט איהר דאָך!... דער יונגער מאַן האָט זיך געגעבן מיטגעבן, [illegible] תּורה, ברוך צו [illegible]; ער האָבען זיך אָנגעהויבען די קאַפּיטלאַך מיט די טעכטער, און ווייטער איז כּלה! און ווייטער האָט רייטשעל געזעהן אַז געדרעהט זיך יעדען יונגען מאַן אין די אויגען. אָבער איז דאָס געווען דער גאַנצער אינגעליק מיט איהר — וואָס די דאָס תּפֿילה געבליטשטעט, צו שפּאַרט געח'ן'עט זיך. די [illegible] איז די [illegible] געווען. אָבער ווען מען איז מיט איהר ניט [illegible] געוואָרען, פּלעגט זיך [illegible], אַז זי איז קיין מאָל ניט געווען אינגער און וועט קיינמאָל ניט ווערען עלטער. אַ [illegible] פֿון [illegible]. די צייטען האָבען אויסגעוויזען צו [illegible] אין די [illegible] — [illegible] אַזוי ווי מען וואָלט זיי אַ

און ווען מען פלעגט פאַר איהם ריידען פון יענע צייטען, וואָס זיינען געווען דיא גאַנצע האָפנונג פון זיין פיינטערשען לעבען, יענע צייטען, ווען קיין עולות וועלען מעהר ניט זיין, ווען קיין קריעה וועט מען מעהר ניט רייסען, ווען רויב און עלענד וועט פערגעסען ווערען, ווען אַלע וועלען זיין גליקליך, זיך ליעבען, זיין אַלע אין איינעם, — אָה, וואָס פאַר א שמייכעל עס פלעגט זיך צוגיסען איבער דיעזען צודארטען, צוצופטען פיינטערשען פנים! און דיא הארץ זיינע, דיא הארץ!... א מחיה'דיגע ווארימקייט פלעגט איהם ארומנעהמען. אומלויפען איבער דיא גאַסען און דריקען צו זיך יעדען אַרבייטער פלעגט זיך איהם וועלען.

דערנאָך פלעגט א שטילער, הילפלאָזער פערדרוס איהם אָנ־נעהמען, אז עס פלעגט זיך איהם אזש פראָסט וועלען וויינען וויא אן עופה'לע. וויא א צואווילדעטע טיגערין פלעגט זיא זיך צו־בושעווען, זיין הארץ, וויא א פייגעלע זיך צופיעסטשען, וויא א מוטער נאָך איהר קינד זיך פערביינקען...

ווען א רעדנער פלעגט זיך ארייגלאָזען אין א וויסענשאפטליכען פונקט, פלעגט קאטלער נעהמען קוקען אהין און אהער, פינטלען מיט דיא אויגען וויא א צושראָקענער, זיך אָנשטריינגען א ביסעל מעה־רער. און פאָרט זיך פערטראַכטען וועגען אן אנדער זאַך.

ראָטלין, אויך א געגאָסע אונזערער, פלעגט זאָגען אז קאטלער האָט דיא גרעבסטע קאָפּ פון אַלעמען, אז ער האָט אזא פויערשען מוח אויף זיין לעבען ניט געזעהען. ער האָט געהאט רעכט, ראטלין, און ער אליין האָט טאַקע געהאט א גוטע קאָפּ, אָבער וואָס איז דיא פעולה? דעם סאָרט פערגניגען וואָס קאָטלער האָט געהאט האָט ראטלין מיט זיינע גוטע פעהיגקייטען קיין מאָל ניט פערזוכט.

מאָזי האָט געהאט א בעסערע קאָפּ וויא זיין פאָטער; קאָטלער האָט נעבעך געהאט אזא שווערע קאָפּ, אז זיין אינגעל האָט זיך איהם אויסגעוויזען פאַר א גאון. עס פערשטעהט זיך, יעדער טאטע אי־בערטרייבט; אָבער ביי קאָטלער'ן פלעגט יעדער, וואָס האָט נור געקענט פערשטיין א לעקטשור, זיין א זעלטען פעהיגער מענש;

— מאַמע, וואָס בּיסטו?

— א פּאַראַליטיק, — פּלעגט דער איינציקער ענטפערן, אויס־
רייסנדיג דעם וואָרט ווייטלעך ווי א גריזשער; און דער כאָטש
פּלעגט לאַכען.

מיין טאַטע איז געוועזן. מיין איינבּילדונגס־קראַפט זיך פאַרצוי־
שטעלען דאָס וואָס דאָרט דיא (אַפּשר ניט געגעבּען); דערפאַר אָבער
האָבּען דיא נשמות בּיי איהם גענאַרבּייט אויף אלע כלים. וואָס
ווייסט איהר וואָס פאַר אן אומגליקליכער און וואָס פאַר א גליקליכער
מענש דאָס איז געווען! פּלעגט ער האָרכען, או ערגעץ־וואו איז א
שמחה פאַרלאָרען געגאַנגען, פלעגט ער זיך האַלטען און אָפּגעבּען זיך
דאָס האַרץ, אַזוי ווייא ער וואָלט געווען זיינער א פערזענליכער
שאָדען; פלעגט ער הערען, אַז אין רייכשטאַג האָבען דיא כאָציאַל־
דעמאָקראַטען געמאַכט א זיג, פּלעגט ער זיין איינ'ן זיבּעטען הימעל!
און זיך בּעריהמען מיט דעם, אַזוי ווייא ער אַליין וואָלט זיך דאָ
איינגעשריבּען פאַר דער גאַנצער וועלט. דיא קאַפּיטאַליסטיש
געפיהלט דאָס ער געפיהלט אין אלע זיינע גליעדער, אַזוי ווייא א
שטאַרקער ווינטער. איין יאָהר האָט ער ניט בּעקומען קלאָהר
בּיז'ן סוף: „גוואַלד, עס איז דאָך דאָס אַרבּייטער'ס בּלוט! פאַר
וואָס זאָל מען דאָס צולאָזען! גוואַלד, וואָס פאַר א וועלט מיט
גאַזלנים! פּיליאַנטן, פּיליאַנטן שטעלט רייכען הריגה פאַר וויל־
פּערטען; מען בּעריהמט זיי, מען בּעגלייט זיי, און זיי שווייגען!...
גוואַלד, רבונו של עולם!..." דיא בּלוט פּלעגט זיך איהם א לאָז
טאָהן אין קאָפּ, דער אַטהעם פּלעגט איהם פאַרכאַפּען, — ווייא
געשטאָרבּען. דיא עולה, דיא גרויסע עולה פון דער וועלט האָט ער
געפיהלט, — אַזוי לאַנג געפיהלט, אַז דער טויט פּלעגט איהם אייפ־
רייסען, פּונקט אַזוי ווייא איינער וואָלט אָנגעריהרט בּיי איהם אין
פּיסקן גאָר פרייבּענדיגע קאַליטע דעליקאַט פון האַנד און אנטלאָפען.
עס פּלעגט זיך איהם אָפּגעבּען וועלען ליבּען צו אַלעמען, מענטש'ן,
פאַלען צו דיא פיס, בּעטען זיך, אַז מען זאָל אויסמעקען דיא אויגען,
פאַרשטעהן, איינזעהן וואָס דאָ טוהט זיך.

איהר האָט בעדארפט הערען מיט וואָס פאר א געשמאַק ער פלעגט דאָס אויסריידען דעם „ר" אין דעם „בררררראנד" אָדער „קררררייגק"... דאָס איז שוין געווען זיין דזשאב — טהיילען הענדבילס; און אז ער פלעגט שוין אָננעהמען צו זיין אין א קאָמיטע, פלעגען מיר שוין אלע זיין רוהיג. ווען א רעדנער פלעגט ריידען — דער עיקר א געוויסער פון זיי, קאָטלער'ס א ליעבלינג — פלעגט ער, צוהערענדיג, ביסלעכווייז צואווארימט ווערען, ביז דער אָטהעם פלעגט איהם פערכאפּען און דער פּנים פלעגט ביי איהם בלאָס ווע־רען; און אז דער רעדנער האָט אויסגעשריען עפּעס א שלום־פּונקט, פלעגען ביי דיעזען פיינטער טרעהרען בלישטשען אין דיא אויגען און ער פלעגט אפּלאָדירען ביז דיא הענד פלעגען איהם וועה טהאָן. אויפ'ן זיבעטען הימעל איז ער דאַן געווען; מיט דיא אויגען פלעגט ער דעם רעדנער אויפעסען.

זיין מאָזי פלעגט ער מיטנעהמען אויף אלע מיטינגען און האל־טען ניט אנדערש וויא לעבען זיך. מיט פיער יאָהר פריהער פלעגט ער אזוי איהם האלטען אויף זיין „שטאָדט" אין שוהל זאָגען מיט איהם קדושה, א פאטש טהאָן, שילטען פערקריצענדיג מיט דיא צייהן, ווען משה'קע פלעגט אביסעל „צוטאנדרעטעווען"; איצט איז דיא זעלבע מעשה געווען מיט דיא סאָציאליסטישע קדושות. ווען מאָזי פלעגט זיך פערטראכטען אביסעל בשעת דער רעדנער איז געשטאנען אויפ'ן פלאטפאָרמע, פלעגט זיך אָפּטהאָן מעשים.

— וואָס האָסטו זיך פערגאַוועדט, אמעריקאנער לויפער, א כאָלעריע דיר אין דיא ביינער אריין?! — אום ניט צו שטערען דעם מיטינג, פלעגט ער דאָס איהם איינראַמען א סוד אין אויער און דערביי איהם א זעץ טהאָן אין זייט.

און איהר האָט בעדארפט הערען וויא מאָזי פלעגט מוזען איבערזאָגען שטיקלעך רעדעס! ער האָט געהאט א נישקשה'דיגען קעפּעל, דער אינגעל, ניט קיין שלעכטען זכרון. א בלייכינקער מיט שווארצע אויגלעך, מיט א כיטרען קוק — אלע האָבען מיר איהם געקענט אזוי גוט וויא קאָטלער'ן אליין.

# III

איינער פון אונזערע חברים האט געהייסען קאפלער. מיר האבען איהם אלע געקענט. ער איז אבער געווען פון יענע געגענדען, וואס זעהען אויס ווי [illegible] אלע מיטינגען, און אז ווי שטעהלען אמאל, כאטש [illegible] זיך ניט אז ווי זייגען ניטא. ער האט געטראגען א מאכארקע אזוי וויא ער וואלט איבער געטראגען אן עמער וואסער. דיא האט איז ביי איהם געווען [illegible] פון א זייט — א בלייכער אויגעל מיט א [illegible] בערדעל, וואס האט אויסגעזעהען וויא דריי גרויסע הערנער און איינער א קליינטשיגקער. ער איז געווען א שניידער. [illegible] געשמייכעלט פלעגט מען איהם באגעגענען א [illegible] איבער [illegible], לעמאל, — דער לויף א ביסעל אויסגעבויגענע, דיא הענד [illegible]. זיין [illegible] (ער איז נאך דאן געווען א אינגעל פון א יאהר 11) שטעהט אייף א קארנער; [illegible] ווייטער [illegible] א חבר, און נאך ווייטער [illegible] וואו א [illegible] פון דער [illegible]. דיא קינדער האלטען [illegible] און [illegible] דיא [illegible]. און ער, קאמ־ פער, איז [illegible] דער [illegible].

— [illegible]! [illegible] ברענגר דיר אין דיא ביינער אריין!

ער [illegible] מיט [illegible], [illegible] מיט דיא ציינער; דיא בלוט ניט זיך איהם [illegible] אין [illegible]. איא נאכדעם האט ער שוין געזאגט: [illegible] דער [illegible] איהם [illegible] פון [illegible], [illegible] איהם אויס [illegible] און [illegible] ער [illegible] וויא א בגד.

— און איז [illegible] א [illegible] יונגע לייט אין [illegible] ניט [illegible]. מיינסט איך האב ניט [illegible], א [illegible] אין [illegible] אריין!

שטערען און אראָפּצוקוקען פון אַזא הויכע מדרגה, פון וועלכער עס זעהט זיך א גאנצע מענשהייט; ער איז געבעך ניט מעהר וויא אַן איינפאַכע הוהן, זיין גייסטעל. ארומלויפען איבער דער ערד, פּאַטשען מיט דיא פליגלען אין שטויב, פיקען שמוצינע קערנער און ניט זעהן וויטער פאַר זיין שנאָבעל; קוואָקטשען און ניט הערען מעהר וויא דעם קול פון דיא אייגענע היהנדעלעך אָדער פון אנדערע וואָס זיינען נאָהענט דערביי — דאָס איז זיין היהנערשע נאַטור; און אַלס א הוהן איז ער ניט אָהן א הארץ... ריזענבערג פאָדערט פון איהם אַן אָדלערשע נאַטור, מיט אָדלערשע פליגלען, מיט אַן אָדלערשע פּאָר אויגען... בעסער אָבער א סימפּאַטישע הוהן וויא אַן אַנטיפּאַטישער אָדלער...

בשעת ער איז געווען „אונזערער", האָבען מיר קיין קשיות ניט געפרעגט. אין אונזער שול איז ער געגאַנגען, אויף דיא מיטינגס געווען טהעטיג — איז ער געווען כשר. איצט איז ער טרייף, ווייל ער האָט אויפגעהערט צו אונז אין שוהל צו געהן. עס איז אָבער דער זעלבער בונימאָוויץ. עס זיינען דאָ ביי אונז חברים, אידישע און קריסטליכע, וועלכע זיינען רייכער פאר דעם פעטען דאָקטאָר; זיי זיינען ביי אונז געווען, זיי זיינען דאָ און וועלען אייביג זיין. איניגע פון זיי האָבען א נשמה יתירה. אַלע אָבער?

קענט איהר דען ניט דעם טיפּ רייכען סאָציאַליסט, וועלכער האַלט זיך ביי דער בעוועגונג בלויז פון געוואָהנהייט, אויב ניט אפשר װאָר ווייל מען קען לייכטער צוקומען צו דער עפענטליכקייט דורך דעם... מאנכע פון דיעזען טיפּ זיינען פיעל ערגער וויא דאָקטאָר בונימאָוויץ, כ'לעבען.... זיי זיינען אָבער נאָך אַלץ אונזערע, אלזאָ זיינען זיי נאָך אַלץ כשר...

און צו דען מיינט איהר אין אמת'ען אַז אונזער סאָציאַליזמוס האָט שוין פערנומען דיא גאַנצע נשמה יתירה פון דער וועלט? ווען צווישען דיא „ניט אונזערע" וואָלטען קיין מענשען מיט גיל־דערנע הערצער ניט געווען, טאָ צו וואָס לוינט ווייטערע פּראָפּאַגאַנדא?

פֿאַרשטאַנען אַוודאי איז דאָך דער זעלבער בעריטשאָוויץ, — אַ ראָטשע. פֿון פֿריער, — מיט אונז צוזאַמען געגאַנגען אויף די פּיקניקן, געוועזן פֿרייליך, געטאַנצט, האָט וויצים אויך! אַ געזעלשאַפֿטס־פֿאַרוויילונגען. און דיא דערבאַרעמען, אַ נאַכאַנדער „יאַ כמעט דאָס" געווען... און ביי אונז האָט ער געהאַט אַ שם פֿאַר אַ גוטען ברודער... ווען דאָס זיין, אַז אַ רייכערער לעבען אַנדערש אַזוי ווי די מענשען? ווען דאָס זיין, אַז זיינע פֿון אַזעלכער באַציאַליסטישע פֿרייגע געלט, וואָרט אייגענער שאַפֿט דער פֿלאַם! וויא לאַנג, דויבט זיך, איז דאָס געווען? געוואַלד! עס איז דאָך אָנגעבלאָזען וויא אַ גאַנצער שוואַרץ וואַגען — „וואָרט, זיידע, אַזוי ווערט זיין אויס לעבען, וועט אויך זיין אויס אויפֿגעלעבט", זאָגען זיי, געוואַלד! געוואַלד!

דאַמאָלס בעריטשאָוויץ איז אָבער איינגעמאָליך דער זעלבער וויא פֿאַר פֿערצען יאָהרען. ער האָט נאָר נישט געהאַט און נאָר נישט פֿאַרלאָרען; ער איז מיט אונז גוט און מיר זיינען מיט איהם גוט.

דאַמאָלס בעריטשאָוויץ איז ווירקליך נישט קיין שלעכטער און געמיין; עס זיינען דאָ מיינונגען געגען מענשען פֿאַר איהם. קיין גרויסע נשמה יתירה האָט ער אָבער קיין מאָל ניט געהאַט.

זיינע שפּעקולאַנטען אינטערעסען איז נישט וואָס צו באַווייזען. אַז ער בעלאָנגט זיין מענשעס און דער באַציאַליסטישער באַוועגונג? געהערט און געלעבט זיך אויף דיא פֿאַרזאַמלונגען? קיין אינטעליגענט כאַראַקטער איז דאָס אָבער נישט געווען. דאָס זעלבע איז, ווען ער מוז אויסציהען אַ סיגאַר; עס איז מאָדע אַז אמת'ע טובה, און ער שוועלם פֿון זיך דערביי מיט'ן גענוג האָרצען. אַ וואָכעדיגע קוועטש לאַנגט איז עס אָבער. און דיא נשמה יתירה איז דאָך אַ שבת'דיגע...

פֿאַרשטאַנען ווי וויא שטענדיג עס וואָלט געווען, ווען דיא וועלט וואָלט איינגעשטעלט געוואָרען אַנדערש; זיך צופּאַסען דאָס האַרץ, פֿאַר וואָס עס איז בעשאַפֿען, און שאַפֿען מיט די רציונות אַהין, וואו עס איז ליבליך — דאָס ניט. דער דאַמאָלסדיגער האַרץ איז גוט; אָבער זיין גייסט איז קיין פֿאָלק ניט צו שאַפֿען צווישען דיא

צורייסען רעצעפּטען, ווען מען פלעגט אזוי גיך ניט צאָהלען; אָפּט וויעדער, אז דער אנדערער שנעון פלעגט איהם א נעהם טהאָן, פלעגט ער זיך גאָר ענטזאגען צו נעהמען די געלד אין אן אָרימער הויז און פלעגט נאָך געבען אויף א רעצעפּט, און אראָפּגעהענדיג פון דיא טרעפּ זיך פרעגלען קוועלענדיג פון זיין אייגענע גוטסקייט.

— בשעת איך בין געווען א נאר, א סאָציאַליסט, פלעג איך א סך ריידען און גאָר נישט טהאָן, אָבער איצט דערצעהל איך קיינעם קיין מעשה ניט, און וויפיעל גוטעס איך טהו, דאָס ווייס איך אליין — איך און דיא הונדערטע מענשען, וואָס איך העלף.

אז ער האָט זיך אריינגערוקט א ביסעלע אין דער פּאָליטיק אריין, האָט ער נעקראָגען עטליכע קאָסטימער אויף עללען סטריט. *) ער פלעגט זיך בעריהמען וויפיעל געלד מען שעפּט פון אזעלכע. כאָטש שטעל אוים דיא הענד און שעפּ גאָלד!... און פּונקט וויא אין הייזער פון דיא עהרליכע ארבייטער, אזוי אויך דאָ, אין דיעזע גילדערנע הייזלעך, האָט מען געשריען אין איין קול, אז דאָקטאָר בוגימאָוויץ איז א גוד פעלאָו, א מענש אָהן א גאַל.

און אזוי האָט ער זיך ארויפגעארבייט אויף דיא ריעל עסטייט, ביז דאָס האָט איהם אָנגעהויבען מעהר זיך צו לוינען וויא דיא דאָקטאָריי. 40 טויזענד דאָלאר האָט ער דיעזען יאָהר פון דיא ריעל עסטייט געמאַכט.

ריזענבערג איז געקומען אהיים א צוטראָגענער, א צוקאָכטער. זיין הארץ האָט איהם געברענט אויף זיך אליין, פאר וואָס ער האָט ניט אָפּגעענטפערט דעם פּעטען דאָקטאָר וויא עס האָט זיך געפּאסט פאַר איהם. דיא פראַנצויזען רופען דאָס „טרעפּ־שכל“, ד. ה. דער שכל ,וועלכער פאַלט אריין אין קאָפּ, וויא אזוי מען האָט יענעם בעדארפט ענטפערען, בשעת עס איז שוין צו שפּעט — ווען מען געהט שוין ארונטער פון יענעם'ס טרעפּ... סטייטש, מיט א יאָהר

*) עללען סטריט איז דאַן געווען דער מיטעלפּונקט פון אונאָנשטענ־דיגע הייזער אין דעם אידישען קווארטאל.

רעזיגנירט האט ניט אפגעשטעלט, ווי ער וואלט אנגעווענ-
דעט שטענדיג געוויסע אויסרעדעניש. ער האט זיך געפיהלט ווי א
יתום, וועלכען מען פארשטויסט. ער האט קיין מוטה ניט געהאט זיך
צו שטעלען געגען דעם ראבינער. עס איז איהם כמעט געווען מיאוס
געווארען אינ'ם הארצען...

שפעטער האט זיך דערווייל אויסגעגלעטען:

— שוין ווייט בלייבען!... ווהאט'ס דהי יוז? אמעריקא איז
ניט היימלאנד... איך האב איינ א מאל... ווייסט דאך... אט קוק
אויף מיר...

דאס איינציגליך איז אויף איהם שווער געווען צו קוקען!...
א פערזעהנליכע זאך: בעטראכטענדיג האט ער זיך מיט זיין ריעל
געמיינט א סך מעהרער ווי א מיט זיין בעדייטען: און ווייזט איהם
אמעריקא איבערהויפט זיין סימבאל „ראבינער" צו זיין נאמען —
האט זיך אפגעהאלטען בעצייטען. ער האט א מאל און צוויי דריי נער-
ווייס בעזעהן איינמאל, ווייל ווי פלעגט איהם נאר רופען „ביבלער
לערנער". נאטירליך איז ווי איהם קוליג געווען א פאר מאנאט
דענקט. אבער קיין ערלעבטער אין הארצען איז ער ווירקליך ניט.
אין דער זעלבער הויז וואהנט פון אנדער אירענע, א כימרע פורם,
דאס ווייב א ביסעל היינטיגע צעטלאגנטס און איז א מבין אויף
אלערליי פאבעליטער ווי איהר לעגרישרד, רופט ווי איהם ניט
אנדערש ווי „דער הערר ראבינער" און רעדט מיט איהם אריין
אין „ריליגיאנסדירעל", — דאס ווי בעי איהם א בעטערען „טשאנס".
פאר קיין ערלעבטען האלט איהם היינטער פון ווייגע בעגעגנט
ניט. אבער בעי ווי בלייבען בעי איהם דיא הייזער ניט לאנג;
ער גייט ווי הויפטזעכליך אויף באזוכאציע. דאס איז דער היינ-
טיגער קאפיטאל פון זיין לעבען. אנגעזאנגען האט ער ווירקליך
פון פריהער. עלטערע האבען די לאנדסלייט-ברידער צו איהם געקלעבט.
אלע האבען געדארפט אין אים הילף, ווי ער איז א גוטער ברודער. א
רעכטשאפענער מענש. ער האט געטאן חן. אבער, או עס פלעגט
איהם אנגרייפען דער סאמיר און זיין נארישער שמאנץ, פלעגט ער

געהען צו־פּוס. איך ווייס גאָר ניט וויא מען זיצט אין אַ קעב.

וויא פּעט דער דאָקטאָר איז געווען, אַזוי שוואַך איז געווען זיין כאַראַקטער.

— אַללראַיט, פאַר אַזאַ פריינד וויא דוא וועל איך אויך געהן צו פוס, — האָט ער געשפּאַסט, שוין אויף רוסיש. פון אָנהויב האָט ער גערעדט מיט אַ שמייכעל, און דערנאָך מיט אַ סעריעזען פּנים. ער האָט זיך גענומען פּערענטפּערען, אַז מען קריכט אַזוי פיעל אוים אַלע הויכע עטאַזשען אַלס דאָקטאָר, אַז אָהן אַ קערידזש קען מען ניט אויסקומען; אַז ער האָט זיך שוין צוגעוואָהנט צו דעם; אַז עס טהוט איהם ווירקליך זעהר הנאה צו זעהן זיך מיט ריזענבערג'ען, א. ז. וו., א. ז. וו.

ער האָט בעצאָהלט דעם קעב־מאַן, און די צוויי זיינען אַוועק. מען איז אריין אין אַ בראָדווייער קאַפּפע; מען האָט זיך צורעדט און ריזענבערג האָט זיך צוקאָכט וועגען די סאָציאַליסטישע וואַהלען אין דייטשלאַנד. דאָס איז שוין כסדר אַזוי מיט איהם: ער צו־רעדט זיך וועגען וואָס עס אינטערעסירט איהם, גאָר ניט קוקענדיג אויב זיין צוהערער אינטערעסירט זיך מיט דעם אָדער ניט; און דעם דאָקטאָר זיינען דיא סאָציאַליסטישע וואַהלען טאַקע אין דער לינקער פּאה ניט געלעגען. דער רעדט און קאָכט זיך, און יענער קלעהרט גאָר וועגען דער נייער הייזקע, וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען צו בויען אויף צו פערקויפען. אָבער דיא צוויי גלעזער ביער זיינען שוין געשטאַנען אויפ'ן טיש.

האָט איהר ווען בעמערקט וויא איינער בעצאָהלט פאַר דעם אַנדערען'ס ביער? צוויי בעזונדערע פּנים'ער! לויט דעם געשטאַלט קען מען דערקענען, אַז ד ע ר טראַקטירט עס און אַז י ע נ ע ם איז מען דאָס מכבד. אַלזאָ, דער דאָקטאָר האָט זיך געפיהלט אויפ'ן הארצען וויא דער טראַקטירער, פריינדליך און פרעהליך, וואַרים און ברייטליך... און זייענדיג אין דיעזען מוטה, האָט ער זיך אָבגערופען, מעשה וואַהרער גוטער פריינד:

— צו דען ליגען נאָך דיר דיא אַלע נאַרישקייטען אין זינען?

בראָדוויי, הענרי, סטריכאַן... ווי ער האָט נאָר דערקענט ריזענ־בערגן פון ווייטן, איז זיין גאַנג פּלוצלינג לאַנגזאַמער געוואָרען; דיא הענד האָבען אויסגעהערט צו וואַרפען זיך, דיא פּלייצעס האָבען זיך עפּעס איינגעהויבען — ער איז אויף צעהן מדרגות סטאָלנער געוואָרען.

ריזענבערג האָט דאָך איהם אָבער טאַקע געזעהן געהענדיג צו פוס, און עפּעס נאָר ניט מעשה ראַהמאַר... צום גליק זיינען אויף דער 42סטער סטריט דאַ געווען קעבס.

— קעב! — האָט ער גלייך א ברום געטהאָן, וואַרפענע א קנאַפּ מהודרדיג מיט צוויי פינגער צו איינעם פון זיי, און אזוי וויא ער וואָלט נאָר ניט בעמערקט, אז עס איז דאַ א ריזענבערג אויף דער וועלט.

דער קעב איז צוגעפאָהרען. דער דאַון־טאַונער האָט זיך אריינ־געזעצט מיט אַפּגאַנגער בריימקייט, און וויעדער ראַהמאַר בוניטאַ־ווירז, אזוי ווי נאָר קיין מאָל ניט געשליידערט מיט די הענד.

אין דיזער מינוט איז דער אנדערער שוין געווען אויס'ן סייד־וואָק דערביי. איצט אָבער האָט זיך שוין געלוינט איהם צו דער־זעהן.

— אָה, ראַי דו יו דו? אי העוונ'ט סין יו פאָר איי לאָנג טיים. *)

ריזענבערג האָט א מאָדנע נאַטור: ווען אַזעלכע חברה וויא ראַהמאַר בוניטאַווירז רוקען זיך ניט אנדערש וויא צו ריידען ענגליש, ענטפערט ער דווקא אויף רוסיש. לאַנג האַלט זיך אָבער זיין ניפּט ניט; עס ברענט איבער און ער האָט אליין רחמנות. פון דעסט־וועגען ווען דער ראַהמאַר האָט איהם איינגעלאַדען צו זעצען זיך לעבען איהם אין קעב, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען א לאַז צו טהאָן א שפּילקע:

— דו ווייסט דאָך, אז מיר זיינען פּראָסטע מענשען. מיר

*) אָה, וואָס מאַכסטו דו? איך האָב דאָך דיר שוין לאַנג ניט געזעהן.

## II.

איינער פון זיי האָט געהייסען ריזענבערג. ער איז שוין זעהר לאַנג אין אַמעריקא, אָבער — וויא זאָגט דאָס ווערטעל? — „ניט רייכער, ניט פרימער“. אין דער היים, אין דיא צייטען ווען אידען האָט מען נאָך אין אוניווערסיטעטען און גימנאַזיעס צוגענומען אָהן „פּראָצענטען“, האָט ער זיך געפערטיגט אַנצוקומען ערגעץ־וואו. אין יעדער אידישער שטאָדט פלעגט שוין דאַן זיין אַ גרויסע קאָמ־פּאַניע יונגע לייט אַזעלכע. מען פלעגט זיי רק זעהן אויפ'ן גאַס מיט ביכלעך; צי האָבען זיי געלעזען צי ניט, — מיט ביכלעך פלע־גען זיי זיך שטענדיג ארומטראָגען. אָבער ריזענבערג איז געווען איינער פון דיא וואָס לעזען טאַקע.

מיט דער צייט האָט ער זיך פערפּלאָנטערט אין אַ ניהיליסטישע מעשה, אָפּגעזעסען צוויי יאָהר און אַ האַלב און געקומען נאָך אַמעריקא. דאָ איז ער פערקאָכט געוואָרען אין סאָציאַליסטישע מיטינגען און אַזוי איז ער פערבליבען.

אנומעלט געהט ער אויף דער 42טער סטריט לעבען דער 6טער עוועניו. פון ווייטען קומט אָן אַ ניעדריגער מאַן, אַ פעטער, מיט אַן אויסגעשטעלטער ברוסט, מיט אַ שפּיציג־בעשאָרענע בלאָנדע בערדעל. דאָס איז אַן אַלטער פריינד זיינער, דער צווייטער עמי־גראַנט, וועגען וועלכען איך וויל דאָ דערצעהלען. ער איז אַ דאָק־טאָר — דאָקטאָר בונימאָוויץ.

דער קאַפּעליוש זיינער איז געווען שעהן און ניי, אָבער אַ ביסעל פּעררוקט אויף הינטען; דער אונטער־ראָק אָבגעשפּיליעט; און געהענדיג האָט ער האַסטיג געמאַכט מיט די הענד. דאַן טאָן זעהט מען איהם קיין מאָל ניט אַזוי. דאָרטען פאָהרט ער אין אַ קערידזש. אָבער די 42טע סטריט איז אַזוי ווייט פון איסט

צוגאָבנס דער טאַטע אויס אַ פֿער'לכ'עטער און זינגט אַ בעגריסונג
צו די מלאכים...

ער איז מקבל פּנים די שבת, וואָס ער פֿיהלט ביי זיך אין הארצען. איטס'ן נאָס איז שטיל. אין שטוב איז ליכטיג. די שרים שלאָפֿען. די נשמה יתירה איז דאָ!

צוויי דריי פֿערהאַרטעוועטע מענשען קענען זיך נים פֿאָרשטעלען ווי מען וואָלט געלעבט אויף דער וועלט ווען קיין שבת וואָלט נים געווען. אזוי קען מען נים דענקען וועגען אזא מאַן. פֿרוי איטער קינדר, אויף וועלכע די שכינה נים קיין מאָל נים קיין שיין. דער ווילד־כמער פֿון אונז דאָס ווערט פֿאַרשוואַונדען אין הארצען.

יאָ; אַלץ איז פֿערהעלטניסמעסיג... אידען זיינען אַ פֿאָלק פֿון נקפּיהל? בכלל — יאָ. עס זיינען אָבער דאָ אַלערליי אידען.

וועגען וועלכענע מינוטען רעדט מען נים; מיר מיינען אזעלכע נאַמורען, וואָס האָבען די פֿעהיגקייט אויף לאַנג אָדער איבער בעגייסטערט צו ווערען פֿאַר אַ פֿיינעם געדאַנק; צו טרויטען וועגען ליבפּינע צייטען; צו פֿערגעסען זיך אָן ווייטערע גראָבע, קאַלטע אינטערעסען; מיר מיינען מענשען, ביי וועמען דער מלאך וואָבט אָפֿט אויף אין מיטען־וואָך.

עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זיינען דערצו נים פֿעהיג.

אָט וועגען די־זען וואָרט נשמה יתירה וויל איך ריידען. שבת'דיגע נשמות, וואָכעדיגע נשמות — דאָס איז מיין מהעמא.

דער סאָציאַליזמוס וויל, אז דער שרים־נייסט זאָל אָבגעשאַפֿט ווערען; די נשמה יתירה זאָל זיין אָן איבעריגער נאַכט — אין פֿאַבריק אַזוי גוט ווי אין זאַל; אין קראָם ווי אין ביבליאָטהעק.

אָבער נים וועגען סאָציאַליזמוס, נור וועגען עטליכע סאָציאַליסטען, מיט וועלכע איך בין געווען בעקאַנט, וויל איך דערצעהלען.

דיעזען מאָל אָבער האָט זיך אויף אַ מינוט געמאכט אַן ענדערונג. מיט אַ וואָך פריהער האָט דער ריכטער אַ געוויסען אדוואָקאַט איבערגעגעבען דעם פּראָצעס פון אַן אָרעמען 13־יעהריגען אינגעל, וועלכען מען האָט ארעסטירט פאר אַ גנבה און וועלכער האָט זיך אליין ערקלערט שולדיג. דאָס איז געווען איינער פון דיא אומזיסטע פּראָצעסען; אדוואָקאַטען מוזען זיי נעהמען אלס אַ פליכט. געוועהנליך מאכען זיי זיי אוועק מיט'ן האגד. דער איגגעל האָט אָבער געהאַט אַ סימפּאַטהישען פּנים'ל, און דער פערטהיידיגער האָט זיך פעראינטערעסירט. זיין אנטוואָרט צום ריכטער איז געווען:

„יור האָנאָר, איך האָב דיא זאַך אויסגעפאָרשט, און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז ער איז בעגאַנגען פערברעכענס גאַנץ אָפּט, אָבער דיעזען מאָל איז ער, דוכט מיר, גראַד אונשולדיג. ווארום ער האָט געפונען פאר נויטיג זיך צו ערקלעהרען שולדיג, ווייס איך נאָך ניט. אָבער איך גלויב, אַז דער יושר פאָדערט מען זאָל איהם ניט לאָזען נעהמען אויף זיך דיא שולד; איך וועל דעם פּראָצעס פיהרען אומזיסט. איך האָף צו בעווייזען זיין אונשולד.“

דיא ווערטער זיינען געגאַנגען פון הארצען. דער דזשאָדזש האָט געקוקט מיט דאנקבארקייט. אין דעם געפּאַקטען צימער איז געווען שטיל, ביי אלעמען זיינען דיא געזיכטער בעלויכטען געוואָרען. דיא קאַלטע, הארטע מעבעל זעהען גאָר קיין מאָל ניט אזעלכע פּנים'ער. דיא נשמה יתירה האָט דורכגעשוועבט.

באַלד איז פאָרגעקומען אַן אַנדער פּראָצעס און אַלץ איז וויעדער געוואָרען הארט און קאַלט. דיא נשמה יתירה איז פערשוואונדען...

שרייבער האָבען פאָרגעשטעלט דיא ווילדע חיה, וואָס ליעגט אין דעם בעסטען מענשען; אויך האָט מען געשילדערט דעם מענש וואָס איז פערבאָרגען אין דיא ווילדעסטע צוויי־פיסיגע טהיער. יעדער פון אונז איז אַ צווילינג — אַ מלאך און אַ שד. דיא ביזנעס־וועלט איז אַ שדים־וועלט. ניט אומזיסט געהט פרייטאָג־

מען א מיסטער זיין אן איבערוואורף, א טינער אין א פענסטער־שאָכטע; ווען זיא זיצט אבער מיט איהר קינד אויפ'ן האַנד, און קושט עס און רעדט צו דעם מיט א קול, וואָס ציהט איהר האַרץ אַרויס, דאַן בלישטשעט די נשמה יתירה אין איהרע אויגען. ווען דער ערנסטער מענש שטעלט זיך אָפּ הערען ווי א מוזיק שפּיעלט, און ער פערטראַכט זיך דערביי, שיינט אויף זיין פּנים די נשמה יתירה.

איך האָב א מאָל געזעהן ווי א פּאָליסמאַן האָט אָהן שום אורזאַכע געשלאָגען א מענשען לעבען מיטה מעררי. די האַרץ האָט אין מיר געקאַכט; איך בין דעם בויאַן נאָכגעגאַנגען אום צו פערציכענען זיין נומער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער אייזערנער קייט וואָס צאַמט אָפּ דעם ים, און איז געבליבען שטעהן. עס איז געווען א שטילער זומערטאָג, און די געלאַסענע כוואַליעס זיינען געווען באַשפּריצט מיט גאָלד. פון ווייטען האָט די זון געשטראַלט אין אונטערגעהן; ווי א בלוט רויטער האַלב־קייקעל איז זיא אויפ'ן ים געלעגען; זיא האָט געזונקען און איבען האָבען א פּאָר וואָלקענגלעך געגליהט מיט איהר שיין. קיין ליכט האָט מען נאָך אין ערגעץ ניט אָנגעצונדען. אָבער אויף יענעם זייט וואַסער, אין ברוקלין, האָבען עטליכע פענסטער־שייבען פון א פאַבריק און א קירכע געפלאַמט מיט אָבגעשפּיגעלטע פייער, מיט א רויטינען בראַנד. דער פּאָליסמאַן האָט זיך פערקוקט... מיט אזא מילדען פערטראַכטען שמייכעל האָט ער געקוקט, אז איך האָב קיין האַרץ ניט געהאַט זיין נומער צו נעהמען... די נשמה יתירה האָט אויף דעם בויאַן גערוהט. עס איז גאָר ניט געווען דער זעלבער, וואָס האָט מיט א פערטעל שטונדע צוריק דעם מענש געשלאָגען.

דאַ ניט לאַנג איז מיר איינגעקומען צו זיין אין דעם גרויסען קאַזיאָנעם זאַל פון א געריכט. אַלץ איז דאָרטען האַרט און שווער, אַזוי ווי די איבערליגענדע מעבעל, וואָס שטעהט דאָרטען. די ריכטער, די באַאַמטע און אפילו די אַדוואָקאַטען בעהאַנדלען אַלע־מען ווי א קברות־מאַן בעהאַנדעלט מתים. עס איז זייער ביינעס.

דיא אונריינקייט? איהר זייט פארטיג צו אַן ערהאבענעם לעבען?
— קומט זי צו אייך.

איך שטעל זיך פאָר, אַז זיא געהט אַראָפּ פּאמעלעך; זיא שוועבט שטיל; איילעניש, כאַפּעניש, געפּילדער קען איהר איידעלע נאַטור ניט פערטראָגען.

זיא איז אָפּ דעם שבת מיט אונז — וואָס פאר א ליעבער אורח! וויא שווער עס איז דאָס מיט איהר זיך צו שיידען! וויא אומעטיג עס ווערט נאָהענט צו מעריב...

מען זאָגט, אַז דיא העבערע געדאַנקען, דיא איידעלערע געפּיה־לען קען מען מיט דער געוועהנליכער שפּראַך ניט אויסדריקען. דיא מוזיק איז זייער לשון; דיא מוזיק איז דיא שפּראַך פון דער נשמה יתירה.

א מוזיקאַלישעם פאָלק? דאָס מוז אויך זיין א פאָלק וואָס קען פיהלען איידעל, דענקען הויך, טרוימען אויפ׳ן וואָהר, דיא וואָכע־דיגע בגדים פון דער נשמה אַראָפּוואַרפען...

דיא פּאַרצייטיגע אידען האָבען דאָס דיעזע צויבער־ליעד פער־פאַסט. זיי ריידען אָבער בלויז וועגען דער נשמה יתירה, וואָס קומט צום גאַנצען פאָלק איין מאָל א וואָך. שטעלט אייך פאָר, אַז עס וואָלט קיין שבת ניט געוועזען אויף דער וועלט. וויא וואָלט מען געקענט לעבען? איך האָב דיעזע פראַגע פון פאָלק געהערט. דער שבת, אַלזאָ, איז דער איינציגער טאָג, ווען מען ווערט א שטיקעל מענש...

ניט דאָס מיין איך...

איך מיין יענע נשמה יתירה, וועלכע מען טראָגט מיט זיך ארום יעדען טאָג אין וואָך. ניט אימער איז זיא וואך און מונטער. א מאָל איז זיא פערשלאָפען, א מאָל פערטומעלט. ביי דעם אָבער, וואָס זיא איז דאָ, איז זיא דאָ.

עס פערשטעהט זיך, אַלץ איז פערהעלטניסמעסיג; דער וואָכע־דיגסטער כאַראַקטער האָט א מאָל שבת׳דיגע מאָמענטען; דיא גרעבסטע נשמה שיינט צייטענווייז מיט א שטראַהל פון פּאָעזיע.

המרשעת, זיינע שונאים, האבען וועניגער שליטה ווען דיא שוחל אין שטערטעל הויבט אן צו פינקלען מיט איהרע צעהנדלינגע פלאַ־מען — „א סימפאַניע פון שלום און ליעבע". ווי דער צו פריה גע־שטארבענער נאוועליסט דריקט זיך אויס.

איך שרייב דיעזע ווערטער, און אין די אויערן קלינגט מיר מיין פאטערס קול:

„שלום עליכם מלאכי השרת, מלאכי עליון..."

איבער'ן שטוב גייהט ער ארום הין און צוריק, הין און צוריק, דיא הענד פערלעגט אויף הינטען, דיא שיין פון דיא געבענשטע ליכט אויף זיין פנים; דיא שטימע קלינגט מיט א בעגייסטערטער הרחבה... דיא קראמען, דיא ווארשטאטען זיינען צוגעמאכט; דיא וואכעדיגע קלייהדער ארונטערגעווארפען; שטיל איז אויף דיא גאסען. שששש! עס איז שבת! אלץ איז אויסגעראמט, אויסגעצוואגען; א ליעבע ווארעמקייט אין שטובען; ריין און ליכטיג — פאריבער איז די וואכעדיגקייט. מלאכים זיינען אראפ פון הימעל, דיא נשמה יתירה איז דא! —

שלום עליכם מלאכי השרת מלאכי עליון.... שלום עליכם דיר, נשמה יתירה!...

עס טרעפט ניט זעלטען, אז פרייטאג־צונאכט ביים טיש איז דא צרות, צאנקעריי, פאלעמיקען. דאן זאגט מען: „א פערשטער־טער שבת". דער אמת'ער שבת, דער נימ־פערשטערטער, איז א טאג פון פריידען און צופריעדענהייט. קיין פערשטערטער מיט־וואך אדער דאנערשטאג איז נימא. אזוי וויא עס איז נימא אין דער שפראך קיין „גאנץ וואכער" אדער „שווארץ כאוועט".

פיל מיט פאעזיע איז דער אידישער געדאנק וועגען א נשמה יתירה. איך שטעל זיך פאר וויא זיא זיצט איבען, אין איהר הימעלשען געצעלט. ווייט פון רויבערייי מיט רייסעריי, פרעמד פון ליגענס און פון שווינדלען. וויא קומט זיא צו שפעט! זיא איז הייליג, די נשמה יתירה. פריעדען, ליעבע און ווארהייט איז זיא. עס איז פרייטאג פאר נאכט? איהר האט פון זיך אראפגעווארפען

## .I

דיא נשמה יתירה איז א צוגאָב צו דיא געוועהנליכע נשמה, לכבוד שבת. זיא קומט ארונטער צו ליכט־בענשען צו בעשיינען דיא שטונדען פון רוהע און פריעדען. נאָך הבדלה שוועבט זיא דורך דער פינסטערניש צוריק אין דיא הימלען ארײן. א גאנצע וואָך האָט מען נאָר איין נשמה.

שבת טהוט יעדער איד אָן רײנערע בגדים; אפילו דער אָרעמ־סטער. צו קומען אין שוהל אין דיא וואָכעדיגע קליידער איז ערגער וויא א בזיון: עס איז א חלול השם. אלץ איז הייליג, אלץ שמעקט מיט רײנקייט, אלץ איז מיט יום־טוב׳דיגע אָרדענטליכקייט דורכגעדרונגען. פסח׳דיגע שפייז ווערט חמץ׳דיג אין כלים פון א גאנץ יאָהר; דער שבת־גייסט פארטראָגט ניט קיין וואָכעדיגע העמד אָדער ראָק; דיא נשמה יתירה קען ניט ליידען דיא מלבושים, אין וועלכע מען האָט געהאנדעלט און געדרעהט, געקרוטשעט און געריסען זיך. פרייטאָג־צו־נאכט איז א גן־עדן בילד אויף א גיהנם־וועלט. א גאנצע וואָך איז מען אין גלות — אין א וועלט פון אנגסט און חרפה: מען ציטערט, מען האסט, מען מאכט א בארג אש, פון יענעם און פון זיך. דער שבת קומט אָן, לעבט מען אָפּ; דיא וואָכעדיגע נשמה לעבט ניט; זי איז פערשמייעט אין „מאכען א לעבען". דיא נשמה יתירה לעבט. זיא קומט פון הימעל אראָפּ.

ווער עס וויל שילדערען שעהנקייט אין דער אידישער וועלט, יענער מאָלט אונזער פרייטאָג־צו־נאכט.

דער אונגליקליכער פאָלק, דער פאָלק וואָס צאפּעלט זיך זעקס טעג אין טויט שרעקניש, אין האלב־גראָשענע ביטרעקייט, ווערט א פרינץ, ווען ער געהט בעגעגענען די מלכה שבת. אפילו דיא

# דיא
# נשמה יתירה

# פאָרוואָרט

די „נשמה יתירה" האָט זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס", וואו דאָס איז געגאַנגען פון שבת־צו־שבת אין דעם יאָהר 1900. אין אַ בוך ערשיינט דאָס ווערק יעצט צום ערשטען מאָל.

אין דיא דרייצעהן יאָהר זיינען אין דעם לעבען פון דעם אידישען קוואַרטאַל און פון אידען בכלל פאָרגעקומען היבשע ענדערונגען. דיא „נשמה יתירה" ווערט דאָ אָבער געדרוקט, אין איהר עיקר, אַזוי וויא זיא איז געשריבען געוואָרען.

„פענני'ס חתנים" האָב איך צוערשט אָנגעוואָרפען אויף ענגליש; עס איז אָבער ניט בעאַרבייט געוואָרען צום דרוקען. שפּעטער האָב איך פון דעם צוגעגרייט אַ אידישע איבער־זעצונג; אָבער זיא איז נאָך קיין מאָל ניט געדרוקט געוואָרען. דיא ערצעהלונג ווערט דאָ אַלזאָ אַרויסגעגעבען צום ערשטען מאָל.

א. ק.

JUN 2 6 1935

# דיא נשמה יתירה

און

# פענני׳ם חתנים

פון

אב. קאהאן